STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02441

DOS LEBEN FUN THEODOR HERTSL

Adolf Friedemann

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פרידעמאן

דאס לעבען פון טהעאדאר הערצל

הרצל

אדאלף פרידעמאן

דאס לעבען פון טהעאדאר הערצל

ת ר פ א

י י ד י ש ע ר פ א ר ל א ג / ב ע ר ל י ן

איבערזעצונג פון ד׳ צ׳
געדרוקט אין דער „עֶבר״־דרוקעריי׳ בערלין׳

Copyright 1921 by Jüdischer Verlag / Berlin

דאס בילד פון הערצל׳ן איז געצייכנעט פון הערמאן שטרוק׳

הקדמה

דאס ביכעל איז א קליינער חלק פון דאנק־געפיהלען און געטרייען כבוד. און ס׳איז נאך אלץ א שוואכער נסיון אקעגען דעם בעדערפעניש הערצעל׳ס ווארמע, לעבעדיגע צורה צו דערהאלטען, אזוי ווי זיינע מקורבים האבען זי געזעהן. ס׳קען דאך נור דער גאון רעכט תופס זיין דעם גאון. פון זכרונות, פון מיינע אייגענע און מיינע פריינד׳ס רשימות און אויך פון ארכיוועז און א סך בריעף פון הערצל האב איך צונויפגעטראגען דאס מאטעריאל צו זיין צורה.

פאר׳ן פאלק האב איך געשריבען, פאר׳ן פאלק וואס הערצל האט געליעבט און וואס האט איהם צוריקגעליעבט מיט דעם חוש וואס פיהלט דאס געטרייקייט. דערפאר האב איך נישט געזוכט קיין פרטים און מיך נור צוגעקוקט צום כלל. אויף וויפיל ס׳לאזט זיך האב איך מיך דערוויטערט פון וויכוחים. הערצל אליין וואלט אזוי געוואלט, און די מעשים זאגען אמבעסטען אליין עדות אויף זיך.

איך דאנק הערצליך אלע וואס האבען מיר צוגעהאלפען ביי דער ארבייט. און די וואס זענען נאהנט געווען צו הערצל׳ן בעט איך, איבער דעם ביכעל נישט שארף צו משפט׳ן: ס׳איז געשריבען מיט ליעבע.

אדאָלף פרידעמאַן.

בערלין, מאי 1914

"מאג אונזערע צייט מיך בעשטרייטען,
איך לאסס' עס רוהיג געשעהן —
איך קאממע אויס אנדערען צייטען
אונד האפפע, אין אנדרע צו געהן."
גריללפארצער.

הערצל צו ג. ג. כהן, אים 18. XI. 01.

צעהן יאהר זענען פערגאנגען פון דעם טאג וואס טהעאדאר הערצל איז אונז אוועקגענומען געווארען — ס'איז א לאנגע צייט אינ'ם לעבען פון א פרט, אין וועלכער ס'קען זיך אסך מאל דער גאנצער מענש, זיינע געדאנקען און געפיהלען, פערבייטען. די פעלקער לעבען פאַמעליכער, און זייער נשמה ווערט נור צוביסלעך אנדערש. הונדערטער יאהרען האבען זיך די דייטשען, ענגלענדער און רוסען גארנישט געאַנדערשט, אזוי אז מ'האט געקאנט אויסלערנען אַ טיפּישען כאראקטער וואס שפּיגעלט אָפּ זייער פאלקס־נשמה, און באשר די לעבענס תנאים זענען געווען גאנץ גלייך אדער נור מיט קליינע חלוקים, האט דער המון זיך געשאפען אנ'אידעאל פון זיין פאלק. יעדער פרט האט זיך צוגעגליכען צו דער אידעאלער צורה, און האט איבערגענומען, מיט ווילען אדער בירושה, איהרע תכונות. אזוי איז ארויסגעקומען דער דייטשער מיכעל, איליאַ פון מיראָם, דזשון בול. אבער אינ'ם לעבען פון יעדער אומה קומען מינוטען, ס'רוב בשעת אַ שווערע ציטערניש געהט דורך פון אינוועניג אדער אויסענווענינג, וואס מאכען אנדערש די גאנצע פאלקס־נשמה; זיי געבען דעם פאלק ציעלען, צוליעב וועלכע ס'מוז זיך צוגעוויינען צו נייע תכונות אדער צו אזעלכע וואס זענען ביז אצינד וועניג חשוב געווען. דעמאלט מאכט זיך דער המון אַ נייעם אידעאל, שאפט זיך נייע מוסטער־צורות, און זיין גאנצער כאראקטער בעקומט אַנ'אנדער פנים. אין א זעלכע טעג פרעהען זיך די יונגע איבער זייער נצחון, און די אלטע קלאָגען, ווייל ס'ווערט נאך

אמאל חרוב אַ „אלטע גוטע צייט״. וואס איז איבערגעבליבען אינ׳ם דור פון מאשינען און מיליטאריזם פונ׳ם כאראקטער וואס די דייטשע אומה האט געהאט צו געטהעס צייטען? דעמאלט האט זיך אין דייטשלאנד געקאכט מיט די פיינע עמפינדליכע ווערטערס און לאָטטעס, מיט ראמאנטיקער אינ׳ם לעבען און אין די ספרים; דעמאלט האט נאך געלעבט דער פרומער, פערחלומ׳טער, נאַאיווע - סבלנות׳דיגער מיכעל. היינט געפונט מען איהם שוין נישט. אויס די ראמאנטיקער לאכט מען און אויס די פרומע מאכט מען חוזק, און אויף דער דורכשניטליכער דייטשער יוגענד קען מען נישט זאגען, נישט אז זיי האבען אין זיך תמימות און נישט אז זיי זענען שטארקע סבלנים! אָט אזא ענטוויקלגנג, צי מ׳פרעהט זיך איבער איהר צי מ׳האט צער — פאר׳ן פאלק פערשטעהט זי זיך אליין, פאר אַ פאלק וואס זיינע לעבענס - תנאים זענען נארמאל און זיינע לעבענס-ציעלען געהען כסדר ווייטער.

נור די יודען האבען זיך הונדערטער יאהרען נוהג געווען זיך הינקענדיג נאכצושלעפען נאך די מעשים און די געשעהענישען, זיי זענען תמיד דאס געווען וואס זיי וואלטען בעדארפט צו זיין פאר הונדערט אדער צוויי־הונדערט יאהר: סכאלאסטיקער אין די צייטען פון לוטהער און רייכלין, מיסטיקער און חסידים פון שבתי צבי — אין די צייטען ווען ס׳האבען אנגעהויבען ארויסצוקומען די תורות פון די נאטור־פילאזאפען, ווען ס׳האבען זיך אבגעטון די גרעניצען צווישען די פעלקער, זיי זענען געווען קאסמאפאליטען ווען אין דער גאנצער וועלט האט געהילעכט דאס בת - קול פון נאציאנאלעטעריעס און די פעלקער האבען זיך אין בלוטיגע מלחמות דער־האלטען זייער קיום. נאך עד היום טראגען די יודען אין מזרח - אייראפא די מלבושים וואס דייטשע בעלי־בתים אינ׳ם מיטעלאלטער האבען געטראגען, זיי רעדען דארט דאס אלטע דייטש - יודישע לשון און אינ׳ם אריענט דעם דיאלעקט פונ׳ם אלטען קאסטיליען, אינ׳ם עלענד און נויט פון רדיפות אהן א סוף זענען זיי געווארען מענשען מיט טויטע חושים, לעבען אין אַ פרעמדען עולם, און דער גרויסער ריהרעוודיקער שטראם פון דער מענשהייט מיט זיינע מעשים נעמט זיי נישט מיט, אין זיך אריין האבען זיך געדרעהט זייערע גייסטיגע געפיהלען און צוריק - צוועגס זייערע פאליטישע געדאנקען, זייער

שטאלצקייט האט זיך בעגניגט דערמיט׳ וואס זיי האבען זיך געלויבט
די מעשים פון ביבלישע גבורים און דערמיט וואס דון יוסף איז
אמאל געווען נשיא אין נאקסאס׳ דער היינט איז געווען טרוקען
און אנגעפילט מיט קליינליכער וואכענדיגקייט׳ דער מארגען אויף
ד ע ר וועלט — לעדיג און אהן האפנונגען׳ אזוי האט אויסגעוואק־
סען איין דור נאך דעם אנדערען׳ נודענדיג זיך פון די אבגעריבענע
נישט ־ גלאנצענדיגע בילדער פון אַ האלב טויטער און מיט צרות
אנגעפולטער היסטאריע׳ די אמונה וואס אמאל שוואכער דורך ידיעות
און ערקענטעניסען׳ אהן אַ טראדיציע און אהן אידעאלען׳ וואו האט
די יודישע יוגענד פון דייטשלאנד׳ רוסלאנד׳ ענגלאנד און עסטרייך
זיך געזאלט נעמען א מוסטער פאר איהר ערציהונג? דער יודישער
נשמה האט נישט געפּאַסט נישט ווערטער און לארד בייראָן און
אודאי נישט דער ענגלישער שפּארט און פרייסישע רעזערוועאפי־
צירישקייט׳ „ס׳איז קיינער נישט געווען״ זאגט הערצל צום באראן
הירש׳ „וואס וואלט אונז — אפילו נור אויס אייגעננוציגקייט פון
אַ מאָנארך — מחנך געווען צו רעכטע מענער״׳ אזוי האט זיך דאס
יודישקייט צובּרעקעלט׳ אלץ מעהר און מעהר׳ און לכל הפחות אלע
געבילדעטע מענשען אין מערב ־ אייראפא האבען געגלויבט אין דעם
בלינדען מזל׳ אז דאס יודישקייט מוז זיך אינגאנצען צופאלען׳
דערפאר האבען די געבילדעטע יודען געזוכט די אויסענוועניגע
אסימיליאציע׳ ערפאלגען אין געלדזאכען און אין דער געזעלשאפט;
זיי האבען דערמיט געוואלט ממלא זיין דאס ארט פון יענעם אידעא־
לען געזעלשאפטליכען שטרעבען׳ וועלכעס האט זיך אויסגעדוכט
אהן אַ צוועק און אהן אַ ציעל׳ ווייל מ׳האט דאך געמיינט אז מ׳לעבט
אין אַ געמיינדע וואס אָט ־ אָט געהט זי אונטער׳

אָט די שטימונגען זענען נאך עד היום נישט גאַנץ אריבער׳
נאך היינט זעהען מיר דאָ און דארט אינ׳ם יודישען פאלק יענע
גלייכגילטיגע בין ־ השמשותדיגע האלבטונקעלקייט׳ מיר הערען די
האלבדורכגעקלערטע קאסמאפאליטישע רעדעס און מיר דערלעבען
טרויריגע מעשים פון פערלייקנען ־ זיך אהן כבוד׳ און פונדעסטוועגען
האבען צעהן יאהר געסטאַיעט׳ דעם תּוך פונ׳ם פאלק אנדערש צו
מאכען׳ ארום אונז דערוואכט אַ ניי לעבען׳ דאס יודישקייט קלויבט
זיך צונויף׳ כדי מלחמה צו האלטען פאר זיין ווייטערדיגען קיום׳

אַ נייע יודישע ליטעראַטור ווערט געבוירען, דאס אלטע לשון פון אונזער שטאַם כאפט זיך אויף צו אַ ניי לעבען, און דורך דער יוגענד, אממעהרסטען אויף די אוניווערזיטעטען, ציהט אַ פרישע התלהבות. און אלע שטאלצע יודען, סיי צו זיי זענען ציוניסטען סיי נישט, שעפען פון אָט ־ דעם אוצר פון געדאנקען, וועלכען ס'האט מיט זיינע מעשים צוזאמענגעטראגען דער דאזיגער איינציגער חדושליכער מאן, וואס זיין זכרון מוז יעדען יודען טייער זיין, טויזענד קליינינקע סטרומיקלעך זענען זיך צורונען פון זיין גרויסען געדאנקען־שטראם. האבען דורכגעצויגען דאס פערטרוקענטע פעלד פונ'ם הייגטיגען יודישקייט און האבען דערוועקט נייע שפראָצען, נאך אַ לאנגער צייט האט ער די יודען דעם אידעאליזם צוריקגעגעבען, דערמיט וואס ר'האט צובראכען מיט זיין אויפטרעטען אלדינג וואס מוז ארויס־קומען פונ'ם מאטעריאליזם און פונ'ם גלויבען אינ'ם בלינדען גורל. ער האט דער יוגענד אַ מוסטער געגעבען, וויא אזוי זיך צו דער־ציהען צו פרייע מעשים. צו ליעבען, וואס ער האט געליעבט, צו קעמפפען, ווי ער האט געקעמפט און זיך פערגעסענדיג ווי ער מיט שמחה צו דערטראגען די צרות פונ'ם כלל. צום ערשטען מאל אין לאנגע, לאנגע צייטען האט דאס יונגע דור אין טהעאדאר הערצל אנ'אידעאל געפונען, ווענמענ'ס אייגענשאפטען עס וויל זיך מיט איי־פער קונה זיין, ארום אונזער גרויסען נפטר האט זיך שוין אינ'ם מזרח אַ קראַנץ פון לעגענדעס געפלאכטען, און איבער דעם פאלקס־גבור טרויערט מען אין אלע צעזייטע און צעשפרייטע געצעלטען פון יעקב. —

אינ'ם זכרון פון אלע, וואס האבען זוכה געווען הערצל'ן צו קענען, לעבט זיין צורה ווי ער האט געפיהרט די ציוניסטישע קאנ־גרעסען, זיי זענען דאך געוועזען זיין גרויסע יצירה, דורך וועלכע ער האט פעראיינט די פערשפרייטע אנהענגער פונ'ם נאציאנאלען רעיון צו דער אמונה אין דער צוקונפט פונ'ם פאלק אויף זיין אייגענער ערד, אינ'ם לאנד פון זיינע אבות. הויך און גרויס, אנ'עדעל פנים מיט אַ שווארצער באָרד ווי אנ'אלטער אריענטאלישער מלך, מיט פערחלומ'טע נביאישע אויגען, וואס האבען פונדעסטוועגען געקאנט שארף און קלוג קוקען. ער העבט אויף די האנד מיט זיינע אבגעטאָקטע, אייגענטימליכע תנועות — און דער רעש פונ'ם

אויפגערעגטען קאנגרעס פערגעהט׳ ס׳ווערט טיעף שטיל׳ און זיין קלאר׳ ווייט זיך הערענדיג קול׳ וואס בענוצט זיך נישט מיט רעדנערישע קונצשטיק׳ דערוועקט אַ רוישענדיגען שטורם פון התלהבות׳ אויף דעם גאנצען מענש ליעגט אַ איינפאכע רוהי נאטירליכע זיכערקייט און חן׳ וואס ס׳האבען תמיד בירושה אריסטאקראטישע משפחות פון לאנגע דורות מיט הויכער קולטור און וואס ס׳קומט פונ׳ם לייכטערען קאמף פאר׳ן קיום׳ פונ׳ם געפיהל פון נישט אבהענגיגקייט און פון זיכערען כבוד׳ ביי יודען געפונט מען די תכונות נור ביי די ספרדים ביי די שפאנישע יודען׳ וואס זייער גוף און נשמה איז געבליעבען פריי פון די מיטעראלטערליכע רדיפות׳ און אין אמת׳ן שטאמט אויך הערצל פון אַ ספרדישער משפחה׳ פון וועלכער ער איז געבוירען געווארען׳ אַ בן יחיד׳ אים 2׳ מאי 1860 אין דער טאבאַקגאס אין בודאפעסט׳

איינער פון זיינע אורעלטערן׳ לייבל׳ איז געוועזן פון די שפאנישע אנוסים׳ וואס איז גענויטיגט געווארען פון דער אינקוויזיציע זיך צו שמד׳ן און צו ווערען אַ גלח׳ אַ מענך׳ דערנאך איז עס איהם געלונגען עוקר צו זיין קיין טערקיי און ער האט זיך ווידער מגיר געוועזן׳ דער פרינץ אייגען האט דער משפחה ערלויבט זיך אין זעמלין צו בעזעצען׳ פון דארט האט נאך הערצל׳ס זיידע׳ שמעון לייב הערצל׳ געלעבט׳ זיין פאטער יעקב׳ האט זיך ארויסגעצויגען קיין בודאפעסט און האט דארט חתונה געהאט מיט זשאנעטטע דיאמאנד׳ דאס פאַרפאלק׳ וואס חוץ הערצל׳ן איז איהם נאך אַ פריהגעשטארבענע טאכטער—פוילינע — געבוירען געווארען׳ האט זעהר גליקליך געלעבט׳ יעקב הערצל איז געוועזן אנ׳ערנסטער׳ קלוגער מאַן מיט אַ טיעפען געמיט׳ זשאנעטטע הערצל איז געוועזן זעהר אַ שעהנע פרוי פול גייסט און א אמת׳ן שטאלץ׳ איבערגעגעבען צו איהר מאַן און קינדער מיט אַ נישט אייגענוציגער ליעבע אהן אַ סוף, מיט דער ליעבע׳ וואס דורך איהר איז מען מוכן ומזומן זיך אינגאנצען מקריב צו זיין גאָר אהן יעדער כונה׳ אז יעקב הערצל האט אין אַנ׳אומגליקליכען וואלדגעשעפט זיין גאנץ פערמעג אנגעוואוירען׳ איז איהר צערטליכקייט טאָפעל שטארקער געווארען׳ נישט נור וואס זי האט נישט קיין טענות געמאכט׳ נור זי האט זיך נאך געסטארעט איהם דורך טויזענד קליינע אנגענעהמליכקייטען איבער דעם שאָדען צו טרייסטען׳ קודם־כל האט די קינדער גארנישט געטאָרט פעהלען׳

די טאטע־מאמע האבען זיך אין פארבארגענקייט פון אַ סך זאכען אבגעזאגט צוליעב „דאָרי“ כדי דעם זוהן, וואס האט אַ דורכ־אויס גרינדליכע ערציהונג בעקומען, מעגליך צו מאכען, צו שטו־דירען און צו ווערען א גרויסער שריפטשטעלער. *)

ווי פולינע איז געשטארבען אינ׳ם יאהר 1878, האט זיך די משפחה ארויסגעצויגען קיין וויען און דארט האט זיך טהעאָדאר הערצל אבגעגעבען מיט יוריסטישע און ליטעראַרישע שטודיען. אבער די דיכטונג האט איהם מעהר געצויגען ווי די משפטים. ס׳איז דאך נאך אין זיינע יונגסטע יאהרען אַ נישט געוויינטליכע פאנטאזיע געווען דער סמן מובהק פון זיין כאראקטער. צעהן יאהר אלט האט ער זיך צוגעזאגט דורכצושטעכען די לאנד־פאס פון פאנאמאַ. אַ פערצעהן יעהריגער האט ער געגרינדעט דעם בעלעטריסטישען פעריין „מיר“ וואס אויס זיינע איבערגעבליעבענע פארטרעגע ווייזט זיך אַ גאָר פרוכטבארער שעפפער־כח פאר די יאהרען. און נאך אין דער זי־בענטער קלאס פון גימנאזיע שרייבט ער דעם ערשטען צייטונג־אר־טיקעל. „ס׳פערשטעהט זיך אהן אַ נאמען; ווייל אז נישט וואלט מיך דער לעהרער געוועז איינגעזעצט.“**)

*) דערפאר האט אויך הערצל געהאנגען אן זיינע עלטערן פשוט מיט א מסירת׳דיגער ליעבע. תמיד, ווען ר׳איז צוריקגעקומען פון א רייזע אדער סתם פון ערגיץ, איז געווען דאס ערשטע, געהן צו דער מוטער. אז ר׳איז געפאהרען אויגוסט 1903 פון אויסזיע איבער וויען צו פלעווע, איז ער פלוצלינג פון זיינע פריינד אין וויען פארשוואונדען; צוריק־קומענדיג האט ער געבעטען מ׳זאל איהם מוחל זיין; פאר חשוב׳ע אונטערנעהמונגען איז ער זיך נוהג צו געהן אויפ׳ן פאטערס קבר.

צו לילינען, וועלכער האט איהם פאטאגראפירט אויף דער רהיין־בריק, שרייבט ער איס 30. I. 1902 „כ׳בעט אייך, מאכט נאך א קאפיע פאר מיין מוטער, ד. ה. זי זאל באקומען די ערשטע און די אנדערע וועט בלייבען ביי מיר“ (זעה „אסט אונד וועסט“ פון אויגוסט־סעפטעמבער 1904 זייט 639.

פון דער צערטליכקייט, וואס ר׳האט זי ארויסגעוויזען אפילו פאר האלבפרעמדע מענשען, איז ער געווען פול אויך אקעגען זיין ווייב און קינדער. זי ווייזט זיך אין אלע זיינע מעשים און אין אלע בריעף, בשעת דער קראנקהייט און אפילו אין דער שעה פונ׳ם טויט. אין דער מיט פונ׳ם ווילדען שטורם בשעת דעם ויכוח איבער מזרח־אפריקא בעט ער דעם מחבר: „כ׳קען היינט נישט, שרייבט איהר אין מיין נאמען צו מיין האנזעל׳ן. לאז ער נישט מיינען, אז זיין פאטער האט אן איהם פארגעסען. „ס׳דוכט, אז ביי איהם זענען די געפיהלען נישט, אזוי ווי ביי אנדערע מענשען, אמאל שטארקער און אמאל שיואכער כפי די שטימונגען, נור תמיד איז ער געווען איבערגעפולט פון א גלייכער הארצ־ווארימקייט אקעגען זיין משפחה און זיינע פריינד. דאס דאזיגע גוטסקייט אויך אקעגען פרעמדע. וויפיעל יונגע שריפטשטעלער האט ער געהאלפען! נור אז ס׳איז עפיס געשעהן וואס איז נאך זיין דעה שעדליך פאר׳ן כלל ישראל, דעמאלט ווערט ער שטרענג און קאלט ווי אייז. צומאל אפילו קעגען די בעסטע ידידים.

**) זיין אויטאביאגראפיע אין דעם נומער „וועלט“ פון הערצל׳ס טויט.

אזוי איז עס געווען נאטירליך, אז נאך בשעת די שטודיען זענען געבוירען געווארען אַ סך ליטעראַרישע יצירות, און אז נאך דעם יאהר 1884, ווי ער האט איבערגעשטאנען די ערשטע פּריפונג, האט ער זיך איינגאנצען אבגעגעבען מיט שריפטשטעלעריי. דעמאלט איז ער געווען אַ רעכטספּראקטיקאנט אין זאלצבורג, און די שעהנע געגענד האט איהם דערפילט מיט בעגייסטערונג און מיט לוסט צו ארבייטען. ער שרייבט: „אין זאלצבורג האט מיך די ארבייט מעהר געצויגען; דאס בילד ארום דער שטאט איז בעקאנט פאר שעהן; מיין ארבייטצימער איז געווען אינ'ם טורם פון אנ'אלטער פעסטונג און פונקט אונטער דעם גלאָק, און דריי מאל אין טאג האב איך בעקומען צו הערען גאר אַ פיינעם געקלאַנג.

ער האט דעמאלט זעהר א סך געשאפען. ווי ער האט אליין געזאגט, האט ער ביז צום דרייסיגסטען יאהר געשריעבען זיבצעהן טעאטערשטיק, רייזע פעליעטאנען אהן אַ צאהל, שטודיעס און קריטיקען, און דערביי איז איהם דאס שרייבען נישט תמיד לייכט אנגעקומען. אַ יעדער קליינער פעליטאן איז פאר איהם געווען אַ קונסטווערק, ער האט צו זיין גאנצקייט די העכסטע פאדערונגען געהאט, און ס'האט זיך איהם געדוכט אז ער האט דאס קיינמאל נישט דערגרייכט ווי ס'דארף צו זיין. ער האט נישט געוואלט האבען קיין לעדיגע פראזען; וואס ער האט ארויסגעבראכט מיט זיין גריבעלדיגען חוש האט ער אויסגעפארימט די פארקלערסטע פילאזאפישע בעטראכטונגען אפילו איבער וואכענדיגע, געוויינטליכע ענינים.

דורך אלע קינסטלערישע ארבייטען פון דער תקופה, וואס האט געדויערט ביז צום יאהר 1891, ציהט זיך איינאייציג געפיהל: דער צער – דערפולטער יאוש, וואס געפינט נישט זיין בעפרידיגונג אין דער וועלט פון די פערטיגע זאכען, וואס גיט זיך אונטער אהן האפנונג פאר דעם לעצטען גרונד פונ'ם פאראהאנדענעם, און וויל זיך שטארקען איבער דעם צער מיט וועהמיטיגער פרעהליכקייט. די איינציגע חלקים פון דעם אלעמען זענען נישט ניי אויך דאס גאנצע איז שוין דורכגעפיהלט געווארען, אממעהרסטען ביי די פראנצויזען, וואס הערצל האט זיי אין זייער קולטור אין די יונגע יאהרען שטארק ליעב געהאט. (אין די שפּעטערע יאהרען איז געקומען אויפ'ן ארט פון דער דאזיגער יוגענדליעבשאפט די פערעהרונג פאר די ענגלענדער.)

און פונדעסטוועגען האט הערצל נאך גאר פריה געפונען זיין איי־גענעם כאראקטער און סטיל, זיין אייגענעם אופן; און כאטש ס׳האבען זיך אַ סך געפרובט איהם נאכצומאכען האט קיינער נישט מצליח געווען, אין פיעל ארטיקלען פון איהם בעווייזט זיך דער עכטער יודישער אופן, דאס זוכען פונ׳ם תכלית, וואס דריקט זיך אויס אין אלע געדאנקען פון דער אומה, און דערביי בליצען אין די אלע ארבייטען טיעפע צומאל שארף צוגעשפיצטע בעמערקונגען, ווי די פונקען וואס שפריצען פון דעם שווערט פון אַ קעמפפער, בשעת ער ווייסט, אז ר׳האט די מלחמה פערלוירען.

ס׳איז דערפאר נישט קיין חדוש, אז הערצל האט גיך בעקומען אַ גוטען שם פון אַ פעליעטאניסט, אז זיינע ארטיקעלן האבען איהם מעהר רוח געבראכט ווי ווען ער וואלט זיך געווען געגומען צו „אנ׳אמתדיגער בעשעפטיגונג״ ווי ער זאגט איראניש אין זיין אויטאביאגראפיע.

אין דער צייט האט ער אויך געשריעבען זיינע ערשטע טעאטערשטיק, צווישען אנדערע: „זיינע האָהייט״ (דאס געלט, אַ דראמא פאר אַ גאנצען אבענד, די קאמעדיעס: „דער פליכטלינג״ (דער אנטלאפענער) און „פרינצען אויס זשעניעלאנד״. דערנאך קומען נאך: „די ווילדדיעבע״, „I love you״, „אונזער קעטכען״ (אלע קאמעדיעס) חוץ דעם די דראמעס „גרעטעל״ „דאס נייע גהעטא״ און „סאָלאן אין לידיען״. זיי זענען אויפגעפיהרט געווארען, צומאל מיט גרויס הצלחה, אינ׳ם בורגטעאטער אין וויען, אין קעניגליכען שוישפיעלהויז אין בערלין און אין א סך אנדערע דייטשע טעאטערס; אבער קיין איינציג שטיק האט זיך נישט לאנג דערהאלטען אויף דער ביהנע, אַ טייל שטיק פעהלט דאס דראמאטישע, ביי די פארשונגען געפינט מען צומאל נישט דאס פערטיעפען זיך אין דער נשמה פונ׳ם אנדערען, דעמאלט רעדען זיי, וואס דער פערפאסער קלערט — תמיד מיט פיינעם גייסט, א סך מאל מיט קלוגע פילאזאפישע רעיונות, אבער נישט דאס, וואס זיי אליין וואלטען געמוזט זאגען, דאס אמת׳דיגע פעלד פון זיינע נצחונות איז געבליבען דער פעליעטאן.

אינ׳ם יאהר 1889 האט הערצל חתונה געהאט מיט יוליע נאַשויער און זי האט איהם דריי קינדער געבוירען, בשעת אַ רייזע

אין שפאַניען, 1891, האט זיך איהם געטראָפען די קאָרעס־פאָנדענט־שטעלע פון דער „נייע פרייע פרעסע“ אין פאַריז, און הערצל האט זיי בעגייסטערט אנגענומען, שפעטער האט ער מיט פעראכטונג געזעהן פון דער סביבה וואס איז פול מיט נישט־עהרליכקייט, איבערפלעכליכקייט און שוחד, אבער דאס איז געווען נאך די סקאַנדאַלען פון פאַנאַמאַ און דרייפוס, וואס זענען געווען פון גרויסען חשיבות פאַר׳ן גאַנצען דרך פון זיין ווייטערדיג לעבען.

אין פאַריז זענען געשריבען געוואָרען די פעליעטאָנען, וואס זיינען געזאַמעלט אין „פאַליי בורבאָן“, אַ בוך וועלכעס הערצל גופא האט׳ס געהאַלטען פאַר זיין בעסטער זאַמלונג. *)

דאָרט זענען פאַרהאַן מייסטערליכע סקיצעס אויס׳ן פאָליטישען לעבען פון פראַנקרייך, בעשרייבונגען פון פאַרשווינ׳ען, פון פאַרלאַמענטזיצונגען, פסיכאָלאָגישע שטודיעס פון די וועהלערמאַסען. דאס אלעס איז געבוירען פונ׳ם שאַרפען איינדרוק, אנגעשריבען מיט אַ דראַמאַטישער לעבעדיגקייט און תמיד ווייזט זיך אַ פיינע תפיסה פון דער סביבה. דאס „פאַליי בורבאָן“ איז אַ קונסטווערק פון ער־שטער מדרגה, און אפילו ווען מ׳זאל אמאל הערצל׳ס טעאַטערשטיקע נישט מעהר שפּיעלען, וועט דאס נאך תמיד דעם לעזער הנאה מאַכען און דעם קולטור־היסטאָריקער געבען אַ פערבאָרגענעם אוצר, כדי צו פערשטעהן די דריטע רעפובליק.

פון דרויסען געזעהן איז די פאַריזער צייט די גליקליכסטע תקופה אין הערצל׳ס לעבען, לעבענדיג מיט זיין קלוגער פרוי, וואס האט געהאט אַ גרויסע הבנה אין זיין ליטעראַרישען שאַפען, געניסענדיג דעם כבוד פון זיינע חברים און פונ׳ם פובליקום — האט ער דעמאָלט דערגרייכט דעם העכסטען פונקט פון זיין כח. פונ׳ם געדאַנק פאָליטיש, און מכל־שכן יודיש־פאָליטיש, עפּעס צו טוהן, איז ער ווייט געווען ווי מזרח פון מערב; ער האט זיך געפיהלט אַ גאַנצער דייטשער שריפטשטעלער. ער האט זיך אַלץ מעהר, נעהנטער פערבונדען מיט ליטעראַרישע גדולים און דאס האט איהם צופריעדען געמאַכט. און אין דער תקופה האט ער זיך דערוואָרבען אַ טיעפען קוק אין פאָליטישע ענינים און אַ סך פּראַקטיקע, וועלכע ער האט שפּעטער בענוצט פאַר דער ציוניסטישער בעוועגונג.

*) אין א בריעף צום מחבר פונ׳ם 8. X. 02

אבער גאר באלד האט ער זיך אויסגעניכטערט. הערצל האט אמאל דערצעהלט ווי ער האט זיך אלץ שלעכטער געפיהלט אין דער סביבה פון פאליטישער קאריערעניעגעריי און הוילקייט. „ווער ס׳קוקט זיך צו צו די עפענטליכע מנהגים פון דעם לאנד“, שרייבט ער, „געפינט, אז אלע פיער יאהר, בשעת די פארלאמענטוואהלען, ווערט פשוט דער גאנצער כבוד אבגענומען פון פופצעהנהונדערט מענער, וועלכע סטארען זיך צו בעקומען דאס פערטרויען פון זייערע חברים, די בירגער“. און ווייטער שרייבט ער: „ווייל ס׳דרעהט זיך ביים בייטען פון דער רעגיערונג נישט ארום פרינציפען נור ארום פערשוינען, דורכדעם זענען אלע סטושקעס ערלויבט... אז כ׳הער רעדען דעם הערן גאבלע, קלער איך מיר תמיד: ס׳פאר א שאד, וואס ער קען זיך נישט אליין טאקי באלד סותר זיין זיינע אייגענע ווערטער“.

אויך צום געזעלשאפטליכען קרייז האט ער זיך אנגעהויבען מיט צווייפלען צו פערהאלטען. זייעדיג א פילאזאף מטבע האט ער טיעף געפיהלט די אויבערפלעכליכקייט פון יענער געזעלשאפט, כאטש זי האט אין זיך געהאט די פיינסטע קעפ פון אייראפא. די אלע געפיהלען זענען נאך שטארקער געווארען ווי ס׳איז ארויס די מעשה מיט דרייפוס און ווי דער אנטיסעמיטיזם, ארויסברעכענדיג מיט א מוראדיגען כח פון די טיעפענישען פון דער פאלקס-נשמה, האט אזוי ווי א שטארקער שטראם אויסגעריסען מיט די ווארצעלן די אלע שעהנע בעגריפען פון גלייכקייט און ברידערליכקייט וואס זענען ארויסגעשפראצט אויף דער פראנצויזישער ערד.

הערצל איז פון אייביג אן געוועזן א יוד מיט עהרענגעפיהל. אז מ׳האט אמאל געטשעפעט מיט זיין רעליגיעזען יודישקייט איז ער, נאך א יונגעל, ארויס פון דער רעאלשול אין בודאפעסט און איינגעטרעטען אין גימנאזיע. אבער דער נאציאנאלער רעיון איז פאר איהם געבליבען א נישט פערשטענדליכער.

ער האט נאך אינ׳ם יאהר 1894, אין א רעצענזיע איבער דומא׳ס „פעם דע קלויד“ געשריעבען: „דער געטרייער יוד דניאל וויל צוריקגעפונען די היים פון זיין שטאם און זיינע פארשפרייטע ברידער ווידער אהיימפיהרען. אבער דוקא אזא דניאל ווייסט, אז די יודען וועלען פון זייער היסטארישע היים נישט געהאלפען ווערען. ס׳איז קינדיש דאס לאנד געאגראפיש ארויסצוזוכען... און אפילו

די יודען זאלען שוין אמת׳דיג „אהיימקומען״ וואלטען זיי אויפ׳ן מארגען געפונען׳ אז איינער צום אנדערען האט שוין לאנג נישט קיין שיכות. זיי זענען איינגעווארצעלט פון הונדערטער יאהרען אין אַ נייער היים׳ אויפגעהערט צו זיין אַ אומה׳ איינער אנדערש פונ׳ם אַנדערן׳ זיי זענען נור דערהאלטען געבליבען אין איין כאראקטער־גלייכקייט מכח דעם דרוק וואס ליעגט אויף זיי אין אלע ערטער.״

מ. פויל ־ שיף דערצעהלט *)׳ אז ער האט די ווערטער הערצל׳ן איבערגעחזר׳ט נאך דעם ווי ס׳איז ארויסגעקומען דער „יודענשטאאט״ און ס׳איז געגרינדעט געווארען די ציוניסטישע ארגאניזאציע.

הערצל האט אַ מינוט געשוויגען און דערנאך האט ער איהם געענטפערט מיט דעם קליינעם געדיכטעל פון פויל הייזע:

„ווער הייטע קליגער איזט אלס געסטערן
אונד עס מיט פראָהעם מוט בעקענט,
דען ווערדען דיא ביעדערמעננער לעסטערן
אונד זאַגען: ער זייא אינקאָנסעקווענט.״

דאס פערבייטען ־ זיך איז אַפּנים זעהר פלוצלינג געקומען׳ אזוי ווי אַ בליץ איז ער דערלויכט געווארען׳ ווי דער פריהלינג וואס כאפט זיך אויף איבער נאכט. און פונדעסטוועגען האט זיך אין איהם דער שנוי שוין לאנג צוגעגרייט; ס׳איז דאך תמיד אזוי׳ אז אנ׳ענ־דערונג אין דער נשמה פונ׳ם מענשען׳ וואס דוכט זיך אויסערליך פלוצלינדיג׳ איז ס׳רוב נור אַ סך הכל פון אַ אינערליכע ענטוויקלונג׳ דעם מענשען אליין נישט קענטליך.

די אנהויבען זענען זעהר ווייט. אז הערצל איז נאך אין ויען געווען אַ מיטגליעד פון דער סטודענטישער פערבינדונג „אַלביא״ און אז זי האט בעשלאסען נישט מעהר אויפצונעהמען קיין נייע יודישע חברים׳ האט ער געזעהן אַז די זאך איז נישט גלאטיג. תיכף ומיד האט ער „די עדלע יונגע ־ לייט״ דאס מיטגליעדס־באנד אפגעשיקט.

דערנאך האט זיך אנגעהויבען דער נצחונ׳דיגער צוג פונ׳ם אנטיסעמיטיזם; פון דייטשלאנד איז ער געקומען קיין אונגארן און האט אנגעהויבען די געמיטער אין עסטרייך צו פארגיפטען׳ „דר. בערנהארד בעק׳ דער הויז־דאקטאר פון יעקב הערצל׳ס משפחה׳ דערצעהלט׳ אז נאך דעמאלט האט שוין דער יונגער הערצל טיעף

*) פראנקפורטער צייטונג פונ׳ם 22. יולי 1904.

געפיהלט אז מ׳האט זיין כבוד בעליידיגט און ס׳זענען אין איהם אויפגעקומען מחשבות פון אויסוואנדערן קיין ארץ־ישראל. *)

זייענדיג נאך אַ סטודענט, אינ׳ם יאהר 1882, האט ער געליינט דאס בוך פון דיהרינג איבער דער יודענפראגע, וואס איז „פול פון שנאה אבער אויך פון חכמה״ און וואס האט אויף איהם געמאכט דעם איינדרוק אזוי ווי „מ׳וואלט איהם דעם קאפּ צושמעטערט.״ **) ווי ר׳האט אליין געזאגט האט דאס איהם צום ערשטען מאל ווידער דערמאנט אן זיין פאלק: די אנטעסימיטען האבען עס אין איהם דער־וועקט. אבער בלויז געוועקט! ס׳איז נאך נויטיק געווען אַ לאנגער פּראצעס ביז דער געדאנק, וואס איז געבוירען פון אויסערליכע סבות, האט זיך אין איהם, דעם דייטשען שריפטשטעלער, אויסגעוואקסען צו א קלארען יודיש־נאציאנאלען געפיהל. ער האט דאָ אלדינג געמוזט פון זיין אייגענער נשמה שעפּען. די געדאנקען אין שריפטען פון פינסקער, ליפּפּע, רילף, וואס האבען דוקא דעמאלט געמאכט די התחלות פון דער יודיש־נאציאנאלער בעוועגונג, זענען ביז צו נ׳איהם נישט אריינגעדרונגען.

און די הצלחות אין דער ליטעראטור און אין דער געזעלשאפט האבען זיינע יודישע געפיהלען אלץ קלענער געמאכט. מ׳טאר בכלל נישט פערגעסען, ווי וועניג ער האט זיך פונ׳ם עלטערן־הויז מיטגע־בראכט, כדי צו קענען זיין אַ יודיש־פּאליטישער עסקן, און מיט וויפיל שווערע מלחמות ס׳האט איהם דוקא געמוזט אנקומען ביז ער איז זיך אינערליך קלאר געווארען.

דאס הויז פון זיינע עלטערן איז געווען טיפּיש פאר די דאזיגע קרייזען, וואס האבען נאך אַ שייכות צו דער יודישער אמונה און צום פאלק, וואס קוקען מיט בזיון אויף די וואס פאלען־אב פונ׳ם פאלק, וועלכע זענען אבער בכח זייערע קינדער גאר וועניג מיט־צוגעבען פון פּאזיטיווען יודישקייט פאר׳ן לעבען. הערצל האט גע־לערנט אַביסעל לשון־קודש און האט עס באלד פערגעסען, אזוי איז עס געווען מיט זיינע ידיעות פון דער יודישער היסטאריע. ווען

*) פערגל. די געדענקנומער „וועלט״ פונ׳ם 20. מאי 1910. וואלפזאהן דערצעהלט, אז הערצל האט אינ׳ם יאהר 1878, ווען ר׳האט געליינט א העצרעדע פון שטעקער, אריינגעשריבען אין זיין נאטיצביכעל: „אין אמת׳ן זענען די יודען טפשים, אז זיי לאזען זיך דאס אנטון און קוקען זיך נישט אום, אנ׳אייגען לאנד צו בעקומען״.

**) זעה ציוניסטישע שריפטען, זייט 121.

ר'האט געשיקט זיינע עלטערן די גליקוואונשע צום נייען יאהר, איז עס חשוב געווען, אז ר'האט זי געשריבען אויף פראנצויזיש.

די יודישע מוסר-כללים, וואס זשאנעטע האט זיך בעמיהט איהרע קינדער ארייננצוברענגען און וואס קומען נאך א סך מאהל קלאר פאר אין הערצל'ס שריפטען און רעדעס, האבען דאך ביי איהר בעקומען דאס פנים פון גאנץ אלגעמיינע מאראלישע זעצע. ביז'ן סוף האט אויך הערצל קליינע יודישע ידיעות געהאט, און ס'האט נישט געקענט זיין אנדערש. דער דרך פון זיין ערציהונג און אויך זיינע אייגענע נייגונגען האבען איהם מעהר געפיהרט צו ענינים פון דער אלגעמיינער קולטור. אנ'אויבערפלעכליכע יודישע ערציהונג, נור כדי יוצא צו זיין, מאכט אפשר מעהר פעהיג דאס יודישקייט נאכצולאזען אדער צו פארלאזען, ווי א גאנץ נישט-יודישע ערציהונג. ווייל ווער ס'ווייסט גאר נישט פון יודישקייט קען אמאל דורך א צופאל אנטרעפען זאכען וואס ציהען איהם ער זאל זיך דערמיט ווייטער מתעסק זיין, אבער ווער ס'האט אין זיינע קינדער-יאהרען יא עפיס געגאשט, מ'האט דאס אבער נישט מיט זיינע אינערליכע געפיהלען פערבונדען, דעם איז עס אסך מאל ליבער, זיך מיט די דאזיגע ענינים איבערהויפט נישט אבצוגעבען, און אמעהרסט ביי דעם, וואס איהם פארנעהמען חשובע אלגעמיין-מענשליכע ענינים. דאס יודישקייט, שלעכט געלערנט און האלב פערשטאנען, דוכט זיך אויס ווי א אנ'אמונה-זאך וואס איז זיך סותר מיט די וויסענשאפטען, און מ'מאכט זיך גיך פריי דערפון. ס'דוכט זיך אויס צו ענג, צו אלט און זיך נישט אנקעהרענדיג מיט די אלגעמיינע גרויסע פראבלעמען — ביז מ'פערלאזט עס אינגאנצען.

אויף דעם וועג האבען זיך געלאזט קינדער פון יודישע משפחות אין מערב אייראפא אן צאהל. די אייניקלעך פון חשובע, גוטע יודען, ביי אזעלכע פעלען האבען זיך געחידוש'ט די עלטערן אזוי ווי פרעמדע. אין אמת'ן איז דאך אבער די זאך קלאר, אז מ'קוקט זיך צו פסיכאלאגיש צונ'איהר.

און אפשר, ווען נישט דער ליארם פונ'ם אנטיסעמיטיזם וואלט אויך הערצל געווען געוואנדערט אויף אט דעם וועג. דאס יודישקייט האט זיך איהם אויך אויסגעוויזען ענג און קליין, און פון די יודען ווי מענשען האט ער נישט קיין סך געהאלטען. ער האט נור גע-

זעהן דאס בעדריקטע פאלק מיט דער גהעטא־נשמה׳ ערשט אין שפעטערע צייטען האט ער פערשטאנען׳ אז מ׳מוז קוקען אויף די יודען ווי אויף אזא כלל׳ ווי זיי ווילען זיין און וואלטען אויך׳ לויט זייער אינערליכען כח׳ געקענט זיין׳

אויך די סביבה פון זיין פרוי האט אויף איהם גאר א קליינע השפעה געהאט לטובה פונ׳ם יודישען׳ אויך דא זענען געווען שטאר־קער — נאך מעהר ווי ביי דער פאמיליע הערצל — די אלגעמיינע ענינים׳ און דאס עסטרייכישע לייכטע לעבען׳ בכל אופן האט טעאדאר הערצל אויך פון דאנען נישט בעקומען קיין יודישע אנרעגונגען׳

אבער דער אנטיסעמיטיזם האט פארטשריט געמאכט׳ ער האט פערסמ׳ט דאס לעבען פון די אומות און האט פערגרעבט זיין צורה׳ מ׳האט אנגעהויבען ארויסצושטופען די יודען פונ׳ם עפענטליכען דיענסט הן אין לאנד הן אין דער געמיינדע׳ הערצל אליין האט אנגעהויבען צו פיהלען דעם מכלומרשט׳ען „אַסעמיטיזם״ פון דער פערוואלטונג׳ ער וואלט גערן געווען געבליבען אין זאלצבורג און ריכטער געווארען׳ אבער ער האט באלד דערקענט אז ס׳איז אומ־זיסט און האט זיין האפנונג אויפגעגעבען׳ אין שפעטערע יאהרען האט ער נאך צומאל בעדויערט אט דעם מוז׳ און האט זיך אויס־געמאלט׳ ווי רוהיג און שעהן ער וואלט געווען געקענט לעבען; אממעהרסטען אבער האט ער בעדויערט בשעת די כוואליעס פונ׳ם פאליטישען לעבען האבען ארום איהם צו שטארק גערעש׳ט׳ ער וואלט זיך קיינמאל נישט געווען גענומען צו כלל זאכען׳ אסך מאל וואלט ער זיך ליעבער געווען אבגעזונדערט אינדערהיים ביי זיינע ביכער — ווען ער וואלט עס נור געקענט׳

חוץ דעם האבען זיך אנגעהויבען די עקאנאמישע אונטער־דריקונג פון די יודען אין עסטרייך׳ די גרויסע רדיפות פון יודען אין רוסלאנד׳ געשעהנישען האבען אוודאי משפיע געווען אויף איהם׳ ער האט דאך נאך שפעטער פון זיי גערעט מיט דעם געמישטען געפיהל פון בעזען רחמנות און בעליידיגטען עהרענגעפיהל׳ און דאס האט נישט געקענט ערשט דערנאך׳ מיט דעם ציוניסטישען רעיון׳ געבוירען זיין׳ הערצל האט בכלל יעדען עלענד זעהר שטארק געפיהלט׳ ער דערצעהלט אין זיינע פעליעטאנען פון דעם עלענדען לעבען

פון די שטאדט מאסען, פון די טרויריגע לאנקע וואו ס'שפּיעלען זיך די ארימע קינדער, אונטער קרענקליכע ביימעלעך, וואס „וועלען אוודאי קיינמאל אין זייער לעבען נישט שטארק און שאָטיג ווערען, אזוי ווי די דאזיגע קליינע מענשען - גרעזלאך וואס וואקסען דא אין ארימקייט". אין מצרים בעריהרט איהם טיעף דאס סקלאפּישע לעבען פון די פעלאכען, און אז ס'האנדעלט זיך איינצוקויפען דעם עמק יזראעל זאגט ער: „מ'קען דאך נישט פערטרייבען ארימע אראַבּישע בויערן פון זייער ערד." *)

פונדעסטוועגען, כאטש די אלע איינדריקע פון בעליידיגונג און רחמנות, טרייסט ער זיך נאך מיט דער „האפנונג אויף דער פאמעליכער ענטוויקלונג צו סבלנות ביי די מענשען **). ס'האבען דאך עפּיס געלעבט פרייע און גערעכטע פעלקער! ס'האט דאך עפּיס געלעבט אַ פראנקרייך, אַ לעבעדיג משל פון ענטוויקלונג צו פרייע מענשליכקייט." אמת, די יודען איז עס שלעכט געגאנגען, „ס'געהט די מאשין - מענשען אזוי ווי די יודען, וואס מוזען דורך צופאל אפּלעבען זייערע יאהרען אין אַ אנטיסעמיטישער צייט. די קומענדיגע יודען וועלען האבען ליכטיגערע טעג, די היינטיגע האבען פּשוט שלעכט געטראפען", אזוי בעקלאגט ער זיך אין „פאליי בורבאן". אבער אין אלע די בעמערקונגען איז אלץ נאך דא אַ טאן פון האפנונג.

און דא קומט דער פּראצעס דרייפוס און מאכט איהם ציטערן אין דער טיעפעניש פון הארץ. ער זעהט „אז אַ געוואלטיגער רוב אין פראנקרייך וויל איין יודען, און מיט איהם אלע יודען, מיט בזיון פערמשפּט'ן ... פון דעמאלט אן איז „נידער מיט די יודען" געווארען אַ רוף צו מלחמה. וואו? אין פראנקרייך, אין'ם רעפּובּליקאַנישען, אויפגעקלערטען, ציוויליזירטען פראנקרייך; הונדערט יאהר נאך דעם וואס מ'האט אויסגערופען רעכט פאר אלע מענשען... דאס געבּאט פון דער גרויסער רעוואלוציע נעמט מען צוריק. ווען דאס הויכציוויליזירטע פאלק, וואס מאכט פארטשריט אין אלע אַנדערע ענינים, איז ארויסגעקומען אויף אזא שטייגער, וואס קען מען זיך נאך דערווארטען פון אנדערע פעלקער, וואס האבען עד היום

*) אים מאי 1903 צום מחבר.

**) "ציוניזמוס" אין דער "נארטה אמריקאן רעוויעוו" איבערגעדרוקט אין הערצל'ס ציוניסטישע שריפטען.

נישט די הייך דערגרייכט, אויף וועלכע ס'זענען געשטאנען די פראנ־צויזען נאך פאר הונדערט יאהר". *)

צוהערענדיג זיך צו די פערהאנדלונגען אין פאריז, צוזעהענדיג די אויפגערייצטע אינסטינקטען פון שנאה, ביים ליארימדיגען המון, האבען זיך ביי הערצל'ן אנגעהויבען שווערע אינערליכע מלחמות. מיט אט דעם פראנצויזישען קאפיטאן האט מען געטראפען זיין אייגענעם כבוד, ער האט זיך געפיהלט טיעף בעליידיגט אין דעם ווילדפרעמדען יודען וואס איז איהם אפילו נישט סימפאטיש געוועזן. ער האט קלאר ארויסגעזעהען, אז ער קען זיך נור דעמאלט זיין אמת'ע פארשוינליכקייט צוריקגעפינען, ווען ער וועט זי אנהייבען אויפצובויען אויף גאר אַ נייעם יסוד, און אזוי איז ביי איהם גע־בוירען געווארען דאס טיעפע געפיהל פונ'ם שיכות צו זיין שטאַם. דאס דרימעלדיגע פאלקסגעפיהל האט זיך ביי איהם דערוועקט מיט דעם שטארקען כח פון אַ נבואה, וואס האט איהם בע־גייסטערט און דערפולט מיט דעם בעדערפעניש זי אין דער וועלט אויפס'ניי ארויסצוטראגען, ווייל ער האט גאר נישט געוווסט אז ס'זענען שוין פארהאן מענשען מיט די דאזיגע פיהלען; ערהאטזיין רעיון געהאלטען פאר גאר אַ נייעם, אנ'אייגענעם, און ס'איז איהם גאר נישט איינגעפאלען, אז דער רעיון האט שוין געמוזט אמאל ארויס־קומען, הן דורך דער ענטוויקלונג און הן דורך די פערמרשחורה'עטע געפיהלען, ביי אנדערע וואס זענען אויך אזוי ווי ער דערציטערט געווארען אין זייער נשמה, „וואס איז דאס אַ נאציע?" אזוי חוקרט ער, „אַ היסטארישער צבור פון מענשען וואס זייער שיכות לאזט זיך דערקענען אין וואס דער בשותפותדיגער שונא האלט זיי צונויף... דער שונא מאכט אויס אונז אַ פאלק אפילו אהן אונזער ווילען". אזוי האט הערצל און אנהויב אפילו די נאציאנאלע אינסטינקטען נישט דערקענט, און טאקי דערפאר האט זיך דער רעיון פון אַ יודי־שער מדינה צו איהם בעוויזען עפּיס ווי אַ ליכט פון אנ'אנדערער וועלט.

אוודאי איז נויטיג צו אזעלכע רעיונות און דערלעבענישען אַ גאנץ פרייער מענש, אַ מענש וואס קוקט אויף די זאכען מיט אזא גרויסקייט, אז די געזעלשאפטליכע, רעליגיעזע אין פאליטישע סביבה האבען זיינע געדאנקען נישט געקענט ענגער מאכען. אַ מענש וואס

*) „ציוניזמוס" אין די ציוניסטיש שריפטען.

שטיקט אין וואכענדיגען לעבען, וואס זוכט זיין אמתדיג אדער אפגענארט גליק אינ׳ם קליינעם נחת פון זיינע טאגטעגליכע עסקים, אזא מענש קען אויף אַ זעלכע רעיונות נישט קומען, נור ווער ס׳האט עס דערצו געבראכט, אז ער קען זיך צוקוקען צו אלעמען פונ׳ם העכסטען טורם, פונ׳ם טורם פון דער אייביגקייט, נור דער קען פיהלען די גרויסע פערבונדענקייט פון די קליינע זאכען און ווערען אַ שליח פון אט - יענעם כח, וואס מיר פיהלען איהם כאטש מיר קענען איהם נישט פערשטעהן, פון דעם כח, וואס צו זיינע צוועקען דארפען דיענען די העכסטע און גרעסטע פון אונז, ווייל פערטיעפענ־דיג - זיך אין זיי הערען זיך קלאנגען פון אנדערע עולמות, וואו ס׳ווערט נישט גערעד מיט ווערטער נור מיט געפיהלען און וואו מ׳פיהלט זיך צוגעצויגען צו ווייטע ווייטע ציעלען, דער פראסטער מענש פערשטעהט גאר נישט פון דעם, ער האט פון זיך הנאה, האלט פון זיין חכמה און לאכט פון אַזעלכע זאַכען, אבער דער גאון, אז ס׳בליצט אין איהם אויף אַ העכרער געדאנק, ווערט ער מאדנע אומרוהיג, ס׳קומט אויף איהם די געהויבענע שטימונג פון שאפען, קונסטווערק, אידעעס און גרויסע מעשים ווערען געבוירען פון דעם דאזיגען גייסט, וואס דעם רויש פון זיינע אדלערפליגעל האט הערצל געהערט איבער זיך בשעת ר׳האט דעם „יודענשטאאט" געשריבען, דאס איז געווען דאס געפיהל פון דעם אייביגען בעדער־פעניש צו שאפען, וואס פיהלט דער גרויסער פאליטיקער אזוי ווי דער קינסטלער, ווייל ביידע ברענגען דורך זייערע מעשים אריין דאס ווערק, וואס לעבט פערטיג אין זייער נשמה, אין דער ווירקליכער וועלט, ער מוז שרייבען אומרוהיג, פיעבערדיג, ארויסשפריצענדיג ווי אַ קוואל, ווי הערצל אליין דערצעהלט: „שטעהענדיג, געהענדיג, לי־געגדיג, אויפ׳ן גאס, ביים טיש, ביי נאכט אז ס׳טאַרעט מיך פונ׳ם שלאָף." אַ פריינד מוז איהם צוהעלפען אין זיין פרנסה-ארבייט, ווייל ער קען עס אליין נישט פערזארגען, ס׳שטופט איהם, רעגט איהם אויף און פייניגט איהם, מיט שמחה און גליקגעפיהלען ווערט דער געדאנק געשאפען, אבער געבוירען ווערט ער, אזוי ווי דער מענש, מיט צער און שמערצען.

בשעת הערצל האט זיך געמאכט דעם פלאן, דאס יודישע פאלק פון נייעם אויפצובויען אין זיין אייגענעם לאנד, האט ער נאך גאר

נישט געקלערט דעם פּלאַן מפרסם צו מאַכען, ער האָט זיך נור געוואָלט פּריוואַט קעהרען צו זיינע פריינד, צו חשובע אנגעזעהענע מענער, ער האָט דאָך געמיינט, אַז זיין פּלאַן, ווען מ׳קלעהרט איבער איהם נאָך אַ ביסעל, איז אַזוי קלאָר און ריכטיג, אַז יעדער יוד מוז תּיכף מודה זיין און זיך צונ׳איהם נעהמען. מ׳דאַרף טון און נישט שמוסען; די עפענטליכע אַגיטאַציאָן איז נור געווען די לעצטע ברירה. קודם כּל האָט ער אַ סך געהאַפּט פון דעם מאַן, וואָס זיין נאָמען איז געווען אין יעדענס מויל דורך זיין גרויסער הילף, וואָס ר׳האָט געהאָלפען די נויטבעדערפטיגע יודען: באַראָן מ. הירש. אים מאַי 1895 בעט ביי איהם הערצל, ער זאָל איהם אויסזעצען אַ טאָג פאַר א „יודיש־פּאָליטישען״ שמועס. הירש ענפערט אים דעם 20. מאַי 1895, אַז ער איז אַצינד אין לאָנדאָן און דערפאַר מוז ער איהם בעטען, זיינע רעיונות שריפטליך אַריינצושיקען. אויף דעם ענפערט הערצל פיער טעג שפּעטער מיט אַ בריעף, וואָס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין אופן זיך אָקעגען מענשען נוהג צו זיין. ער ענפערט, אַז ר׳איז אין אמת׳ן מסכּים זיין אידעע שריפטליך אַריינצושיקען, שרייבט אָבער צו: באַם איהר וועט מיר לאָזען שרייבען דורך אייער סעקרעטאַר אַ פּאָר העפליכע ווערטער, אַז מ׳דאַרף אין דער זאַך נאָכקלעהרען, בין איך מיט אייך אויף תּמיד פאַרטיג. און דאָס וואָלט געווען אַ שאַד צוליעב דער אַלגעמיינער טובה״.

דער טאָן, כּמעט פון אויבען אַראָב, וואָס הערצל האָט זיך בענוצט מיט איהם, האָט נישט פערפעהלט זיין צוועק. הירש האָט מיט דער ערשטער פּאָסט געענפערט, אַז ער פאָהרט אַריבער קיין פּאַריז אויף 48 שעה און ער וואַרט אויף הערצל׳ן, כּדי זיך מיט איהם דורכצושמועסען; דאָס איז געשעהן שבועות 1895. דער אינהאַלט פונ׳ם שמועס, אויפגעשריעבען פון הערצל׳ן, איז גאָר אינטערעסאַנט. דער גרויסער געלדיוד מיט די פילאַנטראָפּישע פּלענער און דער גייסטיוד שטעהען זיך אָקעגען, שטאַרק פּערזענליך פעראינטערעסירט איינער אינ׳ם אַנדערען און פונדעסטוועגען פול חשדים. הירש מיינט, אַז מ׳קען די יודענפראַגע נור אַזוי פּערענטפערן, אַז מ׳וועט די יודען אַראָפּברענגען אויף אַ טיעפערער מדרגה אין זייער רוחניות. די גאַנצע שנאה קומט דערפון, וואָס זיי זענען צופיעל אינטעליגענט. ער קוקט אויף דעם זשורנאַליסט, כאַטש ער פיהלט זיין גייסט, ווי

אויף אַ בעל דמיון; אמת, די קריטיק אויף זיין אייגענער ארבייט קען ער נישט אפווייזען. צום סוף זאגט ער אליין: אויסוואנדערן איז נאך דאס איינציגע. ס'איז דא געגוג לענדער צו קויפען". ער פרעגט אבער תיכף: „פון וואנען וועט איהר נעהמען דאס געלד? ראטשילד וועט אייך צוזאגען 500 פראנק." און הערצל, גלויבענדיג אין דער אלמעכטיגקייט פון זיין אידעע, ענפערט מיט אַ מלכות'דיגער פעראכטונג פון'ם געלד, וואס ער האט זיך אויסגעצייכענט דורך איהר זיין לעבען לאנג: „איך וועל צונויפברענגען אַ נאציאנאלע הלואה פון 10 מיליארדען מארק" *)

ווי הערצל איז אהיימגעקומען פיהלט ער, אז ער מוז נאכאמאל ענפערן אויף דעם אַ ביסעל איראָנישען טאן פון'ם אנדערען, ער מוז איהם קלאר בעווייזען דעם שטארקערען כח פון'ם אידעאל. ער איז אין כעס אויף זיך אליין, פארוואס ער האט זיך געלאזט איבער־האקען די רייד און זיך אראפברענגען פון'ם עיקר, און ער שרייבט צו הירש'ן זיין וואונדערליכען דריטען בריעף: ... „און כ'וואלט אייך געווען בעדארפט זאגען, וואס פאר פאהנען איך וויל לאזען פלאטערן, און ווי אזוי, און ווען איהר וואלט מיך געווען געפרעגט מיט שפאט: אַ פאהן, וואס איז דאס? אַ דראנג מיט אַ שטיקעל טוך! ניין, מיין הער, אַ פאהן איז מעהר! מיט אַ פאהן פיהרט מען די מענשען וואהין מ'וויל, אפילו אין געליבטען לאנד.

פאר אַ פאהן טון זיי לעבען און שטארבען, דאס איז גאר דאס איינציגע וואס די מאסען זענען זיך דערפאר מקריב, אז מ'דערציהט זיי דערצו ... ווייסט איהר, פון וואנען ס'האט זיך גענומען דאס דייטשע רייך? פון חלומות און פון ליעדער, פון פאנטאזיעס און פון שווארץ־רויט־גאלדענע בענדער, און אין אַ קורצער צייט! ביסמארק האט נור געטרייסעלט דעם בוים וואס ס'האבען געפלאנצט די בעלי־חלומות ... „און מיט נביאישען התלהבות זאגט ער ווייטער:" יא, נור דאס פאנטאסטישע כאפט אן די מענשען, און ווער ס'פערשטעהט זיך נישט דרויף, דער קען זיין נאר אַ וואוילער, אנשטענדיגער און ניכטערנער מאן, און ער קען זיין אפילו אַ בעל טובות אויף אַ גרויסען אופן, אבער פיהרען וועט ער די מענשען נישט, און ס'וועט פון איהם קיין זכר נישט בלייבען." **)

*) זעה ציוניסטישע שריפטען I „טהעאדאר הערצל און דער באראן הירש"

**) ציוניסישע שריפטען, I ז. 35.

צוויי וועלטען האבען זיך צונויפגעטראפען, צוויי מענער, וואס ווילען ביידע קרבנות ברענגען פאר זייער פאלק, און זיי האבען זיך נישט תיכף פערשטאנען, הערצל האט זיך נישט מעהר געטראפען מיט דעם גרויסען פילאנטראפ, האט איהם אפילו נישט צוגעשיקט דעם „יודענשטאאט".

און פונדעסטוועגען האט ער אריינגעשריעבען אין זיין טאגבוך ווי ר'איז געוואהר געווארען פון הירש'ס טויט אים 21. אפריל 1896: „עפיס דוכט זיך מיר, אז אונזער זאך איז היינט ארימער געווארען." *)

באלד נאך דעם איז אנגעשריבען געווארען דער „יודענשטאאט" וואס האט די גאנצע וועלט אויף איינמאל פערחידושט און בעגייסטערט, הערצל'ן דערהויבען צום פיהרער פון אלע פערשפרייטע ציוניסטען און אויפגעריסען א גאנצען ים פון שנאה, הערצל זאגט בפירוש אין דער הקדמה אז ר'האט נישט קיין אוטאפיע געשריעבען, פרובט געפונען די סיבות פונ'ם אנטיסעמיטיזם און שטעלט זיך קעגען דער אסימילאציע, וואס איז אפשר גאנץ גוט אבער אוממעגליך אויסצופיהרען, ווייל די אלטע שלעכטע דעות קעגען אונז זענען טיעף איינגעגראבען אין דער נשמה פון די פעלקער: די פאלקס מעשהליך און די שפריכווערטער זענען אנטיסעמיטיש, ער פערלאנגט מ'זאל פערענפערן די יודענפראגע ווי אַ נאציאנאלע פראגע, „מיר זענען אַ פאלק, איין פאלק!"

די אלע וואס פיהלען זיך ווי איזראליטישע פראנצויזען און דייטשען, זיי געהט די זאך נישט אן, ער רעט צו די דייטשע, פראנצויזישע יודען, כדי צו דערהאלטען די אידעע ביי איהר ריינקייט און ביים כח אויסגעפיהרט צו ווערען פערלאנגט ער האַפּטערס: אַ מאראלישע פארשוינליכקייט, וואס זאל קענען אויף זיך האבען רעכטע און פליכטען אחוץ די פריוואטע פערמעגענס: דאס איז די Society of Jews (דער כלל ישראל); נעבען איהר איז נאך פארהאן אַ יוריסטישע פארשוינליכקייט מיט'ן צוועק, זאכען צו דערווערבען: דאס איז די Jewish Company (דער יודישער פעריין), די ערשטע זאל זיין אַ מין סאציאלער בונד, דער כח צום שאפען פון דער מדינה, די אנדערע זאל זיין די טוענדיגע ארגאניזאציע פאר דער מדינה, נאר אין גלות, צוביסלעך זאלען זיך די יודען אריבערציהען

*) פערגל. די אנמערקונג צו די ציוניסטישען שריפטען. II. בנד, זייט 291

פון זייערע וואוינערטער אין דעם נייען לאנד· די Jewisch Company מאכט זיי פערטיג מיט זייער בעזיץ דא· און גרייט צו די נייע היימ· קיין ארץ ־ ישראל צו קיין ארגענטיניען איז איהם נישט קיין חלוק· אבער אלדינג נישט בסוד· נישט אויף דעם פאלשען וועג פון דער „אינפילטראַציע“· ד׳ ה׳ אריינברענגען פון יודישע עלעמענ־ טען אויף אַ נישט קענטליכען אופן· ווייל דאס מוז ברענגען צו פערבאטען קעגען דער איינוואנדערונג· ס׳מוז זיין אויף אַ רעכטליכען געזיכערטען יסוד·

די נישט געלערנטע ארבייטער פארדינען זיך צוערשט ביי ערדארבייטען בויען וכדומה·

ס׳ווערט איינגעפיהרט אַנ׳ארבייטסטאג פון זיעבען שעה· דאס איז אַ „וועלט ־ קול ־ קורא“ צונ׳אלע ארימע· וואס וועלען אין אמת׳ן קומען אין אַ געלויבטע לאנד· יעדער נויטבעדערפטיגער בעקומט לייכטע· נישט געלערנטע ארבייט· אבער די רייכע יודען וועלען אויך קומען: זיי וועלען נישט מעהר דארפען זייערע שמחות מאכען אונטער פערהענגטע פענסטער· דאס געלד מוז קומען פון די הויכע פענסטער· אז באם זיי זאלען קלוג זיין און זייער טובה דערקענען· אז נישט· וועט מען זיך קעהרען צו דער פארמעגענדיגער מיטעל־ קלאס· אזוי ווי ס׳האבען שוין אַ סך מאהל די קאטאליקען געפרובט· וועט דאס אויך נישט העלפען· אזוי מוז מען פשוט רופען דאס פאלק· דעם ארימען מאן· אויף דעם קריסט· ארויסברענגען אַ בעשלוס פונ׳ם פאלק דורך דעם מיטארבייטען אין דער זאך· דאס אלדינג וועט געשעהן מיט הילף פון די רעגירונגען וואס האבען אַ חלק דערינען·

מ׳וועט ארויספאהרען קהלות ווייז· דער רב בראש; די רבנים וועלען דאך אוודאי די ערשטע זיין· וואס וועלען דעם פלאן תופס זיין· אין די קהלות וועלען זיין אויסגעלעגט שטאדטפלענער· דער מיטעלשטאנד וועט זיך ממילא צושליעסען צום צוג פון די ארימע· וועגען דעם קרבות צווישען זיי· און ווייל בשעת פון דעם וואנדערונג וועלען די ווערטע און די קולטור העכער ווערען· דאס רעליגיעזע געפיהל און די בענקעניש נאך אַ היים וועלען טרייבען די מאסען·

די Society of Jews ׳ ווי אַ נייער משה פאר די יודען· וועט פיהרען אלע העכערע ענינים· וועט פערקויפען פלעצער און שטעדט פאר חשוב׳ע מעשים אנשטאט פאר געלד· וועט בעלוינען

גרעסערע קרבנות מיט אוניווערזיטעטען, הויכשולעס און אינסטיטוציעס פון דער מדינה. זי ארבייט אויס די קאנסטיטוציע, ווי ווייט ס'לאזט זיך אין דער פארם פון אנ'אריסטאקראטישער רעפובליק.

און ווייל מיר קענען לשון־קודש צווישען זיך בישט רעדען, וועט זיך א יעדער האלטען זיין פריהערדיגע שפראך, אזוי ווי ס'איז געווען ביי דער גרינדונג פון דער שווייץ. מיר וועלען זיך דערקענען נישט דורך דער שפראך נור דורך דער אמונה פון אונזערע פעטער. פונדעסטוועגען זאל הערשען פרייהייט אין אמונה זאכען, דער מענש פון א פרעמדער אומה זאל האבען דאס אייגענע רעכט ווי דער היימישער. מיר האבען דאך שוין צייט געהאט טאלעראנץ צו לערנען! אזוי וועט "ארויסוואקסען פון דער ערד א דור פון חדושליכע יודען, די מכבים וועלען אויפשטעהן תחית המתים, און נאכאמאל חזר'ט ער איבער די ווערטער וואס זענען אינ'ם אנהויב געזאגט געווארען: די יודען וואס ווילען, וועלען האבען זייער מדינה".

בשעת הערצל האט די דאזיגע געדאנקען אנגעשריבען האט ער געוואוסט אז ס'ווארטן אויף איהם א גאנצע פולע פון טענות און שארפע מלחמות, אז א סך וועלען איהם האלטען פאר א פער־לוירענעם בעל־דמיון. אבער דאס ווארט "אוממעגליך" איז נישט געווען פארהאן אין זיין שפראך. ער האט זיך תמיד סומך געווען אויף קארלייל, וואס זאגט: "שטרעק אויס דיין האנט אין גאט'ס נאמען; זיי וויסען, אז דאס ווארט "אוממעגליך" האט נישט קיין פלאץ אינ'ם ווערטערבוך פונ'ם אנשטענדיגען מאַן, וואו ס'געביעטען אמת, רחמנות און דאס אייביגע קול פון דער נאטור. זיי וויסען, אז דעמאלט ווען אלע מענשען האבען געזאגט "אומ־מעגליך" און זענען ליארימדיג אריבערגעלאפען ערגיץ־אנדערש און דו ביזט אליין איבערגעבליבען, ערשט דעמאלט איז געקומען דיין צייט און דיין מעגליכקייט. אצינד שטעהסט דו אין דער פאדערסטער שורה! טו און פרעג ביי קיינעם נישט קיין עצה, נור ביי דיר און ביי גאט." *)

*) אין אט דער שטאט וויען האב איך מיך אויף איינמאל אבגעזאגט פון מיין גאנצער סביבה, פון אלע מיינע בעקאנטע און פריינד און אנ'איינזאמער מענש האב איך מיך געשטעלט דערפאר וואס כ'האב געהאלטען פאר רעכט. ס'פעהלט מיר נישט קיין רוב, איך דארף נישט דעם רוב. איך בעדארף נאר, אז איך אליין זאל מיר זיין קלאר מיט מיין אייגענער איבערצייגונג. דעמאלט בין איך צופרידען, אפילו ווען א הונט זאל נישט וועלען ביי מיר א שטיק ברויט אנגעהמען (סטענאגראם פון דער זיצונג פונ'ם גרויסען א. ק. אים 11. IV. 1904. הערצעל'ס רעדע קעגען די כארקאווער).

און אין אמת'ן איז שיער אוממעגליך געווען צו דערהאלטען זיין מצב נאכדעם ווי ר'האט פערפאסט דאס ביכעל. ס'האבען איהם טאקי די מכבים אין לאנדאן געמאכט פאר אנ'עהרענמיטגליעד נאך א רעדע אים 24. נאוועמבער 1895. אבער אמת'ע אונטערשטיצונג האט ער נישט בעקומען, כאטש די פיהרער פון די ענגלישע חובבי־ציון האבען זיך פאר איהם אינטערעסירט. ביי זיינע נאהנטסטע פריינד האט ער נישט אנגעטראפען אפילו א קליין ביסעל הבנה. באראן הירש איז געשטארבען אין דער רגע, ווי הערצל האט בעשלאסען איהם איבערצוגעבען דעם „יודענשטאאט". נור איין מאן, א שריפטשטעלער מיט אנ'אייראפעישען שם און א גרויסען כאראקטער, האט מיט מוט צוג'איהם צוגעטרעטען און האט געוואלט מיט איהם פיהרען די מלחמה האנט אין האנט: מאקס נארדוי. מיר קענען דא נישט מאריך זיין צו בעשרייבען, וואס נארדוי האט אויפגעטון פאר'ן ציוניזמוס. דאס קעהר צו דער געשיכטע, און וויפיעל מ'שעצט עס איז אלץ צו ווענינ. אבער איינס מוז מען זאגען, אז הערצל האט אן איהם, "דעם געטרייען און גרויסען פריינד", געהאנגען מיט א זעלטענער ליעבע און כבוד. די געפיהלען האבען זיך נישט אמקלענסטען פארענדערט ביז צו הערצל'ס טויט, כאטש זיי האבען אין א פאר ענינים, ווי למשל אין דער אוגאנדא־זאך, נישט געהאט קיין גלייכע דעה. *)

דא און דארט אין רוסלאנד, עסטרייך, דייטשלאנד, רומעניען, זענען געווען פארהאן ציוניסטישע און יודישנאציאנאלע ארגאניזאציעס. זייער צאהל איז געווען קליין און נאך קלענער זייער כח. נאך אים סעפטעמבער 1893 האבען זיי אבגעהאלטען א קאנפערענץ אין וויען, אין וועלכער ס'האבען זיך בעטייליגט אכט קעמפער פאר'ן געדאנק פון דער אויפלעבונג פונ'ם יודישען פאלק. **) מ'האט בעראטען איבער דעם צונויפרופען פון א ציוניסטישען וועלט־קאנגרעס אויף פסח 1894 אין בערלין, מ'איז אבער געבליבען ביי די הכנות. נור די וויענער שטודענטען - פערבינדונג „קדימה" האט דערקענט אינ'ם מחבר פונם „יודענשטאאט" דעם נויטיגען פיהרער און האט איהם דערצו דערהויבען. אים מאי 1896 האט דער ד"ר מ. ט. שנירער געהאלטען א רעדע איבער דעם „יודענשטאאט" אינם וויענער פערבאנד „ציון", און דער פערבאנד

*) נארדוי איז געווען א געגנער פון אסטאפריקא און האט נור הערצל'ן צוליעב מסכים געווען צו האלטען די רעדע פאר דער "נאכטסטאנציע".

**) באמבוס, בעלקאווסקי, בירנבוים, בריינין, דארנבוש, עהרענפרייז, מ. מאזעס, זאלץ.

בשותּפות מיט די סטודענטענפערבינדונגען פון די אוניווערזיטעטען אין וויען, גראַץ און טשערנאָוויץ האָט אַרויסגעגעבן אַן׳אויפרוף אַז מ׳זאָל הערצל׳ן איבערגעבן אַן׳אַדרעס, און ער האָט זי אויך באַלד אַנגעפּולט מיט טויזענדער חתימות.*) אָהן דעם עפענטליכען אַרויס־טרעטען פון די סטודענטען וואָלט הערצל׳ן געווען שווערליך דערגרייכט די שטעלע פונ׳ם פיהרער, ווייל אַ סך פון די חשובע פּאַרשוינליכקייטען — אַפילו דער פערדיענסטפולער זקן, ד״ר רילף — זענען נאָך געווען מסופּק צו זיי זאָלען מיט איהם מיטגעהן.**) ס׳איז זיי עפּיס נישט רעכט געווען הערצל׳ס זיכערקייט אויף זיך, וואָס איהרע סבּות האָבען זיי נישט פערשטאַנען; זיי האָבען נישט געוואוסט, אַז ביי זיין אַרבּייט איז איהם די גאַנצע נאַציאָנאַלע בּעוועגונג נישט באַקאַנט געווען און דערפאַר האָבּען זיי געמיינט אַז עפּיס אַ רודף כּבוד וויל זיי איבּערקשטופען אין אַ זייט; זיי זענען געווען מסופּק אינ׳ם ערנסט פון דעם מאַן, וואָס איז געקומען צו זיין פאַלק פון פרעמדע, נישט־יודישע קרייזען; און אַזוי ווי ס׳וואָלט זיך פערשטאַנען פון זיך אַליין וויל ער איבּערנעהמען זייער ירושה. אַ סך האָט אויך נישט געפּאַסט זיין פּלאַן, איבּערצוגעבען דער ברייטער עפענטליכער מיינונג דעם ענין וואָס האָט זיך זיי אויסגעוויזען אַ ריין אינערליך יודישע זאַך.

*) פּערגל. אַנהאַנג.

**) רילף שרייבט אין ״ציון״ פונ׳ם 17. V. 1896: ״דאָס אַלדינג האָט נישט געהינדערט און מיר האָבּען באַקומען וואַרימע און באַגייסטערטע אַנהענגער אין דייטשלאַנד און אין עסטערייך בּפרט פון די סטודענטען. אויבּ מ׳מעג דערצו רעכנען דעם מחבּר פון דעם ניט־לאַנג אויסגעגעבענעם ביכעל ״דער יודענשטאַאַט״, דעם ד״ר טהעאָדאָר הערצל, דאָס איז מיר נאָך נישט קלאָר געוואָרען. דער מאַן טרעט אַרויס אַזוי זיכער, שטיצט אויף זיך אַזויפיעל, אַזוי ווי ער וואָלט געווען דער ערשטער וואָס איז אַרויס מיט אַזעלכע געדאַנקען און עצות, אין אמת׳ן אָבּער האָט דאָס שוין ד״ר פּינסקער אין זיין ביכעל ״אויטאָעמאַנ־ציפּאַציע״ פּונקט דאָס אייגענע געזאָגט און נאָך אַ סך בעסער און שטאַרקער, קודם כּל מיט מעהר וואַרימקייט און חריפות.

דאָס איז שוין אַ כּלל ביי אונס יודען: יעדער וויל זיין דער ערשטער און זיין אַ קופּץ בּראש — נישטאָ קיין אחדות, נישטאָ קיין בּשותּפות׳דיג אַרבּייטען, מ׳שליעסט זיך נישט צו צו פריהערדיגע מעשׂים און באַשרייבּונגען, דורכדעם ריהרען מיר זיך נישט פונ׳ם אָרט אין אונזער פערלאַנגען דערלייזט צו ווערען, מ׳קומט גאָר נישט אויף די ווערטער פון אונזערע חכמים: האָומר דבר בּשם אומרו מביא גאולה לעולם (ווער ס׳זאָגט נאָך אַ זאַך אינ׳ם נאָמען פון דעם וואָס האָט דאָס צוערשט געזאָגט, דער בּרענגט די גאולה פאַר דער וועלט).

אויף יעדען אופן איז הערצל אויך אַ שאַרפער געגנער פון די ״שטאַאַטסבּירגער מיט יודישער אמונה״, און דאָס אַליין איז איהם שוין מקרב צו אונז און גיבּט אונז פערטרויען.״

ווי הערצל האָט געלייענט דעם אַרטיקעל פון רילף, האָט ער געזאָגט צו וואָלפזאָהן ״איך האָבּ גאָר נישט געוואוסט פון פּינסקערס „אויטאָעמאַנציפּאַציע״. ווען איך וואָלט דאָס געווען געקענט וואָלט דער „יודענשטאַאַט״ אוודאי נישט געווען אַנגעשריבּען געוואָרען.״

אבער דאס ראד האט זיך שוין געדרעהט און די אלע וואס האבען געוואַרט און געצווייפעלט האבען פאר זיך געזעהן אַ מאן מיט אַ שטאַרקען רצון און מיט אַ גרויסען ארבייטס־כח. אַ מאן וואס האט זיך געסטאַרעט אלע שאנסען פאר זיך אויסצונוצען. ס׳האט זיך באַלד ארויסגעשטעלט, אז הערצל האט געבראַכט געדאַנקען, וואס האבען שוין לאַנג געדרימעלט אין די געפיהלען פון אַ סך ברידער. די מאסען אינ׳ם מזרח זענען אומרוהיג געווארען. „איך האב שוין מיין שכר", שרייבט ער אים 8. אפּריל 1896 צו זיין שפּעטער־דיגען פריינד גוסטאוו ג. כהן אין האמבורג, „די אַרימע לייט פון אונזער פאלק דערקענען מיך פאר זייער פריינד; פון רוסלאַנד, גאַ־ליציען, רומעניען, בולגאריען, אונגארן בעקום איך בעגייסטערטע הסכמות; די אקאַדעמישע יוגענד שטעלט זיך אונטער מיר, אין ענגלאַנד איז מען אין דער זאַך שטאַרק פּעראינטערעסירט . . . איך קען מיינע יודען, איך ווייס וואס ס׳שטעקט אין אונז, וואס ס׳מוז אין אונז שטעקען, ווייל מיר האבען איבערגעשטאַנען די שווערסטע נסיונות פון אלע פעלקער זייט די וועלט שטעהט".

און אזוי ווי ר׳האט דאס דערקענט, האט ער אנגעהויבען צו טון. באַם מ׳וויל האבען אַ ישוב, וואס זאָל זיין געזיכערט דורכ׳ן פעלקעררעכט, מוז מען קודם־כל בעקומען די הסכמה פון דעם וואס צונ׳איהם קעהר דאס געהאַפּטע לאַנד. די מאסען זענען אבער נישט געווען בעגייסטערט פאר ארגענטיניען, פאר דעם לאַנד וואו די אָקערבויער האבען אויך געמעגט זיין יודען. זיי האבען געוואָלט זייער רעליגיעזע און היסטארישע היים, וואו די יודען האבען אויך געקאַנט זיין אָקערבויער.

אזוי האט הערצל אנגעהויבען זיינע מעשים דערמיט וואס ר׳האט חוקר ודורש געווען די לאַגע אין קאנסטאַנטינאָפּעל. ווי ר׳איז דורכ־געפאָהרען דורך סאָפיא האבען איהם די בולגארישע יודען געמאַכט אַ קבלת־פנים מיט שטאַרקי התלהבות.*) און ער איז אהיימגעקומען מיט גרויסע האָפנונגען אויף שפּעטער. „מיט אַ חשובען רע־זולטאַט בין איך היינט געקומען פון קאנסטאַנטינאָפּעל, כ׳פאָהר מאָרגען קיין לאָנדאָן", שרייבט ער אים 1. יולי 1896 צו כהן. ס׳פער־שטעהט זיך אז מיט דעם רעזולטאַט האט ער נור געמיינט דאס אנקניפּען פון אַ משא־ומתן, אבער מ׳האט מיט איהם נוהג כבוד

*) זעה די ידיעה פון דר׳ ראובן בירער אין „ציון" פונ׳ם 15. יולי 1896.

געווען! הערצל האט זיך אויך בענוצט מיט דער פאסענדיגער פסיכא־לאגיע. באשר ער האט זיך נישט גענוג פערשטאנען אויף דער פערדרעהטער מאשין פון טירקישע אונטערהאנדלונגען, האט ער זיך מיטגענומען אַ דיפלאמאט א פאכמאן, און כדי עושה רושם צו זיין אינ׳ם מזרח ווי ס׳קעהרט זיך, האט מען נישט געקארגט אין קיין הוצאות ס׳זאל שעהן אויסנעהמען „מיט א רייזעטעשעל אין דער האנט וואלט מען אויס מיר חוזק געמאכט״ האט ער געזאגט צום מחבר.

אים 6. יולי 1896 האט הערצל געהאלטען א רעדע ביי די מכבים אין לאנדאן. ס׳זענען געקומען די גרעסטע לייט פון די ענגלישע יודען, צווישען זיי גאלדסמיט, זינגער, סיר שמואל מאנטאגו. אינ׳ם הייסען וכוח האט הערצל׳ן שטארק צוגעהאלפען דער קריסט־ליכער מאלער האָלמאן הונט, וואס איז אליין פון זיך, אהן הערצל׳ס השפעה, געפאלען אויפ׳ן געדאנק א יודישע מדינה אויפצובויען פון די יודשע רעדנערס האט זיך זאנגוויל בעגניגט מיט א פאר חכמות. די פיהרער פון די „חובבי ציון״ האבען פערטיידיגט דאס אריינבערענגען פונ׳ם יודישען עלעמענט אהן א פאליטישען יסוד, אנדערע האבען מלחמה געפיהרט קעגען דעם גאנצען פלאן פון דער „יודישער מיסיע״.

אט דער נסיון האט ביי הערצל׳ן נאך שטארקער געמאכט זיין מיינונג, אז מ׳מוז קודם כל בעקומען די מאסען און אז ס׳איז נויטיג צונויפצורופען א וועלטקאנגרעס. אַ ביהנע וואס זאל קלאר מאכען אלע פראגען און וואס זאל אויך זיין אַ דעמאנסטראציע, כדי צו בעווייזען די רעגיערונגען און די פעלקער אז די אידעע איז נוצליך און מעגליך אויסצופיהרען.

און אצינד הייבט זיך אהן אַ פיעבערדיג ארבייטען. הערצ׳ל קעהרט זיך צו א סך חשובע מענשען און זיי ווענדען זיך צונ׳איהם. ער סטארעט זיך דעם אנגעהויבענען משא־ומתן מיט קאנסטאנטינאפעל*)

*) ״פון קאנסטאנטינאפעל, וואו מ׳האלט פון מיר, האב איך פאר א פאר טעג בעקומען גוטע ידיעות. ס׳ווערט זיך אוודאי אזוי מאכען, אז איך וועל איבערראשען די וועלט מיט א פארטיגער זאך און פרעגען: ווער געהט מיט? ס׳איז א געוואלטיג ווערק, וואס כ׳האב דערפאר געהאט קודם שפאט, דערנאך שנאה און וועל נאך שפעטער אומדאנק בע־קומען. אבער איך בין אין מיר שטארק, און טו אלדינג אין אמת׳ן נור דערפאר ווייל כ׳מוז עס טון פון מיין אינערליכען דרך ארויס.״ בריעף פונם 1. IX. 1896 צו ג. ג. כהן, זעה אנהאנג.

גרעסער און שטארקער צו מאכען, און זוכט אויך וועגען כדי צוצוקומען צו מושלים אין אייראפא. ער פערפאסט א געדענקשריפט צו דער משפחה ראטשילד, און האפט אז דאס וועט פועלן. עדמונד דע ראטשילד איז דאך שוין פון לאנג געווען באקאנט פאר א בעשי־צער פון דער קאלאניזאציע. נאך דעם ווי ס׳האבען איהם גאלדסמיט, מאהליווער און ערלאנגער בעוויזען דאס חשיבות פון דער זאך, הערצל האט מיט איהם געהאט לאנגע שמועסען אהן א פועל יוצא, ער וויל איהם איבערגעבען די פיהרונג און יענער נעמט עס נישט אן *). דאס התלהבות פון די מאסען וואקסט, אבער ס׳וואקסט אויך די צאהל פון די געגנער פון דעם פראגראם־כלל אינ׳ם „יודענשטאאט" און פון הערצל׳ס אויפפאדעררונג, אז מ׳זאל אויפהערען מיט דער "אינפילטראציע" ביז מ׳וועט נישט געזיכערט ווערען פון דער רעגירונג. אים 7. נאוועמבער 1896 האלט ער א רעדע אין דער „וויענער אוניאן", מסתמא דורך דער השפעה פון די געגנער הייבט ער אהן דאס ווארט "יודענשטאאט" דורך פערשידענע פרושים שוואכער צו מאכען, ער דערמאנט עס נור אינ׳ם אנהויב פון זיין רעדע, דערנאך רעדט ער נור פון „אַ קאלאניזאציע אויף א גרויסען אופן: . . . וואס זאל זיך אליין בעשיצען און האבען אנ׳אייגענע פערוואלטונג, אנ׳אויטאנאמיע", פון „א ערלויבניש פאר א מאסענאיינוואנדערונג" פון דער טערקישער רעגירונג, וואס דערפאר זאל מען א שטייער בעצאהלען, צוליעב דעם שטייער וועט ער אפשר צונויפזאמלען א „נאציאנאלפאנד" דורך גרעסערע נדבות.

הערצל האט זיך ארויסגעצויגען קיין וויען, וואו ער איז געווארען פעליעטאנרעדאקטאר פון דער „נייער פרייע פרעסע" און אים 6. און 7. מערץ 1897 איז אין דער רעמבראנדגאַס נאכאמאל אבגעהאלטען געווארען א קאנפערענץ מכח צונויפרופען פון א ציוניסטישען וועלט־קאָנגרעס. **)

הערצל איז געווען פרעזידענט. צווישען די געקומענע זענען געווען א פאר – אזוי למשל באמבוס און זאלץ – שטארקע חסידים פון

*) בריעף צו ווילהעלם גראָס אין יפו פונ׳ם 1896 .IX .18 און 28. X. 96.

**) לויט דעם פראטאקאל האבען זיך בעטייליגט אין דער בעשליעסענדער זיצונג פונ׳ם 7. מערץ הערצל, מאזעס, קרעמענעצקי, זאלץ, שטיינער, טהאן, טוראָוו, באמבוס, עהרענפרייז, קעלנער, קאָקעש.

דער פּאָליטיק פון אינפילטראַציע און קאָלאָניזאַציע. ס׳איז געוועהלט געוואָרען אַנ׳אויסשוס כּדי דעם קאָנגרעס צוצוגרייטען, און דער קאָנגרעס איז צונויפגערופען געוואָרען אויפ׳ן 25. ביז 27. אויגוסט קיין מינכען.

אין דער „דערוויילינגער ידיעה״, וואָס הערצל האָט פאַראַנאַנדער־געשיקט אינ׳ם נאָמען פון דער צוגרייטונגס־קאָמיסיע, ווערען דער־מאָנט רעפּרעזענטען פון נאָרדוי, באָמבוס, הירש הילדעסהיימער, באַדענהיימער און הערצל. הערצל האָט געזאָלט רעדען איבער׳ן טעמא: „די יודענפראַגע און דער קומענדיגער דיפּלאָמאַטישער קאָנ־גרעס פון די גרויסמעכטע״. דאָרט שטעהט: אַזוי וועלען די בשות־פּותדיגע בעדערפעניסען בעקומען אַנ׳אָרגאַן, ס׳וועט געשאַ־פען ווערען אַ מין עיר־מקלט פאַר די בקשות און די קלאָגען פון אונזערע ברידער. די יודישע פראַגע מוז אָוועקגענומען ווערען פונ׳ם רצון — ער מעג זיין אַפילו דער בעסטער — פון איינצעלנע מענשען. ס׳מוז זיין אַנ׳עפענטליך בית־דין וואָס אַ יעדער וואָס טוט אָדער טוט נישט אין יודישע ענינים זאָל מוזען דערפאַר דין וחשבון אָב־געבען. קיין איינציגער מענש מיט יושר וועט נישט זיין קעגען דעם.

אַ שאָד וואָס הערצל, מיט זיין ריין האַרץ און מיט דעם שטאַר־קען רצון זיין הייליגען רעיון צו דינען, האָט נישט גענוג בערעכענט די שוואַכקייטען פון דער מענשליכער טבע. אין די צייטונגען און הינטערווייכלעכטס האָט מען אָנגעהויבען צו אַרבייטען אויף קעסעל און אויף כּלים קעגען דעם קאָנגרעס. אַזוינס איז דאָך נאָך נישט פאַרהאָן געווען, רעדען איבער יודישע ענינים גאָר עפענטליך פאַר אַ סך צוהערער! און דערצו אונטער דער פיהרונג פון אַ מאָן, וואָס וויל גאָר אַ יודישע מלוכה! אַ טייל האָבען תּיכּף געפונען די סכּנה פאַר דער יודישער עמאַנציפּאַציע, אַנדערע האָבען מורא געהאַט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם וועט געוואַלטיג גרויס ווערען און די ליבעראַלע קריסטליכע בעשיצער וועלען פערטריבען ווערען.

אַ טייל פון די אַלטע חובבי ציון האָבען מורא געהאַט אַז דורכ׳ן קאָנגרעס וועט מען אָסר׳ן די קליינקאָלאָניזאַציע, אַחוץ דעם זענען פאַרהאָן געווען אַ זעלכע נידריגע כאַראַקטער׳ס וואָס דאָס גרויסקייט פון אַ רעיון אָדער פון אַ טאַט דערוועקט שוין ביי זיי עפּיס אינערליכע

טענות און מענות, וואס זייער אייגענע ארימקייט ברענגט זיי דערצו דאס עדלע אויסצולאכען, עס מיט שמוץ צו בעווארפען און צו דערקעגען מלחמה צו פיהרען מיט פערגיפטעטע כלי־זיין. ס׳איז נויטיג געווען א גאנצער מאן וואס זאל זיך האלטען פעסט אקעגען דעם אלעמען. אבער הערצל איז געבליבען שטארק, ער האט זיך נור געהאט איין תשובה: „די גרויסקייט פונ׳ם קאנגרעס.״ *) און ער האט קלאר געוואוסט ווי שווער ס׳וועט זיין זיינע קומענדיגע מתנגדים בייצושטעהן. צונ׳ערשט איז דער הויפט ראבינער פון ענגלאנד ד״ר אדלער ארויסגעטרעטען קעגען דעם נאציאנאליודענטום; ר׳האט זיך אויך שפעטער, ביי דער גרינדונג פון דער באנק, הערצל׳ן אינ׳ם וועג געשטעלט. נאך איהם איז ארויס מיט א בראשורע דער וויענער אויבער־ראבינער ד״ר גידעמאן, וואס האט זיך אין אנהויב צו דער זאך גאר פריינדליך פערהאלטען, אזוי אז תיכף ווי ר׳האט נור געזעהן די ערשטע געדרוקטע בלעטלעך פונ׳ם „יודענשטאאט״ האט ער געשריעבען צו הערצל׳ן: „איך האב אלדינג געליינט און האב גאר נישט צו בעמערקען״. די תשובה אויף דער בראשורע אין בלאכ׳ס וואכענשריפט פונ׳ם 23, אפריל 1897 האט, כאטש דער פיינער פארם, געוויזען, אז הערצל קען גאר שארף ווערען. **)

ס׳איז איהם באלד געווען בעשערט, זיך מיט זיין שארפקייט צו בענוצען אקעגען מענשען אויסענווייניג און אינווייניג. קודם כל האט ער אציינד בעדארפט אנ׳ארגאן, א צייטונג, ווייל די גאנצע פרעסע איז געווען אין די הענד פון די געגנער. אמת, געלד איז נישט געווען כדי די צייטונג צו דערהאלטען. אבער הערצל האט זיך קיינמאל נישט געלאזט אויפהאלטען דורך אויסערליכע הינדערנישען, בשעת ר׳האט זיך גענומען אויסצופיהרען זיינע פלענער; און ערשט אין מאטעריעלע זאכען איז ער נאך מעהר ברייט געווען ווי תמיד.

זיין פזרנות און נישט־פעראינטערעסירטקייט און געלדזאכען האבען זיך גוט געפאסט צונ׳איהם. אויך אין שפעטערע צייטען, ווי

*) בריף צו ד״ר עהרענפרייז פונ׳ם 24. יוני 1897 אין דער „וועלט״ פונ׳ם 20. מאי 1910.

**) הערצל האט אבער א חלוק געמאכט צווישען די אייביגע מתנגדים און די דאזיגע „וואס נאך א צייט וועלען מיר זיך קענען מיט זיי אויסגלייכען״. בשעת ר׳האט געמוזט ארויסטרעטען קעגען עמיצען, האט ער זיך דאך תמיד געסטארעט, דעם פיינד איבער־צולאזען א דרך תשובה. „אונזער פאהן זאל זיין אזוי זיידען ווי ס׳קען״, האט ער געזאגט און געשריעבען. נאך זיין דעה איז עס געווען מסופן פאר׳ן יודענטום, באם ר׳איז אינערליך צוריסען.

די ארגאניזאציע איז שוין פארהאן געווען און האט געהאט א גרויס פערמעג, איז עס איהם נישט איינגעפאלען, די גרויסע סומעס וואס ער האט אויסגעלעגט צוריקצונעהמען. דערפאר האט זיך זיין פערמעג צוביסלעך אויסגעשעפּט און ער איז געווען פול דאגות וועגען דער צוקונפט פון זיינע קינדער. ס'איז בײ איהם געווען גאנץ נאטירליך אלעס מקריב צו זיין; אזוי נאטירליך, אז ר'האט גאר נישט געקענט פערשטעהן ווי אנדערע ווילען דאס נישט טון און האט זיך הונדערט מאל דערין טועה געווען. אלדינג האט ער אוועקגעגעבען: געזונד און כח, רוה און שלום־בית, זיין פערמעג און צום סוף אפילו דאס לעבען. *)

איז די „וועלט" געגרינדעט געווארען מיט הערצל'ס געלד; זי זאל זיין — אזוי שטעהט אינ'ם פראגראם פונ'ם 3. יוני 1897 — פארן יודישען פאלק „אנ'אבוועהר און א כלי־זיין, א ריין כלי־זיין, אקעגען אלע זיינע שונאים — סיי ווי פון וועלכער אמונה זיי זענען, אנ'ארגאן פון די מענער, וואס ווילען ארויספיהרען דאס יודענטום פון דער צייט אויף בעסערע צייטען . . ., וואס ווילען פיהרען די אלע יודען, וועלכע קענען נישט אדער ווילען נישט זיך אסימילירען אין זייערע איצטיגע וואוינערטער — אין א פעלקעררעכטליך געזיכערטע היים".

תיכף דער ערשטער לייטארטיקעל, פון הערצל'ן געשריעבען „דער קאנגרעס", האט געהאט א פנים פון א פראגראם; דער לייט־ארטיקעל אין צווייטען נומער, פון נארדוי, איז געווען א רוף צו מלחמה אקעגען דעם ביכעל פון גודעמאַן, און אצינד האט מען

*) נישט לאנג פאר'ן טויט — 1903 — אין קאירא — האט הערצ'ל דריבער אויספיהרליך גערעד מיט'ן מחבר. ער האט קיינמאל און אין קיין איינציגער פארם נישט אנגענומען קיין בעלוינונג פון דער ארגאניזאציע, ווייל ער האט נישט געוואלט בעצאהלט ווערען פאר זיין אידעאלען שטרעבונג און אז מ'זאל איהם חושד זיין, אז ער זוכט א מאטעריעלען רוח. אבער ווייל ר'האט נישט געוואלט זיין אבהענגיג פון דער ארגאניזאציע האט ער געמוזט זיין אבהענגיג פון דער "נייער פרייער פרעסע", וואס איהרע בעלי־בתים האבען געוואלט דורך טויטשווייגען זיינע אידעען אונטערדריקען. א קלארע ראיה פאר דעם קליינליכען דרך זענען די נומערן פון דער צייטונג נאך הערצל'ס טויט; דארט האבען זיי נור קורץ דערמאנט הערצל'ס לעבענסווערק דעם ציוניזמוס, אבער מיט א פנים פון פול צער האבען זיי אבגעדרוקט די שפאלטענלאנגע טרייסטבריעף, וואס זענען אנגעקומען אין דער רעדאקציע. פאר הערצל'ן איז דאס געווען א שווערע משא א "זיבעניעהריגע מלחמה" ס'איז אפילו געווען א פאל, אז הערצל איז בעשטעלט געווארען צו איינעם פון די מעכטיגסטע הערשער אין איירָאפּא, און ער האט נישט געקענט אוועק פון דער רעדאקציע. אמת, מ'קען דערפאר נישט קומען מיט טענות צו דער רעדאקציע פון דער צייטונג. אבער הערצל'ן האט א סך מאל שווער געדרוקט דאס געבונדענקייט דורך מאטעריעלע סבות.

געמוזט בעשיצען דעם קאנגרעס־רעיון פון רעכטס און פון לינקס. נאך אים אפריל האבען זיך אנגעהויבען דייטליך צו ווייזען מתנגדים צווישען די „חובבי ציון", דער פערדיענסטפולער און נישטאייגענער ציגער הירש הילדעסהיימער האט זיך צוריקגעצויגען און האט זיך אבגאזאגט פון זיין רעפעראט איבער „די אויפגאבען פון די יודישע צדקה־אינסטיטוציעס אין ארץ ישראל." ער האט געמיינט, אז ער וועט רעדען אויף א קאנגרעס פון „חובבי ציון, און נישט פון ציוניסטען, און ווי ר'האט זיין טעות ארויסגעזעהן האט ער גאנץ לאגיש זיין הבטחה צוריקגעצויגען. ווייל פאר איהם און זיינע פריינד איז דער עיקר געווען די אויסערליכע צורה פון דער פאראנשטאלטונג. זיי זענען געווען ציוניסטען, טאקי אפילו נאציאנאליסטען, האבען אבער מורא געהאט, אז דער פאליטישער כאראקטער, וואס הערצל האט דער זאך געגעבען, וועט א סך שאדען און וועט פערדערבען די סימפאטיען פון די דאזיגע קרייזען, וואס האבען ביז אצינד קאלאניזירט. הערצל אבער האט, לויט זיינע אייגענע ווערטער, נישט געפונען קיין גרעסערען חלוק צווישען די פערשיעדענע נעמען נור אזוי ווי צווישען „blanc bonnet" (א ווייסע הויב) און „bonnet blanc" (א הויב וואס איז ווייס). ער האט נישט געקענט און נישט געוואלט אפילו א קלייניגקייט נאכגעבען, און זיין קאנסעקווענטע און ראדיקאלע התנהגות האט זיך די בערלינער אדונים אויסגעוויזען עפיס אזוי ווי אנ'אויפגייטען מיט געוואלט.*) וויללי באמבוס איז ארויס פון דער צוגרייטונגס קאמיסיע, האט זיך פונדעסטוועגען דערנאך בעטייליגט אינ'ם באזעלער קאנגרעס נור מיט דער אויס־דריקליכער כונה, הערצל'ן שטארק צו בעקעמפען. די מנהיגים פון די לאנדאנער חובבי ציון האבען צו וויסען געגעבען, אז זיי וועלען נישט קומען צום קאנגרעס ווייל זיי זענען מחולק מיט הערצל'ן וועגען די מיטלען **). הערצל האט זיי מיט רעכט געענפערט, אז מ'וויל דאך ערשט אין באזעל אנ'עצה האלטען וועגען די ריכטיגע מיטלען.

גאנץ אנדערש איז געווען די אפאזיציע פון די אסימילאנטען.

*) דער בריעף צו דר. הילדעסהיימער פונ'ם 9. מאי 1897. הערצל האט אויך א פונקט אריינגעשטעלט אין דער טאגעסארדנונג איבער: "דאס ארדנונג־מאכען, אין די טערקישע פינאנצען", און דאס האט מען איהם פאראיבעל גענומען.

**) ערקלערונג אין נר. 20 פון דער צייטונג "Palestine".

די ראבינערס פאגעלשטיין און מייבוים זענען צונ׳ערשט ארויס מיט א פראטעסט אין דער „אלגעמיינער צייטונג דעם יודענטומס״. „מיר קענען דאס נישט צולאזען״, שרייבען זיי, „אז די בערופער פונ׳ם קאנגרעס זאלען רעדען אינ׳ם נאמען פון אלע יודען, און מיר זענען זיכער אז קיין איינציגער ראבינער אדער ראש־הקהלה אין דייטשלאנד וועט נישט קומען צום קאנגרעס, כדי דערמיט דער גאנצער וועלט צו בעווייזען, אז די דייטשע יודען האבען גאר נישט בשותפותדיג׳ס מיט די פלענער פון די ציוניסטען.״ צו זייער צער איז אבער אין דעם קומענדיגען נומער פון דער „וועלט״ ווארם ארויסגעטרעטען אקעגען זיי דוקא א דייטשער רב, דער אלטער דר. רילף פון מעמעל.

אין דער אייגענער צייט האבען די ראשי הקהל פון מינכען געשיקט א בריף צו דער צוגרייטונגס קאמיסיע, אז זיי זענען נישט מסכים דער קאנגרעס זאל אבגעהאלטען ווערען אין מינכען. דערנאך האט מען קודם געקלערט, אין צירין דעם קאנגרעס אבצוהאלטען, ביז מ׳האט צום סוף בעשלאסען אז ער זאל זיך אנהויבען אים 29. אויגוסט אין באזעל *).

אזוי ווי די געגנער האבען געזעהן, אז אקעגען דעם שטארקען רצון פונ׳ם נייען פיהרער פון דער בעוועגונג צוגעהען זיך אהן־כח אלע נסיונות פון דער אפאזיציע, אזוי האבען זיי געוואלט אויף איין מאל געבען דער בעוועגונג דעם לעצטען קלאפ.

די ראבינערס מייבוים, גוטמאן, האראוויץ, אויערבאך און ווערנער האבען ארויסגעגעבען אינ׳ם „בערלינער טאגעבלאט״ און די אנדערע צייטונגען אַנ׳ערקלערונג אינ׳ם נאמען פונ׳ם דייטשען ראבינער פערבאנד. דארט זאגען זיי, אז די ציעלען פון די „אזויגערופענע״ ציוניסטען זענען קעגען דער האפנונג אויף משיח; לויט׳ן יודענטום זענען אלע גלויביגע מחויב צו דיענען מיט אלע כחות צום פאטערלאנד „וואס זיי קעהרען צונ׳איהם״.

נאך אַ קליינעם קאמפלימענט פאר די בעשטרעבונגען פון דער קאליניזאציע, טוען זיי שטארק ווארנען „מכח טעמים פון דער אמונה

*) צוויי פערשטארבענע קריסטליכע פריינד פון דער בעוועגונג, בערנהארד קאַללין־בערנואילי, דער רעדאקטאר פון די „באזעלער נאכריכטען״, און דער בוכהענדלער קאָבער, אנ׳איידים פונ׳ם פראטעסטאנטישען בישאָף גאָבא פון ירושלים, האבען אין דעם שווערען מצב געטון וואס זיי האבען געקענט, כדי מעגליך צו מאכען דעם קאנגרעס אין באזעל.

און פון דער ליעבע צום פאטערלאנד··· פאר די פריהער דערמאנטע ציוניסטישע ציעלען אין בפרט פאר דעם קאנגרעס וואס ווערט נאך אלץ געפלאנט האטש די אלע אבמאכונגען."

אט די ערקלערונג, איבער וועלכער מ'האט נאד א סך גע־שמועסט, האט דער בעוועגונג נישט נור נישט געשאט, נור אדרבא א סך גענוצט. דער כעס איבער דער מסירה פון אומטרייקייט צום פא־טערלאנד, וואס שטעקט אין דער ערקלערונג, האט די אנהעגגער פונ'ם קאנגרעס־פלאן נאך מעהר אויפגערייצט צו פערטאפעלטע אנשטרענגונ־גען. ווארין קיינער איז נישט אוועק מיט שווייגען איבער דער ער־קלערונג. די אונטערגעחתמטע האבען געקריגען צו הערען א סך הארטע דבורים — קודם כל פון הערצל'ן אליין, וואס האט פאר זיי אויסגעלעגט אין זיין אויסגעצייכענטען לייטארטיקעל אין דער „וועלט" פונ'ם 10. יולי 1897 דאס נייע ווארט „פראטעסטראבינער". „כדי מ'זאל זיי פון היינט אן נישט פארבייטען מיט די גוטע רבנים, ווילען מיר רופען אט די אנגעשטעלטע פון דער שול, וואס שטעלען זיך אקעגען דער גאולה פון זייער פאלק פראטעסטראבינער".

פון די אונטערגעחתמ'טע אויפ'ן פראטעסט איז לפחות איינער דערנאך גאנץ נאהנט געווען צום ציוניזמוס, און אויך די אנדערע וואל־טען זיך אפשר שפעטער נישט געוואגט אונטערצושרייבען. אבער די אויפרעגונג פונ'ם יודישען צבור קעגען דער כלומשט'ער שטערונג פונ'ם שלום, דער פחד פון די העכערע קרייזען איז געווען אזוי גרויס, אז זי האט אפילו קלוגע אין גוטע מענשען פערדרעהט דעם רוהיגען שכל.

אויך די קאנפערענץ פון די אמעריקאנישע ראבינערס האבען זיך אבגעזאגט און האט דערפאר געגעבען א טעם וואס איז מעהר אָפען ווי קלוג: „דער קאנגרעס און דער יודענשטאאט ווילען שאפען אַ היים פאר די גערודפ'טע און בעדריקטע יודען. מיר יודען אין אמע־ריקא לעבען אזוי פריי, אז אַ יודישע מדינה קען אונז אויך נישט גע־בען קיין גרעסערע פרייהייט, ד ע ר פ א ר (!) געהט אונז דער גאנצער יודענשטאאט גארנישט אן". דאס איז געווען אנ'ערקלערונג פון דער דאזיגער מענשענקלאס, וואס נארדוי האט אויף איהר געזאגט: זיי זי־צען אינ'ם זיכערען שיפעל און שלאגען מיט'ן רודער אויפ'ן קאפ פון די דערטרונקענדיגע וואס כאפען זיך אהן אין דעם קאנט פון זייער שיפעל.

די אלע זענען געווען אפענע געגנער. און וויפעל האט מען נאך

אונטער די קוליסען געהוזשעט און אינטערעגירט קעגען דעם קאנגרעס אין קעגען הערצלן!

אויף דער אנדערער זייט איז געווען בולט, אז דער קאנגרעס האט געהאט ווארימע און חשובע פריינד צווישען יודען און קריסטען. פון לעצטערע זאל נישט פערגעסען ווערען דער אלטער רעפערענט פראָפעסאר העכלער, וואס איהם האט הערצל דעמאלט און אויך שפעטער א סך מאהל געהאט צו פערדאנקען וויכטיגע און נוצליכע אונטערשטיצונג פאר זיין פאָליטישער ארבייט. דער בכבודער ר' שמואל מאהילעווער האט זיך מיט זיין גאנצער גרויסער השפעה ארייננעלעגט פאר די ציוניסטישע ציעלען. אזוי אויך דער ספרדישער חכם גאסטער פון לאנדען און ר' צדוק כהן, דער רב הכולל פון פראנקרייך. די ציוניסטישע פערייניגען האבען פשוט געשפראצט פון דער ערד און די יודישע צייטונגען זענען איינע נאך דער אנדערער צוגעטרעטען צו דער בעוועגונג. די בעגייסטערטע הסכמות צו הערצל'ן זענען אנגעוואקסען צו גאנצע בערג. כמעט איבער נאכט איז ער געווארען איינער פון די ערשטע מענער, וואס מ'האט זיך איבער איהם אומעטום געאמפערט אבער איהם אויך א סך כבוד אנגעטון.

אין די אלע חדשים האט הערצל כמעט איבערמענשליכעס אויפגעטון. ער האט ארגאניזירט און אגיטירט, דערוואָרבען פריינד און מלחמה געפיהרט קעגען די פיינד, מינדליך און שריפטליך. און ס'איז גאר נישט קיין גוזמא, אז ער חזר'ט איבער אין זיינע בריעף אצינד און אין די קומענדיגע חדשים: „איך קען נישט דעם אטעם כאפען פאר ארבייט *). איך ווער דערדריקט פון ארבייט און מוז מיך אויסלערנען צו פארלאזען אויף די מיטארבייטער". **) אבער ער האט געפונען מיטארבייטער, און א סך. און אחוץ דעם האט איהם דערהאלטען דאס התלהבות פונ'ם פאלק, פון די פשוטע מענשען מיט א גלייכען חוש מיט א נאטירליכען שכל. אט אזוי שרייבט ער צו גוסטאוו ג. כהן: „איך האב הנאה פון איינצעלנע בריעף וואס איך בעקום. אט אזוי האב איך נישט לאנג דערהאלטען אַ בריעף פון אַ מאן פון 72 יאהר, ברוך פון באזעל. א בריעף פול הויכע און רייפע רעיונות, מיט א סך ידיעות און גוטער שטילער לעבענסקלוגשאפט. ער שרייבט מיר, אז ער איז אַ סוחר, און

*) צו ד"ר מ. י. באדענהיימער, 2. אקטאבער 1897, צו נארדוי, 1897 .7 .20

**) צו ד"ר עהרענפרייז, 24. יולי 1897.

פערעהרט די וויסענשאפט זיין גאנץ לעבען בסוד סודות ווי „די הויכע בת השמים״. דערנאך שרייבט ער ווערטער איבער'ן גייסט פונ'ם רוי־מישען רעכט וואס האבען מיך, דעם יוריסט, פשוט אנגעכאפט ביים הארץ. א זעלכע לייט האבען מיר, אזעלכע אומבעקאנטע״. *)

פארן קאנגרעס אין באזעל איז נאך געווען אַ קאנפערענץ וואס הערצל האט איהרע זיצונגען געפיהרט. אין אלע פונקטען זענען די טיילנעהמער געווען איין דעה, אחוץ בנוגע צום נוסך פונ'ם פראגראם. דערפאר איז געוועהלט געווארען אַ פראגראם־קאמיסיע פון זיבען מיט־גלידער. דאס זענען געווען: נארדוי, מינץ, שאפירא, ראזענבערג, באָ־דענהיימער, בירנבוים, ש. ר. לאנדוי. פון איהר שטאמט דאס באזעלער פראגראם מיט דעם שנוי וואס הערצל האט פארגעשלאגען, אז מ'זאל שטעלען אויפן ארט פון די ווערטער—וואס די קאמיסיע האט געוועהלט נאך אַ סך בעראטונגען — „שאפונג פון אַ ר ע כ ט ל י ך געזיכערטער היים״ די ווערטער „שאפונג פון אַ ע פ ע נ ט ל י ך ר ע כ ט ל י ך א. א. וו.

197 דעלעגירטע פון אלע לענדער, וואו יודען געפונען זיך אין אַ גרעסערע צאהל, זענען זיך צונויפגעקומען צו דער ערשטער פער־זאמלונג פונם כלל ישראל זייט דעם חורבן; דאס התלהבות איז געווען אהן אַ סוף. גאנץ פרעמדע מענשען האבען זיך געהאלזט מיט טרע־רען אין די אויגען, און דעם איינרופער פונ'ם קאנגרעס, האט מען גע־מאכט לאנגע, רעש'דיגע אָוואַציעס. און דער קאנגרעס, געעפענט פון ליפע דעם אלטער־פרעזידענט, האט זיך אבגעפיהרט ווי הערצל האט זיך געוואונשען צום סוף פון זיין גרויסער פתיחה, אין וועלכער, ס'זע־נען געגעבען געווארען אלגעמיינע שטריכען פונ'ם כאראקטער פון דער בעוועגונג:

„אונזער קאנגרעס זאל זיין ערנסט און הויך, פאר דער טובה פון די אומגליקליכע, קיינעם נישט להכעיס, צום כבוד פון אלע יודען, און פאסענדיג פאר דעם, וואס זיין רוהם איז טאקי ווייט, אבער אומ־שטערבליך״.

דער קאנגרעס איז געווען אַ היסטארישער מאמענט, דער נאציא־נאלער רעיון האט בעוויזען זיין כח פון אחדות. די בעוועגונג איז ארויס „פונ'ם געטא אין פרייעם״, הערצל איז געווען איהר פיהרער און דאס גאנצע איז געווען פול פון זיין גייסט. די הייליגקייט פון די טעג

*) בריעף צו ג. ג. כהן פונ'ם 7. 12. 1896.

איז געבליבען לעבען אינ׳ם זכרון פון אלע בעטייליגטע. אויך צווישען דער פראקטישער אפאזיציע און הערצל האט מען לע״ע געמאכט אָ פשרה. די חלוקים האט מען געזאלט אויסגלייכען אין אַ קאמיסיע, וואס האט זיך אויך געדארפט דורכשמועסען מיט די פאלעסטינאפעריינען. צונ׳איהר האבען געקעהרט: שנירער, מינץ, קאמינקא, רובענשטיין און באמבוס. דער לעצטער האט אבער נאך אלץ נישט נאכגעלאזט פון זיין מלחמה קעגען הערצל, און האט זיך אפילו משתדל געווען, אז די פא־לעסטינאפעריינען זאלען גרינדען אַ קאלאניאלבאנק.

די פעולה אויף דער יודישער וועלט איז געווען גאר אנ׳אויסער־געוויינליכע, און וואכענלאנג האט מען אין מזרח און מערב כמעט נור געהערט וכוחים איבער׳ן ציוניזמוס.

די בעוועגונג איז געוואלטיג אנגעוואקסען. כמעט אלע יודישע צייטונגען, אפילו די אסימילאנטישע, האבען אבגעגעבען כבוד דעם ערנסט פון דעם קאנגרעס און דעם איבערנאטירליכען אינערליכען כח מיט וועלכען מ׳האט דאס אויסגעפיהרט. אבער נישט נור פאר די יודען — פאר הערצל׳ן אליין איז דער קאנגרעס געווען אַ קוואל פון איבעראשונגען. ער האט ערשט דארט דערקענט די רוסישע יודען. אין זיין ארטיקעל אין דער „וועלט״ פונ׳ם 8. אקטאבער 1897, דערנאך אין דער Contemporary Review, רעדט ער מיט די וואַרימסטע ווערטער פון זיי און פון זייערע פעהיגקייטען, זייער גאנצקייט אין דער נשמה און זייער קולטורעלער אחדות. נאך פאר׳ן קאנגרעס האט ער זיך דורכגעשריבען מיט אפאר פון זיי, וואס האבען איהם שטארק פעראינ־טערעסירט, און אצינד האט ער פאר זיך געזעהן די מענשען מאנדעל־שטאם, יאשינאוווסקי, י. ל. גאלדבערג, אוסישקין. ער פיהלט צום ער־שטען מאל אז טאקי די יודען זענען גאנצע מענשען און זוכט אין זיך אליין דעם יודי. און ווען ר׳האט געשריבען אין „יודענשטאאט״, אז מ׳מוז נישט די אסימילאציע פעראכטען, האט ער שפעטער זיין דעה גאר פערענדערט. אבער די אסימילאציע איז פאר איהם נאך אלץ גע־ווען נור דאס פערלייקענען פון די בלוטבעגדער, פונ׳ם שטאַם, פון געפיהל צו די ברידער און פון דעם שטאלץ אויף אונזער גרויסער טראדיציע. ער איז דאך דערצו געווען אַ מערב־יוד הן אין זיין ביל־דונג און הן אין זיינע געפיהלען.

צודעם איז ער געווען אַ מענש פון טון און איז געווען אזוי פול פון

זיין רעיון׳ וואס ר׳האט אין זיך געפיהלט אַ שליחות איהם אויסצופיה־רען׳ אז ער האט זיך בשום אופן נישט געקענט נעמען און אויפ׳סניי זיך אריינלאזען אין אַ קולטור׳ וואס איז דאך בעצם געווען ווייט פון איהם. ס׳האט איהם דערצו געפעהלט די צייט אין אויך די ליעבע צו אבסטראקטע געדאנקען.

אבער אויך די קריסטליכע וועלט האט זיך פערוואונדערט אויף דעם קאנגרעס. בפרט די ענגלישע צייטונגען האבען זיך גענומען גאנץ פריי דורכקוקען דאס פראבלעם׳ אזוי ווי ס׳פערשטעהט זיך אין אזא לאנד פון פרייהייט און פון אַ גרויסען פאליטישען הארעזאנט. און בשעת די פון יודען ארויסגעגעבענע „נייע פרייע פרעסע״ האט זיך געסטארעט דעם קאנגרעס גאר איגנאנצען צו פערשווייגען׳ האבען די ענגלישע צייטונגען פערלאנגט אנ׳אייראפעאישע קאנפערענץ כדי צו זוכען א פתרון פאר דער יודענפראגע׳ אזוי די קאנסערוואטיווע „Pail Mall Gazette“׳ די ראדיקאלע „Daily Chronicle“ און דערנאך אר־נאלד ווייט אין דער „Contemporary Review“. אבער ווי דערפרייליך ס׳איז געווען דאס בת־קול פון די ציוניסטישע פערלאנגען אין ענגלאנד׳ אט אזוי ווייניג איז געווען די פעולה אין אנדערע פאליטישע מקומות. פון פערשיידענע זייטען האט מען זיך געפרובט פועל׳ן ביי די רעגיע־רונגען אז זיי זאלען פראטעסטירען קעגען די יודישע השתדלות׳ן אין קאנסטאנטינאפעל. און כאטש דאס אליין איז שוין אַ ראיה׳ אז אין די פאליטישע קרייזען האט מען אנגעהויבען ארויסצוזעהן דאס חשיבות פון דער בעוועגונג און אפשר נאך מעהר דעם כח פונ׳ם נייען פיהרער׳ פונדעסטוועגען האבען די געשעהנישען געמאכט דאגות און פערלאנגט אז מ׳זאל זיך שיצען. די „וועלט״ און די Correspondence de l’Est וואס מיכאל פון נעוולינסקי איז געווען איהר רעדאקטאר׳ האבען הערצל׳ן דערביי א סך געגוצט*). אין דער צייט האט ער אנגעהויבען א סך צו האפען פונ׳ם דייטשען קייזער׳ וואס האט זיך צוגעגרייט פאהרען קיין ארץ־ישראל; ער האט געהאפט׳ אז דער קייזער וועט פאר איהם פירשפרעכען ביים סולטאן. פון וואנען אבער נעמט מען די מיטלען׳ כדי אויסצופיהרען זיינע גרויסע פלענער? פונ׳ם נסיון האט

*) הערצל׳ וואס האט געהאט איבער אלעמען קלארע ידיעות׳ איז תמיד געווען אויף דער וואך׳ אבער די שוועריגקייטען זענען געווען גרויס׳ און נישט איינמאל האט זיך הערצל בעקלאגט פאר זיינע נאהנטע פריינד׳ ״אין קאנסטאנטינאפעל ארבייט מען׳ אבער איך בין אנ׳איינציגער מענש און די ארבייט איז גאנץ גרויס״. ברייף פונ׳ם 1897 ,9 ,28 צו כהן.

שוין הערצל געוואוסט, אז פון די יודישע הויכע פענסטער קען מען זיך אין יודישע ענינים גאר נישט דערוואַרטען, ווייל נאך דער דעה פון די קרייזען זענען דאך יודישע ענינים קיינמאל נישט קיין געשעפטזאך נאר אַ צדקה־זאך. און הערצל איז טאקי באלד געוואהר געווארען, אז די גרויסע באַנקען בייטען נישט זייער דעה, אפילו ווען די הערשער געבען אנצו־הערען, אז זיי וואלטען יא געוואלט עפיס טון. דערפאר מוז מען אנהייבען זאמלען ביים פאלק, רופען די מאסען. אט די ארבייט האט זיך אנגעהויבען מיט אנ׳ארטיקעל אין דער „וועלט" געשריבען פון הערצל׳ן, *) לויט זיינע אידעען, וואס ר׳האט שוין אינ׳ם „יודענשטאאט" ארויסגעזאגט האט ער אויפגעשטעלט דעם כלל: „ס׳איז אנ׳עהרענזאך נישט צו פערבינדען פאליטישע ענינים מיט געשעפטליכע." פאר אַ קאַ־פיטאל פון דער באַנק ווערען פערלאנגט צוויי מיליאן פונד שטערלינג איהרע צוועקען זאלען זיין: באנקקרעדיטען און אנדערע הילף פאר יודען וואס ווילען אויסוואנדערן, ערדקרעדיטען פאר די קאלאניסטען אין ארץ־ישראל, שאפונג פון פאכגענאסענשאפטען פון ערדארבייטער און בעלי־מלאכות. די באנק זאל זיין אמין „כלל באנקיער" פון דער בע־וועגונג, און זאל בעקומען הלוואות פאר דער רעגיערונג וואס מ׳וויל מיט איהר עפיס אבשליעסען (ד׳ ה׳ מיט דער טערקיי). הערצל וויל פאהרען אים 6. יענער 1897 קיין בערלין, כדי דארט אבצוהאלטען אַ שטילע קאנפערענץ מיט גרויסע געלד־לייט, וואס פראפעסאר שטיין האט מיט זיי שוין די זאך איבערגעשמועסט. **) ער טראכט אז מ׳זאל אין לאנדאן דערפאר ארבייטען און זוכט אויך פערבינדונג מיט פאריז. דערביי האפט ער נאך אלץ אביסעל אויף דעם געלד פון דער משפחה פונ׳ם באראן הירש — אצינד, ווי דער באראן איז געשטארבען, וויל ער זיך קעהרען, לויט באדענהיימערס עצה, צו דער אלמנה ***).

אַ חוץ דעם פיהרען זיך אנדערע פאליטישע אונטערנעהמונגען, מ׳ארבייט פאר׳ן זאמלען פונם שקל וואס דער קאנגרעס האט בעשלאַ־סען, מ׳טוט פערשיעדענע פערבעסערונגען אין דער ארגאניזאציע, כדי צוצוציהען חשובע מענער און צייטונגען — בקצור, הערצל איז די נשמה און דער מיטעלפונקט פון א פיבערדיגען טועכץ אויף אלע זייטען. דערביי האט ער נאך אלץ צייט צו שרייבען איבער פאַ־

*) פונ׳ם 19· 11· 1897·

**) בריף צו כהן פונ׳ם 29· 12· 1897·

***) בריעף צו באדענהיימער פונ׳ם 10· 2· 1897·

ליטישע זאכען פאר ציוניסטישע און אלגעמיינע צייטונגען,*) און פאר דער פרנסה מוז ער א סך ארבייטען. אבער אינמיטען פונ׳ם ליארם און טומעל ווערט אין אַ הייליגער שעה, צום חג־המכבים, געבוירען אט דער פיינער, אינערליך־פערקלערטער אני־מאמין פון דעם מאן, וואס די צרות פון זיין פאלק האבען איהם אויפגעפרעסען, ביז „זיין נשמה איז ביסלעכווייז געווארען א בלוטיגע וואונדע.“ דער אני־מאמין פון ליבע צום יודישקייט, צו דער שעהנקייט פון זיינע ימים טובים, צו דער אמונה אין אַ גרויסער צוקונפט פאר דעם פאלק, פאר דעם אייביגען פאלק, די „מנורה“.

אים 10. יענער און שפעטער נאך א מאל אים 8. פעבער 1897 האט הערצל גערעט אין בערלין.**) מ׳קען רוהיג זאגען, אז פון די טעג אן, האט דער ציוניסטישער רעיון אנגעהויבען שטארק אריינצודרינגען צווישען די דייטשע יודען. אומעטום האט מען פון הערצל׳ס ווערטער כסדר געשמועסט. און נאך איין גרויסער ערפאלג פאר׳ן אנהויב פונ׳ם ציונזמוס אין מערב אייראפא איז געווען בעשערט דער בעוועגונג; די ענגלישע חובבי ציון, וואס האבען ביז אצינד געווארט, האבען זיך צוגעשלאסען; דאס איז געשעהן אינ׳ם Clerkenwell Town Hall. בפרט איז געווען אינטערעסאנט די רעדע פונם ענגלישען אקטיווען אָבערסט גאלדסמיטה וועלכער האט זיכער און דייטליך ארויסגעזאגט זיין הסכמה צום גאנצען רעיון פון הערצל׳ן. די אנגענומענע רעזאלאציע וואס איז פערפאסט פון דר. קירש און דע האַאס, הייסט אזוי: „די קאנפערענץ מיינט, אז דער נאציאנאלער רעיון איז אַ וויכטיגער חלק פון דער ציוניסטישער בעוועגונג, און ס׳איז דערפאר דער חוב פון אלע יודען זיך צו פעראייניגען, כדי דאס יודישע פאלק רעכטליך נאך אמאל אין ארץ־ישראל צו בעזעצען“.

דערווייל זענען געמאכט געווארען די הכנות פאר דער גרינדונג פון דער באנק. מ׳האט געמאכט א באנקקאמיסיע אין קעלן, וואס צונ׳איהר האבען געקעהרט דוד וואלפזאהן, באדענהיימער

*) פאר די ציוניסטישע תמיד מיט׳ן פסעוודאנים בנימין זאב.

**) פערגל. „וועלט“ נר. 3 און נר. 7 פונ׳ם יאהר 1898. די ערשטע רעדע איז נישט איבערגעדרוקט אין הערצל׳ס „ציוניסטישע שריפטען“. זי לאזט זיך אויס מיט די ווערטער: „איך מעג, מיין איך, זאגען, אז מיר האבען דעם יודענטום עפּעס געגעבען; פאר די יונגע אַ האפנונג, פאר די אלטע אַ חלום, פאר אלע מענשען עפּיס שעהנ׳ס“. אט די ווערטער בעצייכנען פיין דעם גאנצען עסטהעטישען, שעהנעם כאראקטער פון דער תקופה; דעם כאראקטער האט די בעוועגונג איבערגענומען פון הערצל׳ן.

און שווער און די קאמיסיע האט אנגעהויבען צו ארבייטען.

זי האט געהאט דעם צוועק לע"ע צו פרואווען פערקויפען אַ גע־וויסע צאהל פון אקציעס. מ'האט געוואלט האבען אַ שטיקעל איבער זיכט ביז צום צווייטען קאנגרעס, וואס האט זיך בעדארפט צונויפקומען סוף אויגוסט אין באזעל, צי האט די גאנצע אונטערנעהמונג האפנונג אויף הצלחה צי נישט. און אזוי איז מען ארויס מיט אנ'אויפרוף צו די יודען פון דער גאנצער וועלט, זיי זאלען זיך פערשרייבען אויף אקציעס. ס'וואלט אפשר געווען בעסער ווען מ'וואלט נאך געווען געווארט אַ יאהר צוויי מיט דער ארבייט פאר דער באַנק. דעמאלט וואלט די יונגע ארגאניזאציע מעהר כח געהאט און ס'וואלט אויך אפשר גע־קענט צוציהען גרויסע באנקיערס. אבער נאך די גרויסע ערפאלגען פון די לעצטע צוויי יאהר האט הערצל געמיינט, אז מ'קען זיך אויף צו דער זאך ראפּטים נעמען, און ער איז געווען גאנץ זיכער, אז ער וועט מצליח זיין. די גרויסע באנקיערס האבען איהם צו לאנג ארומ־געצויגען מיט דער גרינדונג פונ'ם סינדיקאט וואס זאל ארויסגעבען די אקציעס. ער האט דערפאר געוואלט מאַכען אַ סינדיקאט פונ'ם פאלק ארויס און דערמיט וואלט שוין טאקי זיכער געווען דאס פער־קויפען פון די אקציעס.*) ער איז מיט זיין זאך אזוי זיכער געווען, אז ער האט זיך אליין פערשריבען אזש אויף 2000 אקציעס! און אזוי ווי תמיד האט ער אויך אצינד מיט'ן היפנאטישען כח פון זיין רצון די גאנצע בעוועגונג מיט זיך מיטגעריסען. און די פערשרייבונג אויף אקציעס איז געווען אויף אַזא אופן, אז קיין איינציגע באנק איז אוודאי נאך נישט אזוי געגרינדעט געווארען. צעהנער טויזענדער פון מענ־שען, וואס האבען זיך אויף ווייניג פערשריבען, האבען זיך געריסען איבער די אקציעס און בעצאהלט די ערשטע ראטע. אבער די גרויסע פערשרייבונגען זענען געווען ווייניג. אַפּאר מיטעלמעסיגע עשירים האבען זיך פעראינטערעסירט, האבען אבער מורא געהאט און זענען צוריקגעבליבען. פונדעסטוועגען איז דער סך־הכל ביז צום אנהויב פונ'ם קאנגרעס גאַנץ גוט געווען און מ'האט איהם געקענט נעהמען פאר אַ יסוד צו ווייטערדיגער ארבייט. און ס'איז גאר נישט אבצושאצען וואס פאר אַ ווערט די ארבייט האט געהאט פאר דער אגיטאציע.

און אזוי איז געקומען דער צווייטער באַזעלער קאנגרעס. צוויי

*) בריעף צו כהן פונ'ם 1898. 5. 25.

ענינים האט ער בעדארפט אויספיהרען: דאס ארדנען פון דער באנק־זאך און בעשטימען אַ גרעניץ צווישען קאלאניזאציע און ארגאניזאציע. אממעהרסטען אין דעם לעצטען ענין זענען נאך אלץ געווען פארהאן גאנץ בולט׳ע חלוקים צווישען די אנהענגער פון דער קליינער קאלא־ניזאציע און צווישען הערצל׳ן. דאס האט אפילו געפיהרט צו אַ ריס ביי די ענגלישע ציוניסטען און ס׳איז זעהר נויטיג געווען דאס אויס־צוגלייכען. דורך דעם איבערארבייטען האט הערצל געליטען פון נער־ווזע הארץ־שמערצען; ער האט געוואלט אריבערטראגען די אויבער־שטע פיהרונג אויף אַ יאהר קיין פאריז און שטעלען נארדוי בראש. דער געדאנק האט זיך אבער צושלאגען מכח פאליטישע טעמים.

ווען דער ערשטער קאנגרעס איז געווען אַ יום־טוב פון ווידער־זעהן, פון גייסטיגען אחדות, האט דאס צווייטע צונויפקומען פון די פער־טרעטער פונ׳ם יודישען פאלק בעדארפט שאפען די פעסטע יסודות פאר דער ארגאניזאציע. ס׳איז געווען אַ געהויבענע שטימונג בשעת מ׳האט זיך פערזאמעלט. זי האט געריהט איבער אלע ערשטע קאנגרעסען, און אפילו די קריסטליכע בעפעלקערונג האט זי דערפיהלט. ווי ס׳איז צוריקגעקומען דער שווייצער פעסטצוג פון סט. יאַקאב, וואו די שוויי־צער פייערן דעם קאַמף פונ׳ם 26. אויגוסט 1444, איז הערצל מיט אַ טייל דעלעגיערטע געשטאנען אויפ׳ן באלקאן פונ׳ם קאנגרעסהויז. זיין מלכות׳דיגע צורה האט געמאכט אַ שטארקען רושם אויף דער מאסע, און ווי ס׳האבען נור אַפאר דעלגיערטע אויסגערופען „הויך די שווייץ" האט דער צוג פערבויגען זיינע פאהנען בעגריסענדיג די בלויווייסע פאהן, וואס האט געפלאטערט אויפ׳ן באלקאן, און ווי אַ שטורם האבען ארויפגעקלינגען, אוודאי צום ערשטען מאהל זייט טויזענדער יאהרען, די אויסרופען: „הויך די יודען!"

ביי דער פתיחה פונ׳ם קאנגרעס האט מען הערצל׳ן אויפגענומען מיט אזא התלהבות און רוישענדיגע אוואציעס, אז געקריינטע מושלים פון דער וועלט זענען אוודאי נישט אסך מאל זוכה צו אזא כבוד. וואס אמאל פון נייעם האט זיך דערהויבען דער שטורם פון די אפלאדיסמענ־טען אין זאַל, און ער האט דאס אויפגענומען שטעהענדיג אביסעל גע־בויגען און דאך שטאלץ. קיינער קען דאס בילד נישט פערגעסען.

אזעלכע טעג האבען איהם בעלוינט פאר אומדאנק און חשדים, פאר נישט דערפולטע האפנונגען און ביטערע מיה. וואס קען דאס

ל׳עבען מעהר געבען ווי אזעלכע אויסדריקען פון דאנק און פון ל׳יעבע?
אויך די ערעפנונגסרעדע איז אלץ פון נייעם איבערגעהאקט גע־ווארען דורך שטורמישע הסכמות, חאטש ער האט נישט געזוכט קיין רעדנערישען התלהבות. „מיר פערלאנגען נור אַ אינטערנאציאנאלען וכוח, נישט קיין אינטערנאציאנאלען פעריין. און איך וויל עס נאכא־מאל איבערחזר׳ן, מ׳זאל עס אייביג בעדענקען: ביי אונז קאן נישט זיין דער פאל פון עפיס פערבינדענישען, סודות׳דיגע שתדלנות׳ען און אונטערוועגען, נור פון אנ׳אפענעם ארומרעדען פון אונזער איצטיגען און שפעטערדיגען מצב אונטער אַ שטענדיגער אויפזיכט פון דער עפענטליכער מיינונג." הערצל וויל דערנאך נאך דעם פאלקסבע־וואוסטזיין דערוועקען דעם פאלקס־רצון. ער פערלאנגט, מ׳זאל עס נישט דערלאזען, אז ס׳זאל אין די יודישע קהלות כסדר אגיטיערט ווע־רען קעגען „ציון", און פאר איינס פון די ערשטע ציעלען פון דער בעוועגונג שטעלט ער אויף: דאס איינגעהמען פון די קהלות. דערנאך רעדט ער ארום איבער די האפנונגען און פאליטישע ארבייט, איבער דעם שאפען פון דעם פינאנציעלען ארגאן די קאלאניאלבאנק, וואס וועט בקרוב אנהויבען צו ארבייטען און צום סוף געהט ער שארף ארויס קע־גען דער אינפילטראציע־פאליטיק פון די „פראקטישע" ציוניסטען און ער רופט דאס: „אנ׳אריינגנבנען פון נייע בעוואוינער". דערמיט האט ער געשטעלט דעם ערשטען טאן צו דעם קאלאניזאציע־וכוח. אין דעם וכוח רעדען פינעלעס, באמבוס א. א. גאר שארף קעגען מאצקין, וואס האט קריטיקירט דעם ביזאיצטיגען אופן פון דער קאלאניזאציע. אין זיין רעפעראט זאגט ער ארויס גאר אַ שלעכטע דעה איבער דעם איצ־טיגען מצב פון די קאלאניעס און ער פסק׳נט אוועק די אינפילטרא־ציע אזוי לאנג ווי ס׳וועלען נישט זיין געעפענט די טויערען פון ארץ־ישראל, ווי די יודען וועלען נישט מעגען ערווערבען ערד אהן הינדער־נישען און ביז זיי וועלען נישט בעקומען האפטונגען בנוגע צו זייער אבהענגיגקייט און צו זייערע פריווילעגיעס אין די ענינים פון הכנסה־שטייערן. צום סוף ווערען די ווערטער פונ׳ם באזעלער פראגראם „די תכליתדיגע בעזעצונג פון ארץ־ישראל" אזוי אויסגעטייטשט: „די קא־לאניזאציע וועלכע זאל געשעהען מיט׳ן רשות פון דער טערקישער רע־גירונג און לויט דעם פלאן וואס וועט אויסגעארבייט ווערען פון דער קאמיסיע וואס דער קאנגרעס וועט דערצו וועהלען". אזוי האט הערצל׳ס

דעה אין דער טעאריע טאקי גאר נישט געזיעגט, ווייל אין דער רעזאָ־לוציע איז דאך פארהאן אַ פשרה. אבער אין דער פּראקטיקע איז עס געווען אַ גאנצער נצחון, ווייל אז מ׳האט איבערגעגעבן די זאך צו׳נ׳א קאמיסיע, וואס האט נישט קיין מיטלען, וועט שוין במילא גאר נישט פּראקטיש ארויסקומען.

דער קאנגרעס וועהלט דערנאך די קאמיסיע פאר דעם גרינדען פון דער באנק, מיט וואלפזאן און קאַן בראש. דערנאך דריקט מען אויס דעם אקציאנסקאמיטע פערטרויען, און הערצל ווערט נאכאמאל פון אלע געוועהלט פארן פּרעזידענט פונ׳ם אקציאנסקאמיטע.

מיט דעם יישר כח אין קעשענע, פיהלענדיג זיך דער איינציגער מנהיג פון דער בעוועגונג וואס ווערט אלץ שטארקער און גרעסער אזוי האט הערצל זיך אנגעהויבען פרובען געווינען דעם דייטשען קייזער.

אין אקטאבער 1898 פאהרט דער קייזער ווילהעלם דער 2־טער קיין ארץ־ישראל און אויפ׳ן וועג טרעט ער אב ביים סולטאן אבדול חמיד אין קאנסטאנטינאפעל. אט דער בעזוך פון איינעם פון די מעכטיגסטע קריסטליכע הערשער אין אייראפּא ביי דעם מושל פון די מחמדאנער האט געהייסען, ווי ס׳פערשטעהט זיך, גאר אַ גרויסע שטיק פאר דער טערקישער הערשאפט, אַ בעוויז פון ידידות פאר די מחמדאנער וואס איז פון הונדערטער יאהרען נישט פארגעקומען און מכח דעם נייעם ידידות צווישען דייטשען און טערקען האט דער דייטשער קייזער אוודאי בעקומען אַ שטארקע השפעה אויפ׳ן סולטאן. נאך פריהער איז עס הערצל׳ן געלונגען דעם דייטשען קייזער פאר זיינע פּלענער צו פעראינטערעסירען. ער האט אבער געוואלט, אז די סימפּאטיע זאל זיך ארויסווייזען אין אנ׳עפענטליכער הסכמה, דורכדעם וואס דער דייטשער קייזער וועט איהם אויפנעהמען אין דעם אלטען יודישען לאנד און אויס־הערען זיין בקשה אויף הילף.

נאכדעם ווי מ׳האט געמאכט אלע נויטיגע הכנות איז הערצל גע־פאהרען קיין קאנסטאנטינאפעל, מיט איהם זענען געווען שנירער, וואלפ־זאהן, באדענהיימער און דער אינזשעניער זיידענער. דארט האט אים 18. אקטאבער אינ׳ם אילדיז קיאסק דער דייטשער קייזער—דער מיני־סטער בילאוו איז אויך דערביי געווען – הערצל׳ן אויפגענומען און זיך מיט איהם ארייגעלאזט אין אַ לענגערען שמועס. דערנאך איז דעם דעפּוטאציע געפאהרען אים 19. אקטאבער דורך מצרים קיין ארץ־ישראל

און אין מקוה־ישראל האט זי גֶעוואָרט אויף דעם צוג פון די עולי־רגל וואס געהען קיין ירושלים. ווי דער קייזער האט דערזעהן דעם פיהרער פון די ציוניסטען, וואס איז געווען העכער פון דער גאנצער שורה, האט ער געהייסען איינהאלטען, איז צוגעריטען צו הערצל׳ן, האט איהם געגעבען די האנד און האט איהם הויך בעגריסט מיט פריינדליכע ווער־טער. דערנאך האט ער איהם אַ היבשע פאר מינוטען אויסגעפרעגט איבער זיינע איינדרוקען פונ׳ם לאנד און האט זיך מיט איהם זעהר פריינדליך געזעגענט.

די דעפוטאציע איז נאכגעפאהרען קיין ירושלים און איז דארט אים 2. נאוועמבער אין אַ פעסטליכער אודיענץ אויפגענומען געווארען. דער מיניסטער פאָן בילאוו איז דערביי געווען. שלעכטע מענשען האַ־בען זיך דערנאך א סך מאל אונטערגעלאַכט, אז די אודיענץ איז גע־ווען אַ פערפעהלטע זאך, ווייל מ׳האט נישט תיכף ארויסגעזעהן קיין פראקטישע רעזולטאטען. אז ס׳וועט אמאל קומען די צייט, ווען מ׳וועט קענען איבער די זאכען קלאר ארומרעדען, וואס היינט איז עס נאך נישט מעגליך — וועלען זיי זייער טעות דערקענען. אין דער זאך גופא פון דעם אויפנעהמען אין אזא צייט און אויף דעם ארט ליעגען שוין גענוג דבורים; און אז מ׳האט הערצל׳ן געלאזט אין זיין בקשה גאר בעטען ביים קייזער ער זאל זיך דא אריינמישען, דאס מוז שוין אוודאי מבטל זיין אלע צווייפלען. „מיר מיינען אז דער ענין איז אזוי חשוב, אזוי ווערט, אז די גרעסטע און עדעלסטע זאלען זיך דערפאר אננעהמען, אז מיר בעטען אייער קייזערליכע מאיעסטעט איהר זאלט אונז ביישטעהן מיט אייער הויכער הילף ביי דער זאך." אזוי רעט מען צו די גרויסע לייט פון דער וועלט נור דעמאלט ווען מ׳ווייסט, אז מ׳מוז אזוי רעדען און אז זיי וועלען העלפען, באם זיי וועלען נור אליין קענען. דער קייזער האט אַ לענגערע תשובה געגעבען און אויף אַ גאר פריינדליכען אופן. תיכף נאך דער אודיענץ איז די דעפוטאציע אוועקגעפאהרען. אין אנ׳ארטיקעל אין דער „וועלט" *) ענפערט הערצל אזוי אויף די פריהער דערמאנטע נארישע געלעכטערס: „מיר האבען מצליח געווען און האבען צוויי מושלים פעראינטערעסירט פאר אונזער גערעכטער זאך. און ס׳זאל קיינער נישט זאגען אדער מיינען, אז די דאזיגע גרויסע לייט האבען דערביי געהאט עפיס נישטפריינד־

*) נר. 46 פונ׳ם 18. נאוועמבער 1898

ליכע כונות. א טייל יודען מיט דער טבע פון זיך אליין חוזק צו מא־כען, וואס דורך זיי בעקומען מיר אלע אַ שלעכטען שם, קענען אויך פאר אזא סימפּאטיע א פירוש ארויסקוועטשען: זיי ווילען אונז פטור ווערען! אבער אין אמת'ן איז פארהאן דער גרויסע שעהנער רצון קולטור צו פערשפרייטען, צו געבען אַ היים פאר די מאסען פון אומ־גליקליכע, נע־ונד'ע מענשען, צו ברענגען פרוכטבארקייט אין אַ פער־לאזטען לאנד און דורך דעם אלעמען די מענשען רייכער צו מאכען אין גליק און גוטע מדות. אט אזוי מיינען זיי עס און אזוי האבען מיר דאס מיט גרויסען דאנק פערשטאנען".

אין דעם אנדערען נומער פון דער „וועלט" האט זיך אבגעדרוקט נאך אַ דאנק. עס איז געווען אויף דעם אדרעס פונ'ם אלטען גרויס־הערצאג פרידריך פאן באדען, וואס האט שוין דעמאלט פאר דער בע־וועגונג א סך אויפגעטון און וואס זיינע מעשים און זיין ווארים בעשי־צען פון אונזער פאלק וועט נישט פערגעסען ווערען לעולם ועד.

נישט לאנג איידער הערצל איז אוועק אויף זיין קייזער־נסיעה איז ער נאך געווען אין לאנדאן און האט אים 3. אקטאבער פאר מעהר ווי 7000 פארשוינען אַ רעדע געהאלטען. ער האט דארט אַ ווארט ארויסגעזאגט, וואס מ'האט איהם דערפאר שטארק פאראיבעל געהאט, ווייל ס'איז געווען א שטארקער — אפשר דער איינציגער — פערפעהל־טער שריט אין זיין לעבען. ער האט געזאגט, אז זיינע האפנונגען ווע־לען גאר באלד דערפילט ווערען. דורך די ווערטער האט ער ארויס־גערופען אַ אומערשרייבליך התלהבות נישט נאר אין דער אסיפה נור אויך אין גאנץ מזרח־אייראפא. נארישע מענשען האבען זיך אנגעהוי־בען צוצוגרייטען צו דער נסיעה און די מתנגדים האבען געטענהט קע־גען הערצל'ן אז ער פערפיהרט די מאסען. אבער הערצל איז געווען עהרליך דורך און דורך און האט זיך נישט קיין מינוט געשפּיעלט מיט די מאסען. ער האט אליין שפּעטער געזאגט: מ'איז מיך איבער־געפאלען ווי איבער אַ שווינדלער. אבער דעם פסק וועט ארויסגעבען א שפּעטערע צייט וואס וועט האבען די ראיות פאר זיך. דעמאלט וועט מען ארויסזעהן ווי אמת איך האב דעמאלט געזאגט און וואס ס'האט זיך דערצווי־שען פערלאפען". פון דער מעשה האט ער ארויסגענומען אַ מוסר און ער האט שפּעטער א סך מאל געשוויגען פון ערפאלגען אפילו ווען ס'האט געשאט צו זיין פאפּולאריטעט.

ווי אזוי איז עס הערצל׳ן געלונגען בעקומען דאס צוטרויען פון די הערשענדיגע קרייזען׳ וואס האט איהם מעגליך געמאכט זיך צו נעהמען צו אזעלכע נסיונות? קודם כל מוז מען דערמאנען אז הערצל איז נישט געקראכען מיט קיין בקשות צו די גרויסע לייט׳ וואס ער האט מיט זיי געפיהרט דעם משא ומתן׳ ער האט זיך נישט ביי זיי געבעטען זיי זאלען מיט איהם רעדען. ער האט גאנץ גוט געוואוסט׳ אז די מענער וואס פון זיי האפט ער אלדינג וועלען פאר אַ פאליטישער שנארעריי אזוי ווענג דרך־ארץ האבען ווי זיי האבען פאר פשוטע נדבה־שנארערס; אז אַ יוד׳ באם ער וויל ביי זיי געווינען סימפאטיע׳ מוז ער צו זיי קומען מיט אַ דערהויבענעם קאָפּ׳ אזוי ווי ס׳פאסט זיך פאר אנ׳איייניקעל פון גרויסע אבות און א מענש מיט אורעלטע טרא־דיציעס. שטאלץ אבער מיט עניוות׳ ער איז געווען זעהר שטארק צו־ריקגעהאלטען. ער האט טאקי געפרובט דורך צווישען־מענשען דער־גרייכען ערטער וואס האבען איהם אויסגעוויזען נוצליך פאר זיין ארבייט. אבער זיינע אלע השתדלות׳ן זענען געווען׳ אז מ׳זאל איהם רופען׳ אפילו גאר קליינע טאקטפעהלער אין די זאכען האבען איהם געהארט. ער האט גוט געוואוסט אז ער מוז היטען דעם כבוד פון דעם פאלק׳ וואס מ׳האט איהם אזוי לאנג קיין כבוד נישט אנגעטון. אזוי שרייבט ער אין אַ בריעף פונ׳ם 17. אפריל 1903 צו־נ׳א דייטשען פארטיי חבר: איך האב שוין גענוג מאל געווארנט׳ אז מ׳זאל נישט צופיעל קרבות זוכען מיט די קרייזען פונ׳ם הויף און פון די רעגיערונגען׳ ס׳מאכט נישט קיין גוטען איינדרוק און ס׳שאד אונזער זאך אהן אַ שום ספק. דאס איינציגע וואס פאסט זיך פאר די דאזיגע קרייזען איז זיך צוריקהאלטען ווי ווייט מ׳קען; נור דעמאלט איז מען זיך מיט אונז נוהג ווי ס׳קעהרט זיך״.

אחוץ דער טאקטיק האט ער זיך נאך אומעטום פריינד צוגעצוי־גען דורך זיין וואונדערליך פיינער הארמאניע׳ דורך זיין שטאלצער ליבליכקייט און דעם צארטען טאקטגעפיהל. זיין שעהנע צורה׳ די קולטור וואס איז געווען אויסגעגאסען איבער איהם. דאס ווארימקייט פון זיין קול און דאס אייביגע שלייפען פון זיינע זעצע צו קליינע׳ פיין אבגעטאקטע רעיונות — דאס אלדינג האט תמיד פערכשופ׳ט און ווער ס׳האט מיט איהם געשמועסט איז געווען ווי צוגעבונדען צונ׳איהם. דערצו האט ער נאך אויף א נאטירליכען אופן תופס געווען די דעות

און געפּיהלען פון אלע וואס האבען מיט איהם גערעט. אזוי ווי ס׳קען דאס נור אנ׳אלטער יודישער תּושב פון מערב־אייראפּא. ער האט קלאר פארשטאנען, אז ביי איינעם קוואלט עס פון זיין טיעף־פּראטעסטאנטי־שער נשמה, צוריקצוגעבען דעם אלטען פאלק פון דער ביבעל זיין היים, און ער האלט דאס זיך פאר אַ מין שליחות פון גאט, און דער אנדערער איז נוטה צו דער בעוועגונג מכּח זיין גאָונישען שאפונגס־בעדערפע־ניש און זיין היסטארישער ראָמאנטיק. ער האט אבער אויך פערשטא־נען דעם גרויסען קאלאניאלמיניסטער, וואס ס׳האבען זיך ביי איהם פערבונדען ניכטערנע געשעפטליכע חשבונות מיט רעליגיעזע געפּיה־לען און מיט דעם גרויסען ענגלישען יושר־געפיהל אקעגען די שוואכע און די גערודפ׳טע.

וועגען דער גרויסקייט פון זיינע אייגענע געדאנקען און גע־פיהלען איז איהם ביי די מענשען גאר נישט פרעמד געוועזען, דערפאר האט ער פערשטאנען א יעדענ׳ס לשון. דאס לשון פונ׳ם ארימען יודישען הויזירער און פונ׳ם קריסטליכען קייזער, פונ׳ם סולטאן און פונ׳ם פויפסט. און אויך איהם האט יעדער פערשטאנען, ווייל זיין לשון פון אמת און יושר האט זיך תּמיד נור געקעהרט צו דעם גרויסען און גוטען אינ׳ם מענשענס טבע. דער־פאר האט ער מצליח געוועזען.

וואס גרעסער ס׳האבען זיך אויסגעוויזען די פּאליטישע ערפאל־גען און וואס שטארקער די בעוועגונג איז געווארען — צו דער צייט איז ארויס נארדויס דראמא „דר׳ קאָהן” וואס האט אַ גרויסע פעולה גע־האט פאר דער פערשפרייטונג פונ׳ם רעיון — אלץ נויטיגער איז גע־ווארען דער פינאנציעלער ארגאן — די באנק. די באנקקאמיסיע איז שוין פארטיג געווען מיט אלע הכנות פאר דער באנקסובסקריפּציע; וואלפזאהן, וואס האט א סך אויפגעטון בשעת דער גרינדונג פון דער באנק, האט אויסגעארבייט דעם שטאטוט, קאַנן און דער לאנדענער באנקיער היימאן האבען בשעת הערצלס קייזער־נסיעה פעסט צוגעאר־בייט; און אין דער בעראטונג מיט הערצל, וואס איז געווען אין לאנ־דאן פונ׳ם 8. ביז צום 13. דעצעמבער 1898 איז מען געקומען צונ׳א הסכם אין די הויפּט ענינים. סוף יאנואר האט דאס גרויסע אקציאנס־קאמיטע אנגענומען דעם שטאטוט און בעשלאסען זיך צו נעהמען צו דער סובסקריפּציע פונ׳ם 28. ביז 30. מערץ 1899. אוסישקין האט מורא

געהאט, אז די באנק וועט אויך ארבייטען אין אנדערע לענדער חוץ אין דעם טערקישען מזרח, מ'האט איהם דערפאר דורך התחייבות'ען געזיכערט.*) אויף דער אנדערער זייט האבען אויך דא נישט גע־פעהלט פאלשע שמועס'ן. מ'האט אפילו נישט געשוינט דעם כבוד פון די באנקגרינדערס, כאטש וואס די אונטערגעהת'מעטע אויפ'ן פראספעקט האבען די הוצאות פונ'ם גרינדען געגעבען פון זייער אייגענער קע־שענע.**) אבער די אלע עכובים זענען געווען אומזיסט — די באנק איז גענויצליך איינגעשריבען געווארען און די סובסקריפציע האט זיך אנגעהויבען. בשעת הערצל איז געווען אין לאנדאן אים יוני 1898 איז די באנק אפיציעל בעשטעטיגט געווארען פאר געגרינדעט. ראשית כל האט זיך געזאלט נעהמען שאפען די לאנדגעזעלשאפט. פערשריע־בען זענען געווען לערך פינף מיליאן מארק — אבער מיט וויפיעל מיה איז דאס אנגעקומען! די רייכע יודען זענען כמעט אלע געבליבען פון דער ווייטען. פאזנאנסקי וואס האט שוין געהאט צוגעזאגט, האט זיין סובסקריפציע צוריקגענומען. פונ'ם משא ומתן מיט די ראטשילדס איז גאר נישט ארויסגעקומען. און פאר קהל ועדה האט מען געזאגט אין לאנדאן, אז הערצל און זיינע לייט ווילען „אוועקרויבען די ארימע לייט דאס געלד פון דער קעשענע". אין א גרויסער רעדע, אין סט. מאר־טינ'ס טון האל אינ'ם 26. יוני, האט הערצל געלאכט אויס די דאזיגע קליינליכע שוואכע זלזולים, אויס „די קליינע הויטאבקראצונגען". אין דער אסיפה האט ער אויך צום ערשטען מאל דערמאנט דעם טשאר־טער וואס ער וויל בעקומען פון דער טערקישער ממשלה, כדי מ'זאל קענען קאלאניזירען אין ארץ־ישראל אונטער דעם שוץ פונ'ם סולטאן. די באנק האט בעדארפט טראכטען דעם טשארטער צו בעקומען. — און אויב אפילו די יודישע קאלאניאלבאנק גיט זיך היינט אב נאך מיט אנדערע צווייגען, איז זי פונדעסטוועגען געווארען א באנק פונ'ם פאלק אינ'ם בעסטען זין פון דעםווארט. אוודאי האט די גרויסע צאל פון די אקציאנערען גורם געווען צונ'אסך הינדערנישען אין דער טעכניק פונ'ם פערוואלטען און אויך דער כח עפיס אויפצוטון איז דורכדעם קליינער געווארען. —

דערווייל האבען זיך אנגעהויבען נייע, שארפע מלחמות קעגען

*) פערגל. „וועלט" נר. 11 פונ'ם יאהר 1899.
**) פערגל. „וועלט" נר. 14 פונ'ם יאהר 1899.

הערצל׳ן און קעגען דעם אקציאנסקאמיטע. אויפ׳ן צווייטען קאנגרעס האט דער מחבר, וואס איז געווען פרעזידענט פונ׳ם לעגיטימאציע־אויסשוס, א אנאנטראג אריינגעבראכט, אז מ׳זאל פערביעטען איבערצוגע־בען די מאנדאטען, ס׳זענען שוין פריהער ארויסגעקומען נישט גלאטיגע זאכען ביי די וואהלען, אזוי אז ס׳איז נויטיג געווען אקעגען דעם עפּיס צו טון. דערפאר האט דאס אקציאנסקאמיטע ארויסגעבען נייע וואהל־תקנות, און דערצו האט עס פארמעל אוודאי נישט קיין רעכט געהאט. מ׳האט אבער געוואלט, אז די חסרונות זאלען דערווייטערט ווערען נאך איידער ס׳קומט זיך צונויף דער דריטער קאנגרעס. כאטש די כונה איז גוט געווען האבען דאך די מתנגדים פון הערצל׳ן — קודם כל באמבוס — אנגעהויבען חושד זיין, אז מ׳וויל די אפאזיציע פונ׳ם קאנגרעס פערטרייבען. מ׳האט געשריעבען און פראטעסטירט אין צום סוף האט באמבוס אבגעדאנקט אין אנ׳ארטיקעל *) אין „ציון״, אפריל 1898, אין וועלכען ער געהט ארויס קעגען הערצל׳ן מיט די שארפסטע ווערטער, ער זאגט, אז הערצל טוט זיינע זאכען מיט געוואלד, איז עובר אויף דעם געזעץ און האט די כונה לאזער׳ן, זאלץ׳ן, לאנדוי׳ן, און איהם נישט צוצולאזען צום קאנגרעס. הערצל מיט זיין אמת׳ן רעכטגעפיהל האט געוואוסט, אז ער איז ווייט פון אזעלכע כונות ווי איין עק וועלט פונ׳ם אנדערען און האט דאס קיינמאל נישט געקענט מוחל זיין באמבוס׳ן, חאטש ער האט גוט געקענט זיין פעהיגקייט און זיין ענערגיע; די נייע וואהל תקנות האבען גאר כלל נישט געטויגט אזעלכע כונות דורכצופיהרען. ס׳דערהעבט זיך שוין אַ שטורם אויך אקעגען דעם „דיפלאמאטיזירען״, **) לע״ע אהן ערפאלג. בעדארפען דען נישט אלע פעלקער פון דער „וועלט״ א דיפלאמאטיע! נור דוקא די יודען קענען זיך אהן איהר בעגעהן.

אים 15. אויגוסט האט זיך פערזאמעלט דער דריטער קאנגרעס אין באזעל, צונ׳איהם איז דער רוב פון הערצל׳ס פריהערדיגע מתנגדים נישט געקומען, די וכוחים זענען דערפאר געווען א סך רוהיגער ווי אויפ׳ן צווייטען קאנגרעס. דער וכוח איז נאר הייס געווארען בשעת מ׳האט עוסק געווען אין דער פראגע, צי די זיבען באנקדירעקטארס זאלען בעקומען גרינדעראקציעס, און בשעת טריעטש האט אריינ־געבראכט זיין פראיעקט וועגען ציפערן. חוץ דעם זענען די דעלע־

*) „דער שטאאטסשטרייך דעס הערן דר׳ הערצל״

**) זעה, למשל, זאלץ׳ס דעה אינ׳ם „יודישען פאלקסבלאַט״ פונ׳ם, 7 אפריל 1899.

גיערטע געווען פול האפנונג און אין א געהויבענער שטימונג דורך הערצל׳ס הצלחות פונ׳ם לעצטען יאהר· דערפאר איז די אפאזיציע געווען שוואך און האט גאר נישט געקענט אויפטון· די באנק איז געווען געגרינדעט· די בעוועגונג איז וואס אמאל גרעסער געווארען און האט זיך צוגעצויגען די סימפאטיעס פון רעגירונגס־קרייזען· גאר נישט לאנג פאר דעם קאנגרעס האט דער גרויסהערצאג פון באדען ארויסגעזאגט שטארקע הסכמות פאר הערצל׳ס פלענער· *)

ווי ר׳איז ארויפגעגאנגען אויף דער ביהנע· אויפגענומען מיט התלהבות· האט ער געמעגט זאגען אהן א גוזמא: „ס׳איז געווען א גוט יאהר· מיר זענען א שטיק וועגס ווייטער געקומען״· און דערנאך זאגט ער ווייטער אין דער פתיחה: „מיר סטארען זיך קודם כל צו בעקומען א טשארטער פון דער טערקישער רעגירונג· א טשארטער אונטער׳ן שוץ פון זיין מאיעסטעט דעם סולטאן״ · · „פאר דעם דאזיגען טשארטער וועלען מיר זעהן צו פועל׳ן חשוב׳ע טובות פאר דער טערקישער מלוכה״· דערמיט זענען פערצייכענט געווארען די וועגען פון דער ציוניסטישער פאליטיק פאר די קו־מענדיגע יאהרען·

דערנאך האט מען עוסק געווען אין אלע פרטים פון דעם ארגאניזאציע־שטאטוט· חשוב איז געווען· וואס די פיהרערס און די דעלעגירטע האבען קלאר ארויסגעזאגט· אז דער ציוניזם וועט קיינמאל נישט טון א זאך· וואס איז דערווידער אפילו איין רעליגיעזער דעה אינ׳ם יודענטום· פרינציפיעלע ענינים האט דער קאנגרעס נישט בעשלאסען· הערצל איז נאכאמאל געוועלט געווארען מיט רעש׳דיגע פערטרויען־דעמאנסטראציעס·

די ערשטע פאר חדשים נאכ׳ן קאנגרעס זענען געווען אויס־געפילט מיט דער ארבייט פאר דער באנק· מיט פאליטישע השתדלות׳ן און פערבעסערונגען אין דער ארגאניזאציע· אים פריהלינג 1900 האלט ער א גרויסע וויכטיגע רעדע פאר די וויענער סוחרים און באנקיערס· אין וועלכער ער רעדט ארום געשיכטספילאזאפיש איבער דער באנק און איבער איהרע מתנגדים· וואס ווילען פרובען זי צו באיקאטירען· דער טאן פון דער רעדע איז אויפגערעגט· און שארפער

*) א שמועס פונ׳ם גרויסהערצאג מיט׳ן דר· א· בערלינער אים 25· יולי 1899 אין סט· מאריץ; זעה „בערלינער טאגעבלאט פונ׳ם״ 12 אויגוסט 1899·

ווי תמיד איז אצינד זיין דעה איבער אנדערע יודישע ארגאניזאציעס, ווי למשל די אליאנס, מ׳דערקענט, אז די מלחמה האט דערגרייכט איהר שפיץ און אז הערצל איז נערוועז און אבגעמוטשעט. ער זאגט אויך אצינד בפירוש ארויס, אז ער איז מוכן ומזומן אבצודאנקען, באם מ׳וועט דורכדעם קענען צוציהען די אנדערע גרויסע יודישע אינסטיטוציעס. דערוויייל זעהט ער אז דער געהאפטער רעזולטאט אין דער פאליטיק קומט לע״ע אויך נישט. ס׳קומט א צייט פון ניע־דערגעשלאגענקייט, אבער זיין אייביגער אפטימיזם זיעגט אויך אצינד, ס׳פאלען איהם איין נייע המצאות און ער הייבט אן צו קלערען וועגען גאר נייע פאליטישע כחות, קודם כל וועגען די ענגלענדער, דורך מר. סידניי וויטמאן ווערט ער אויך צוגעלאזט צום רומענישען קעניגליכען פארפאלק.

א חוץ די פאליטישע און פרנסה ענינים שרייבט ער נאך דעם ראמאן „אלטניילאנד״ וואס בעדארף צו האבען א פעולה פאר דער אגיטאציע: נאך פריהער איז ביי איהם פערטיג געווארען אנ׳אנדער גרויס טענדענצשטיק, „דאס נייע געטהא״. אין דעם שטיק — ס׳איז צום ערשטען מאל אויפגעפיהרט געווארען אים יאנואר 1898 — וועקט ער אויף די יודען, אז זיי זאלען זיך בעפרייען פון דער מאראלישער תפיסה אין וועלכער זיי שטעקען. ביי דעם אדוואקאט דר. יעקב שמואל שפילט זיך אב דאס גורל פון די פיין פיהלענדיגע יודען, קודם כל פערלאזט איהם זיין בעסטער ידיד, דער דאקטאר פראנץ וואורצלעכנער. ער וויל זיך ווארפען אויף דער פאליטיק, און די חברותא מיט יודען שטעהט איהם דא אין וועג. ער וויל נישט מעהר געהערן צו די „יודענקנעכט״. שמואל שייד זיך אב פון איהם אהן כעס. „דיין האנד האט מיך ארויסגעפיהרט א שטיקוועגס פון דער יודענגאס. אצינד קען איך שוין אליין געהן ווייטער״. און ער געהט אליין זיין וועג. זיין קרוב, דער באנקיער רהיינבערג, נעמט זיך צונ׳א נישט־כשר׳ן בערזענגעשעפט, א גרינדונג וואס א אפיציער א יורד האט אויך א חלק דערין. מ׳נעמט שמואל׳ן אויף פאר יוריסטישע ארבייטען. ער איז באלד תופס דעם גאנצען ענין פון דער גרינדונג און בלייבט נור דערפאר, כדי ער זאל קענען שיצען דעם אפיציער; ער ווערט אבער דוקא דורך איהם אריינגעשלעפט אינ׳ם אומגליק. ווי ס׳הייבען אן צו פאלען די

אקציעס וועגען שלעכטע סבות און ווי דער אפיציער דערזעהט, אז ער איז אין גאנצען צובראכען געווארען נעמט ער זיך צו רהיינבערג'ן. שמואל מישט זיך אריין, כדי די זאך בטוב אויסצוגלייכען. דער אנדערער איז אויפגערעגט און שרייט צונ'איהם "יודיש געזינדעל". יעקב גיט דעם בעליידיגער א פאטש. ס'קומט צונ'א דועל און יעקב פאלט. ער רופט אויס „יודען, מיינע ברידער, מ'וועט אייך נור דעמאלט לאזען לעבען — אז איהר" ... און דערנאך: „ארויס פונ'ם גהעטא". דאס שטיק איז אנ'אוצר פון לעבעדיגע כאראקטערס, א געלונגען געזעלשאפטבילד. די יודען פון דער גרויסשטאט קומען פאר אין דעם שטיק אין לוסטיגע, ערנסטע און פלוטיוואטע טיפען. דער בערזע־מעקלער וואסערשטיין איז אוודאי דער בעסטער טיפ פונ'ם שטיק — אלדינג אינאיינעם: גוט, אהן קולטור און לעכערליך. א דיכטערישע מעשה פון יהושע פון שפייער איז דא שעהן בענוצט געווארען.

חאטש די אלע מעלות מוז מען מודה זיין, אז דאס „נייע גהעטא" איז נישט פריי פון דעם פעהלער וואס מוז זיין ביי אלע טענדענצשטיק. די פארשוינען רעדען דוקא דאס וואס דער דיכטער וויל דא בעווייזען. דערפאר שאד דאס דער אמתדיגקייט און דער ריין קינסטלערישער פעולה. פונדעסטוועגען האט „דאס נייע גהעטא" געהאט גרויסע ערפאלגען בשעת מען האט עס אויפגעפיהרט אין קארלטעאטער אין וויען, אין פראג, אלמיץ א. א. וו.

אין דעם לעצטען נומער "וועלט" פאר'ן קאנגרעס האט זיך אבגעדרוקט א מוסטערקאפיטעל פון „אלטניילאנד". *) מיר האבען דא נישט גענוג פלאץ כדי זיך אבצוגעבען מיט די פרטים פון דעם גרויסען ווערק הערצל'ס. דערפאר ווילען מיר זיך האלטען אן דעם קצור פונ'ם אינהאלט וואס איז געשטאנען פאר דעם אבגעדרוקטען קאפיטעל און וואס איז אפשר פון הערצל'ן אליין געשריבען געווארען: „כדי צו פערשטעהן די געשעהנישען אין דעם קאפיטעל איז נויטיג מקדים צו זיין, אז אינ'ם יאהר 1920 איז דער דר' פרידריך לעווענבערג צוריקגעקומען קיין אייראפא, נאך דעם ווי ס'איז פון איהם 20 יאהר קיין ידיעה נישט געווען און ער האט געלעבט אויף אנ'אינזעל אינ'ם גרויסען אצעאן מיט דעם רייכען

*) „וועלט" פונ'ם 10 אויגוסט 1900. ס'האט זיך אבגעדרוקט דער 2. קאפיטעל פונ'ם 2. בוך

משונה׳דיגען מר׳ קינגסקורט׳ גאנץ אבגעזונדערט פון אלעמען׳ און האט נישט בעקומען קיין איינציגע ידיעה וואס ס׳טוט זיך אויף דער וועלט׳ אויפ׳ן וועג דערהערען זיי אין פארט־סעיד׳ אז ארץ־ישראל איז אויפ׳סניי אויפגעבליהט און זיי פאסען זיך אב צו מאכען א קליינעם אומוועג׳ כדי זיך צו בעקענען מיט דער חדושליכער קולטור׳ ווי זיי געהן אראב אין חיפה אויפ׳ן לאנד׳ הערט פרידריך לעווענבערג זיין נאמען פון א נישט־בעקאנטען מאן און ער ווערט פון איהם גאר הערצליך אויפגענומען׳ דער מאן איז דוד ליטוואק׳ וואס זיינע עלטערן האבען פרידריכ׳ן פאר צוואנציג יאהר ארויסגעראטעוועט פון דער טיעפסטער נויט׳ דעמאלט איז דוד ליטוואק נאך געווען א קליין הונגעריג ארים־בחורל׳ אצינד איז ער א בכבוד׳ער פרייער מאן״׳ ער פיהרט זיי ארום אין דעם לאנד וואס איז פול מיט בעפלאנצטע גארטענס׳ מיט שטעט אויפ׳ן נייעסטען קולטורעלען אופן׳ מיט צענטערס פון אינדוסטריע׳ דערפער פון בעלי־מלאכות׳ קורערטער אין ווילענקאלאניעס אויפ׳ן כרמל און ביים ים כנרת׳ גאר א גרויסער קאנאל׳ צעהן מעטער די ברייט און דריי מעטער די טיעף׳ פיהרט אריבער דאס וואסער פונ׳ם מיטעל־לענדישען ים אינ׳ם ים המלח׳ דער גרויסער חלוק אין דער הויך פוןביידע ים־שפיגלען׳ א חלוק פון איבער דרייהונדערט מעטער׳ גיט אנ׳עלעקטרישע קראפט פון פופציגטויזענד פערד און מיט דער קראפט בענוצט מען זיך כדי צו בעטרייבען פערשיעדענע ליכט אינסטיטוציעס און מאשינען׳ אויפ׳ן שפיץ פונ׳ם נייעם ירושלים שטעהט דאס ניי־אויפגעבויטע בית־המקדש און נעבען איהם דער שלום־פאלאץ וואס איז א צייכען פון נייע ציעלען פון די מענשען אין דעם לאנד און אויך א מיטעלפונקט צוליעב חשוב׳ער הילף פאר דער גאנצער וועלט — למשל ביי שרפות׳ איבערשוועמונגען׳ הונגערנויט און קראנקהייטען׳ צו דעם פאלאץ קומען גרויסע ערפינדערס׳ קינסטלער און געלערנטע כדי צו דערהאלטען אונטער־שטיצונג אין זייערע ארבייטען׳ אויפ׳ן פאלאץ שטעהט אויפגעשריעבען׳ פאר א סימי פונ׳ם גייסט וואס לעבט אין איהם: Nihil humani a me alienum puto (קיין איינציג מענשליכע זאך איז נישט פרעמד פאר מיינעטוועגען)׳

און די דאזיגע נייע ציעלען האבען אויף זיך גענומען די

יודען פון דער „נייער געזעלשאפט" וואס בעוואוינען דאס נייע, אלטע ארץ־ישראל. מענשען וואס זענען פריי פון די פאסקודנע קאנקורענץ־מלחמות צווישען זיך, וואס האבען זיך פון זייערע אמאליגע צרות אויסגעלערנט צו זיין סבלנים, האלטען דעם פרעמדען פאר זייערס גלייכען און גיבען איבער די הנהגה דעם בעסטען און עניותדיגען פון זיי. „נור דעמאלט אין ציון אין אמת'ן ציון", נור דער איז ראוי צו זיין א מנהיג, וואס רייסט זיך נישט דערנאך, צו זיין א פאליטיקער פאר פרנסה איז א בעליידיגונג. די בעוואוינער, הן מאנסבילדער הן פרויען, דיענען פאר'ן לאנד 2 יאהר. זיי האבען גלייכע רעכטען, אבער די פרויען זענען פערשטענדיג און גיבען זיך נישט אב מיט כלל זאכען־אויפ'ן חשבון פונ'ם הויזליכען לעבען. די ערד קעהר א טייל צו יחידים א טייל צום כלל. די כלל־ערד איז מעהר פארהאן און זי ווערט פערדונגען ביז צום קומענדיגען יובל־יאהר ; אזוי ווערען נישט דערלאזט קיין שפעקולאציעס מיט דער ערד. די צייטונגען קעהרען צו חברות. זיי בעדארפען דערפאר נישט קיין סענזאציעס, נור דערציהען דאס פאלק. ס'איז בכלל דאס גרעסטע חלק פון דעם ווירטשאפטליכען לעבען חברות־ווייז ארגאנירט. א יעדער האט דאס רעכט אויף ארבייט אין דעם זיבען־שעה'דיגען ארבייטסטאג. אפילו דעם פערברעכער נעמט מען צו נוצליכע ארבייטען, און אזוי געהט ער נישט פערלוירען פאר דער מענשהייט. אט דאס אלדינג האט זיך גענומען פון די ציוניסטישע אידעעס און פון זייערע פערשפרייטער, מענער וואס האבען גענוצט פאר דער גאנצער מענשהייט דערמיט וואס זיי האבען זיך גענומען העלפען זייער אייגענעם גערודפ'טען שטאם. אויס חכמה און דאנקבארקייט טארען זיי נישט פערגעסען די אנדערע מענשען וועגען זייערע אייגענע דאגות, זיי טארען נישט פערגעסען זייערע געפיהלען. „ווייל ניידארף איז כלל נישט אין ארץ־ישראל אויפגעבויט געווארען, ס'איז אויפגעבויט געווארען אין ענגלאנד און אמעריקא, אין פראנקרייך און דייטשלאנד. ס'האט זיך גענומען פון נסיונות, ספרים און חלומות ... אלע אייערע פלאנצונגען וועלען פערטרוקענט ווערען, באם איהר וועט ביי אייך נישט לאזען וואקסען פרייהייט, גרויסמוטיגקייט און ליעבע צו די מענשען ... ס'וואלט געווען נישט מאראליש ווען מיר זאלען נישט לאזען א יעדען האבען א חלק

אין אונזערע שאפונגען, א יעדען סיי ווי צו וועלכען שטאם און צו וועלכער אמונה ער קעהר . . . אונזער פאראל מוז זיין: מענש, דו ביזט מיין ברידער". אזא פנים האט דער ענגהארציגער ציוניזם — וואס די קרייזען פונ'ם קאלאמוטנען קאסמאפאליטיזם האלטען זיך העכער פאר איהם!

און דאס בוך האט נישט נור א פיין לשון און א אמת'ן קוואל פון געדאנקען, ס'איז אויך אנגעפילט מיט וואונדערליכע בעשרייבונ־גען פון דער נאטור און ס'דערהייבט זיך אלע מאל צונ'א הויכער פאעטישער מדרגה, למשל דער הספד וואס דוד ליטוואק מאכט אויף זיין מוטער, אנ'אמתר שיר השירים פון ליעבע צונ'א מוטער, אדער דער לעצטער קאפיטעל פונ'ם מחבר.

ס'איז דא אויסגעמישט א רעאליסטיש פערשטעהן פון דער וועלט און ריינע לויבגעזאנגען פאר דער שעהנקייט, אזוי ווי דער מחבר אליין: אנ'אייזערנער רצון, ניכטער, פול אינטערעס פאר'ן הווה און דערביי א בעל־דמיון פול גרויסקייט און שעהנקייט, ער האט געזאגט: „דאס חלומ'ן קען שוין אליין אויספילען די צייט וואס מיר לעבען אויף דער וועלט, צווישען חלום און מעשים איז גאר נישט אזא חלוק ווי מ'מיינט, אלדינג וואס די מענשען טוען איז געוועזען אין אנהויב א חלום און ווערט צום סוף ווידער א חלום".

הערצל האט אליין דאס בוך געהאלטען פאר זיין בעסטען ווערק חוץ פונ'ם „פאליי בורבאן".*) און מיר ווילען נאך מוסיף זיין: און א חוץ דעם „יודענשטאאט" וואס ווערט נאך אלץ נישט גענוג געלייענט, אין „אלטניילאנד" האט ער זיין גאנצען מענש איבערגעגעבען, וואס ער האט געוואלט, געשטרעבט און געהאפט. א פאר פון זיינע טרייע מיטארבייטער און מיטקעמפער האט ער געמאכט א דענקמאל אין דעם בוך דערמיט וואס ר'האט זיי אנידערגעשטעלט פאר פיגורען אין דעם ראמאן, אויף די פאליטישע שונאים, די אינטריגאנטען, האט ער אויף דעם אופן אוועקגעשטעלט אויף אייביג ביים שאנד־סלופ, מ'קען די נעמען לייכט דעראטען, אבער אויך פאר'ן יודישען פאלק איז דאס א דענקמאל פון כבוד, נישט פאר דעם המון וואס האט זיין צורה פערלוירען דורך גויט און בעדריקונג, וואס זיינע חסרונות האט הערצל גוט געקענט אזו

*) אינ'ם בריעף צום מחבר פונ'ם 8. אקטאבער 1902

אליין געפיהלט. נור פאר דעם שטאם מיט די גרויסע פעהיגקייטען, מיט זיין אייביגער שעהנער שטרעבונג צו די ווייטע ציעלען פון דער מענשהייט. אן איהם האט ער געגלויבט, דאס איז פאר איהם געווען דער סך־הכל פון די יודען ווי זיי וואלטען בעדארפט צו זיין. אין א זעלכע מענשען ווי אייכעלבוים, ליטוואק, שטיינעק גיט ער אב כבוד דעם פאלק פון דער צוקונפט. —

אבער דורך די חלומות האט מען נישט געטארט פערגעסען דעם היינטיגען טאג.

מאנטאג דעם 13. אויגוסט איז זיך צונויפגעקומען דער פערטער קאנגרעס אין דער „קווינסהאל" אין לאנדאן. נישט לאנג פאר דעם איז הערצל קראנק געווארען אינ'ם „לענגהעם האטעל" און מ'איז שוין מסופק געווען, צו ער וועט קומען צום קאנגרעס. אבער זיין רצון האט גובר געווען איבער'ן גוף. פונ'ם קראנקענבעט ארויס איז ער געפאהרען צוויי טעג פאר'ן קאנגרעס אין דער „גראט אססעמבלי האל", וואו ס'האבען אויף איהם געווארט 8000 פארשוינען. די דערהיצטע מאסען האבען איינגעבראכען די טיהרען און די ארדנערס, וואס זענען געווען פארהאן אין א געוואלדיגער צאהל האבען זיי נישט געקאנט אויפהאלטען. ס'האבען גערעדט קאוון, גאסטער, זאנגוויל, נארדוי, מאנדעלשטאם, הערצל, און דאס פאלק איז געווען אין אומבעשרייבליכען התלהבות. דאס גאנצע יודישע פערטעל איז געווען פיעבערדיג אויפגעטארעט. אין הערצל'ן האט מען נאך גוט געקענט דערקענען די סמנים פון דער איבערגעשטאנענער קראנקהייט. אבער אינ'ם טאג פון דער קאנגרעס ערעפנונג האט ער זיך ווידער געפיהלט פריש און קרעפטיג. אין זיין פתיחה ענפערט ער אויף דער פראגע, צי מ'האט שוין בעקומען דעם טשארטער, מיט א ניין. אבער ער זאגט דייטליך ארויס זיין האפנונג, אז ער וועט איהם בעקומען. דערנאך הערט ער זיך אויף צו פערענטפערן און נעמט זיך צו זיינע יודישע מתנגדים און ער פרעגט זיי: וואס האט איהר אויפגעטון אין די אלע יאהרען, כדי צו דערלייכטערן די יודישע נויט? וואו זענען אייערע רעזולטאטען? ווייזט ארויס אייערע מעשים! ווייזט ארויס דעם סך־הכל דערפון! מיר וואלטען זיך זעהר געוואלט חדוש'ען איבער זיי און אייך דאנקען אינ'ם נאמען פון די ארימע". די ווערטער זענען געווארען א שווערע

בעשולדיגונג קעגען דער גלייכגילטיגקייט און פוילקייט פון דער דעמאלטיגער צייט.

דערנאך איז געקומען נארדוי מיט זיין רעדע איבער דעם מצב פון די יודען. אממעהרסטען רעדט ער איבער די רדיפות פון די יודען אין רומעניען. ער מאכט שרעקליך דערציטערן די טויזענדער צוהערער דורך דעם בילד וואס ער מאלט אויס פון דעם צוג פון די פערטריבענע, "וואס וואנדערן אזוי ווי א צוג פון שוואכע חיות און די צפונ'דיגע לענדער, איבער זיי פליהען רויבפייגעל, ארום זיי יאגען זיך ווילדע רויב־חיות, און ווי ס'פאלט זיי איין אזוי כאפען זיי ארויס די קרבנות פונ'ם צוג". וואס א יעדער טרייבט זיי פון זיך, ווייט פון זיך, וואוהין ס'איז, אבי ווייט, ווייט אוועק. דאס איז איינער פון די העכסטע שפיצען פון די קאנגרעסען, וואס היינט איז עס נישט מעהר פאראן. מאנדעלשטאם רעדט איבער דער קערפערליכער פערבעסערונג פון די יודען, ער בעשרייבט ווי זיי לעבען אין געטא און ווי מ'דארף דאס רעפארמירען. זיין רעדע האט אויך געהאט א גרויסע פעולה, און בכלל דער גאנצער לאנדאנער קאנגרעס איז געווען א שטארקע דעמאנסטראציע פאר דרויסען. פון די אינערליכע ענינים האט מען זיך ווידער אבגעגעבען מיט פראגען מכח אגיטאציע און ארגאניזאציע. הערצל זאגט נאכאמאל צו, אז מ'וועט גאר נישט טון וואס איז קעגען דער אמונה און די מצוות, אבער ער בעט אויך, אז א טייל פון די ארטאדאקסע קרייזען זאלען אויפהערען צו מאכען זייער אגיטאציע קעגען די קאנגרעסען. אויף דעם קאנגרעס הערשט ער מעהר ווי אויף אלע פריהערדיגע, ס'איז כלל נישט פאראן קיין אפאזיציע, די שטימונג לאזט זיך דערקענען אין די לעצטע ווערטער וואס סאקאלאוו האט געזאגט: "איך פיהל ווי קליין ס'איז דער טיטעל "פרעזידענט" פאר דעם מאן, וואס איז אונזער גרויסקייט און אונזער פראגראם". נישט קלענער איז אויך געווען די פובליציסטישע פעולה פונ'ם קאנגרעס. די "דיילי ניוס", "גלאק", "גראפיק", "סען", "סט. דזשעמס גאזעט" און נאך א סך אנדערע האבען ארויסגעזאגט זייער דעה, אז די פאליטישע בעוועגונג קען איהר ציעל דערגרייכען און ס'איז נור געווענד אינ'ם רצון פון די יודען. ס'קומען אין ענגלאנד וואהלען צום פארלאמענט אוז די ענגלישע ציוניסטען

פערלאנגען פון די קאנדידאטען, אז זיי זאלען זיך ארויסזאגען ווי זיי פערהאלטען זיך צום ציוניזם. כמעט הונדערט זאגען צו, אז באם זיי וועלען געוועהלט ווערען, וועלען זיי זיך אינ'ם פארלאמענט מיט זייער גאנצער השפעה אריינלעגען פארן ציוניזם.

אויך די רעגיערונג, דערהויפט לארד סאליסבערי, הייבט זיך אן צו פעראינטערעסירען.*) דער ציוניזם בעקומט אין ענגלאנד אנ'אויסערגעוויינטלעך חשיבות.

ס'הייבט זיך אן צו ווייזען דאס וואקסען פון דער ארגאני־זאציע. אין דייטשלאנד פאדערען די ציוניסטען אין א סך אסיפות אז מ'זאל צונויפרופען א יודענטאג, לויט'ן פלאן פונ'ם פראפ. פיליפזאהן, וואס די ליבעראלע צייטונגען, וועלכע זענען אין יודישע הענד, ווילען צונ'איהם נישט מסכים זיין. אין עסטרייך בעטייליגען זיי זיך אין די קהל־וואהלען און דערגרייכען אין וויען וויכטיגע ערפאלגען. אין בולגאריען נעהמען זיי איין דאס לאנד־קאנסיסטאריום. די אלע אינערליכע ענינים ווערען פון הערצל'ן געפיהרט אדער אונטערגעשטיצט. אבער אין דער אייגענער צייט ווערט ער נישט מיעד אין זיין פאליטישער ארבייט אין דייטשלאנד ענגלאנד, עסטרייך און אין טערקיי. נאך אינ'ם יאהר 1900 ווערט אויסגעארבייט א פלאן פונ'ם טשארטער, און ער הייבט אן די נויטיגע הכנות, כדי ער זאל דאס קענען פארלייגען פאר'ן סולטאן. דעם משא־ומתן, וואס ר'האט ביז אצינד געפיהרט דורך פערמיטלערס, וויל ער אצינד אליין פארטיג מאכען. הערמאן וואמבערי, דער בעריהמטער פארשער, גרייט איהם צו דעם וועג. ער איז געווען א לעהרער פון דער פרינצעסין פאטמא סולטאן און אזוי האט ער זיך בעקענט מיט איהר ברודער חמיד עפענדי, וואס איז נאך געווען א יונגעל פון פופצעהן יאהר. נאך לאנגע נסיעות איז ער געווארען א נאהנטער יועץ אין אלע געהיימע ענינים פון אט דעם חמיד עפענדי, וואס האט איבערגענומען די מלוכה פון די קאליפען און האט זיך דערנאך גערופען אבדול חמיד. חאטש דער ציוניסטישער רעיון איז איהם אליין פרעמד געווען האט ער דאך הערצל'ן אונטערגעשטיצט און ס'איז איהם געלינגען בטל צו

*) זעה, למשל, „די וועלט" נר. 44, ז. 12 פונ'ם יאהר 1900: סאליסבערי זאגט אין אַ אינטערוויעוו, אז אַ יודיש לאנד איז מעגליך און נוצליך.

מאכען די פערשידענע מסירות אינ׳ם הויף און אין די דיפּלאמאטישע קרייזען און ער האט פערטריבען די ספקות און דעם פּחד פונ׳ם סולטאן. הערצל האט בעדארפט אויפגענומען צו ווערען און ער איז געפאהרען אין מיטען מאי 1901 מיט אסקאר מארמארעק און וואלפזאנ׳ען קיין קאנסטאנטינאפּעל. פרייטאג, אים 17. מאי, ווערט ער געבעטען אינ׳ם פּאלאץ אריין נאכ׳ן סעלאמליק (די מחמדאנישע געבעטען) און ער ווערט אויפגענומען אין אנ׳אוידיענץ וואס געדויערט 2 און א פערטעל שעה. ער דערצעהלט דעם סולטאן זיינע פּלענער און ער מאכט אויף איהם גאר א גוטען רושם. *)

נאכ׳ן אוידיענץ בעקומט ער פונ׳ם סולטאן דעם גרויסקארדאן פונ׳ם מעדזידיע־ארדען, דאס איז א נישט געוויינטליכע אויסצייכ־נונג. אינ׳ם אנדערען טאג אין דער פריה ווערט ער נאכאמאל גערופען אינ׳ם אילדיז פּאלאץ און בלייבט דארט פון האלב 11 ביז 4 א זייגער. צוויי טעג שפּעטער, ווי ר׳האט שוין געוואלט אוועקפאהרען, ווערט ער נאכאמאל געבעטען אינ׳ם פּאלאץ אריין און פערבלייבט דארט פון 9 אין דער פריה ביז 5 א זייגער נאכ־מיטאג. דער סולטאן גיט איהם א מתנה א וואונדערליכע ברילאנט־נאדעל און פערלאנגט פון איהם אנ׳אויספיהרליכען פּלאן בכתב. הערצל קעהרט זיך אום קיין וויען פול האפנונגען פון קאנסטאנטי־נאפּעל און פאהרט דערנאך קיין פּאריז און קיין לאנדאן כּדי אנצוגרייטען דאס געלד באם מ׳וועט בעקומען דעם טשארטער. אין פּאריז האט מען פאר איהם די טויערען פערשלאסען, דערפאר אבער האט מען איהם אין לאנדאן מבטיח געווען, אז מ׳וועט גרינדען די לאנדגעזעלשאפט, באם ער וועט דערגרייכען דעם טשארטער. אינמיטען רעש פון שמועסען, נסיונות און משא־ומתנ׳ס אין לאנדאן ארבייט ער אויס זיין עקספּאזע בכתב און אים 24. יוני ווערט עס איבערגעגעבען אין אבדול חמיד׳ס הענד אריין. אין דער עקספּאזע פערלאנגט מען דעם טשארטער, „כּדי אונזערע לייט זאלען האבען עפּעס ממשות׳דיגעס אין די הענד איידער זיי וועלען שוויצען״. **)

*) „דער הערצל האט פּונקט אַ פּנים ווי — אַ נביא, ווי אַ פיהרער פון זיין פאלק. ער האט זעהר קלוגע אויגען און רעד אבגעהיט און קלאר.״ אזוי האט דער סולטאן געזאגט צו וואמבערי; זעה זיין ארטיקעל, אין דער „וועלט״ פונ׳ם 20 מאי 1910. ווי וואלפזאהן דערצעהלט האט ער געהערט פונ׳ם אויבערשטען צערעמאניע־מיניסטער איבראהים, אז דער סולטאן האט זיך זעהר געחדושט איבער הערצלן און האט געזאגט: אזא פּנים האט אוודאי געהאט אַ גרויסער נביא. [קריסטוס ?]

**) בריעף צו קאָקעש פונ׳ם 1901 .6 .29

אים 11· יוני איז ער א גאסט פון די מכּבּים· זאנגוויל איז דער פיהרער פון דער אסיפה און נאך די גרויסע אוואציעס פונ׳ם קהל בעגריסט ער הערצל׳ן ווי דעם ערשטען יודישען פאליטיקער זייט חורבן ירושלים· ער זאגט: „מיט זיין נאמען איז פערקניפּט דער כּבוד׳ וואס ער האט דערהויבען דאס קול צו מוטיגקייט און פער־טרויען אויף זיך׳ אין א צייט׳ וואס דאס יודישע פאלק איז געווען פערשקלאפט און בעדרוקט פון אנדערע און ס׳האט געקענט אונטער־געהן דורך זיינע ספקות און דורך זיין אייגענער פעראכטונג·"

הערצל גיט אנצוהערען אין זיין תשובה׳ אז ס׳איז מעגליך צונ׳עפּיס צו קומען אין קאנסטאנטינאפּעל׳ באם מ׳וועט טראכטען בעקומען דאס נויטיגע געלד· ער פאדערט אויף די יודען׳ אז זיי זאלען זיך נעהמען צו „דער היסטארישער ישועה וואס מ׳ברענגט זיי" און פערלאנגט מ׳זאל צונויפזאמלען צוויי מיליאן פונד·

אבער דער משא־ומתן וועגען געלד ציהט זיך אוועק און אהן גרויסע געלדער קען מען גאר נישט אבשליעסען· וואמבערי גרייט צו א צווייטע רייזע פאר סעפּטעמבער און הערצל טוט וואס ס׳לאזט זיך׳ כּדי געלד צו בעקומען· ער קלערט איבער קארנעגען׳ איבער די זידאפריקאנער׳ איבער סעסיל רהאדעס׳ וואס איז דורך דעם בעקאנטען רודף־שלום סטיד פעראינטערעסירט געווארען פאר דער זאך׳ ר׳איז אבער תּיכּף דערנאך געשטארבען· ער זעהט אז אלע זיינע ארבייטען אהן ראסט און אהן רוה פאר זיין פאלק ווערען צושלאגען דורך דער טויבקייט און גלייכגילטיגקייט פון די זאטע און רייכע· די באנקמאשין קלאפּט אלץ נישט׳ ווייל די ראטעס פון די 330000 אקציאנערען קומען נישט אן אין ארדנונג׳ און די הצלחה פונ׳ם אוידיענץ הייבט אן איהר גלאנץ צו פערליערען· צומאל ווערט ער שטארק נידערגעשלאגען·*) ביי אלעמען׳ צו וואס ער נעמט זיך׳ האט ער הצלחה און פונדעסטוועגען קומט גארנישט ארויס·

חוץ דעם הייבען אויך אן די מאסען די געדולד צו פערליערען· אפילו חשובע פיהרערס הייבען אן חסרונות צו זוכען· א טייל פון זיי וואס וואלטען בעדארפט צו קענען זיין מצב זענען געקומען

---

*) בריעף צו קאקעש מיט׳ן דאטום: אלט־אויסזע 1901 ·8 ·6; בריעף צו מאנדעלשטאם פונ׳ם 1901 ·8 ·18

מיט טענות, ווען ער האט אמאל פערנאכלעסיגט זייערע צירקולארען אדער אנטרעגע; און דאס איז דאך נאר געווען דערפאר, ווייל דורך דעם אנדערען לשון פון די מחברים אינ׳ם מזרח האבען זיך די איבערזעצערס טועה געווען, אדער צומאל דערפאר ווייל ער איז געווען מיעד און איבערגעארבייט. *) די סטודענטען פון מזרח אייראפא זענען זיך צונויפגעקומען אויף א קאנפערענץ אין מינכען און האבען אבגעשמועסט צו מאכען אנ׳אייגענעם „קאנגרעס פון די יונגע״, כדי „צו פערטיעפען דעם ציוניסטישען רעיון און צו שאפען א גייסטיגען צענטער״, און דער פופטער קאנגרעס האט ערשט געזאלט זיין אים ווינטער אזוי ווי די רוסישע ציוניסטען האבען געוואלט. הערצל ווערט אויפגערעגט איבער דעם פלאן, ווייל ער האט מורא אז ס׳וועלען דא ארויסקומען אינערליכע מלחמות און פאליטישע טעות׳ן ביי די רעדנערס און דורך דער סכנה האלט ער נישט פון דער גאנצער זאך. **)

צום סוף, אים אקטאבער, הייבען ווידער אן צו גלאנצען ליכטיגע שטערן: די באנק קען אנהייבען צו ארבייטען דערפאר ווייל א פאר ציוניסטישע פירמען מישען זיך אריין לטובה פון דער זאך. און אזוי ווי ס׳הייסט אין דער מודעה פונ׳ם 18. אקטאבער 1901 זאל זי קודם־כל זאמלען געלדער און נישט מאכען קיין געשעפטען. זי איז דאך „די דערבידעוועטע מעגליכקייט צו מאכען א פערטראג.״

און שטאלץ אויף דער זאך קען ער דאס דערצעהלען דעם פופטען קאנגרעס, וואס איז נאכאמאל אין באזעל אבגעהאלטען געווארען אים 26. דעצעמבער. ער טוט צו וויסען, אז מ׳נעמט זיך גרינדען דעם נאציאנאלפאנד לויט׳ן פלאן פונ׳ם דערוויל פערשטארבענעם פראפעסאר שאפירא. דער רעיון מוז געבען דעם פאלק כח, כדי צו שטארקען די געגרינדעטע אינסטיטוציעס. נור דער רעיון קען עס; די מענשען וואס מיינען אז מ׳קען א פאלק נור דורך געלד אויסלייזען, פועל׳ן גאר נישט. „צום אנהויב איז נישט געווען דאס געלד, צום אנהויב איז געווען די אידעע.״

*) בריעף צו ג. ג. כהן פון אויסזעע דעם 1901 .9 .15: „מיר זענען אין מיין לעבען שוין אזוי פיעל שיפען אונטערגעגא.גען, אז איך קען שוין אויסהאלטען שלעכטע ידיעות״.

**) „אויך אינ׳ם א. ק. דוכט זיך עפיס צו קאכען. מ׳רעדט פון „יונגציוניזם״ וכדומה ס׳איז אבער באמת צו פריה אז מיר זאלען שוין האבען אונזערע יונגטירקען. אט דאס איז עס, מיר זענען טאקי א קלוגע אומה״. בריעף צו מאנדעלשטאם פונ׳ם 1901 .8 .18.

אבער ער בעט ווארם די ציוניסטען, אז זיי זאלען היטען די ארגאנען פון דער בעוועגונג „פאר—ווייזאל איך זיי רופען — ווע־ניגער פערחלום׳טע און נישט פראקטישע מענשען, כדי די ציוניסטען, וואס זענען שפעט און מטעם פראקטישע געדאנקען געקומען צום ציוניזם, זאלען נישט אין דעם קאנגרעס אריינברעכען אקעגען דעם אמת׳דיגען רצון פונ׳ם ציוניסטישען פאלק." *)

חוץ דעם בעשליעסט מען צו גרינדען דעם נאציאנאלפאנד און צום סוף פערהיט מען אנ׳ארויסטרעטען פון די „קולטורציוניסטען" מ׳זעצט אנידער א שטענדיגע קולטורקאמיסיע. זאנגוויל הייבט אן מיט א גרויסער רעדע זיין בעקאנטע מלחמה קעגען דער יק"א.

בשעת׳ן קאנגרעס האט דער סולטאן מיט זעהר א ווארימען דאנק געענפערט אויף דער בעגריסונגסדעפעשע, דאס איז געווען א ראיה אז מ׳וויל דארט ווייטער פיהרען דעם משא־ומתן, אין מיטען פעבער ווערט הערצל געלאדען קיין קאנסטאנטינאפעל און ער פאהרט אהין, אים מערץ ארבייט ער שוין אין לאנדאן, אין אנהויב יוני קומט ער נאכאמאל קיין לאנדאן, כדי צו זאגען זיין מבינות פאר דער אזויגערופענער „Alien Commission" דאס איז די קאמיסיע פונ׳ם פארלאמענט כדי חוקר צו זיין וועגען דער איינוואנדערונג קיין ענגלאנד, אט דאס, וואס מ׳האט איהם גערופען צונ׳א אויסלענדישער אנקעטע־קאמיסיע, דאס איז א גרויסער כבוד. דערווייל טרעפט איהם א שווערער קלאפ. זיין פאטער יעקב שטארבט פלוצלינג אים 9. יוני און ער פאהרט באלד צוריק קיין וויען, דאס הארצדיגע פערבונדענקייט, וואס קען נור זיין צווישען פאטער און זוהן, איז צעריסען געווארען, א פערבונדענקייט פון ליעבע און געטרייקייט אבער אויך — און דאס איז נישט תמיד — פון כבוד אויףביידע זייטען, די אבידה האט הערצל׳ן זעהר בעריהרט. מיט פערטא־פעלטער ענערגיע זוכט ער א נחמה אין די קעמפע פאר זיין פאלק.

אים 16. יולי קומט ער נאכאמאל צו דער Alien Commission וואס צונ׳איהר קעהר אויף דער לארד ראטשילד. מ׳פרעגט איהם אויס א גאנצען טאג. זיינע תשובות נעמען זיך צונויף צונ׳א בעשולדיגונג פון אלע לענדער וואס יודען ווערען אין זיי גערודפ׳ט. דאס טרעפט אבער אויך די באראן־הירש־שטיפטונג און די פוילע בעלי טובות, וואס

*) סטענאגראפיש פראטאקאל ז׳ 202/203.

מאכען גרעסער דעם אנטיסימיטיזם אין די עמיגראציע לענדער דערמיט וואס זיי זאמלען אן הונגעריגע מאסען אהן אַ פלאן, אנשטאט ארויס־צוזוכען פאר זיי אַ זיכערע היים. הערצל מאכט אַ שטארקען רושם אויף די אלע מענשען און מ׳מעג זיכער זאגען, אז דאס האט גע־האט אַ שטארקע השפעה אויף דעם פרעמדענגעזעץ, וואס מ׳האט דארט געמאכט. אבער דורך זיין רושם האט ער בעקומען פערבינדונגען מיט מענשען, וואס האבען איהם א סך צוגעהאלפען דורך פער מיטלונג, בשעת ר׳איז שפּעטער געקומען פיהרען דעם משא־ומתּן מיט ענגלאנד.

תּיכף נאך דעם ווערט ער פונ׳ם סולטאן טעלעגראפיש איינגע־לאדען און ער פאהרט אים 22. יולי אינאיינעם מיט וואלפזאהנען קיין קאנסטאנטינאפעל. ער ווערט אויפגענומען ווי אַ פירשט, ר׳איז אנ׳אורח פונ׳ם קאליף אין זיין זומער־פּאלאץ אין טהעראפיא, וואס גיט איהם, פאר דער צייט וואס ער איז דארט, אַ הויפוואגען און א בעגלייטער אַ גענעראל אויף זיינע נסיעות צו די אנגעזעהנע פארשוינען.

דאס איצטיגע מאל איז מען עוסק זעהר ערנסט. אויפן בעפעהל פונ׳ם סולטאן פיהרען דעם משא־ומתּן דער אויבערשטער צערמאניע־מיניסטער איברהים בעי און דער ערשטער פּריוואט סעקרעטאר פונ׳ם סולטאן טאהסין בעי. דער סולטאן בעקומט אַ נייע עקספאזע פון הערצל׳ן און ער פערבעט איהם צום סעלאמליק: דערנאך בעט ער, אז הערצל אליין זאל פאר זיינעטוועגען אויפשרייבען וואס ער האט געשמועסט מיט׳ן גרויס־ועזיר און זאל עס לאזען איבערזעצען. דאס דאקומענט, וואס האט אין זיך אלע בקשות פון דער בעוועגונג, ווערט איבערגעגעבען אים 29. יולי אינ׳ם אילדיז פּאלאץ. הערצל בעט, מ׳זאל צולאזען אַ יודישען ישוב אויף פערבונדענע טיילען פון ארץ־ישראל און פונ׳ם איבריגען קליינאזיען אויפ׳ן יסוד פון אַ טשארטער. מ׳לייגט איהם פאר אנדערע פּראיעקטען און זיי ברענגען הערצל׳ן פאר אַ שווערער בחירה! דער סולטאן וויל געבען אַ דערלויבניש אויף אַ קאלאניזאציע אין פערשיע־דענע נישט־פערבונדענע טיילען פון זיין מלוכה, ווייל דאס פּאסט אבער נישט צום באזעלער פּראגראם ווערט דאס צוריקגעוויזען. אבער דער משא־ומתּן הערט זיך נישט אויף; אבדול חמיד זאגט אלץ הערצל׳ן צו, אז ער סימפּאטיזירט מיט׳ן יודישען פאלק און מ׳איז ווייטער דערין עוסק.

דערווייל עפנען זיך נייע וועגן. הערצל בעקומט אַ שיכות צום ענגלישען מיניסטער קאבינעט, און אים אקטאבער ברענגט גרינבערג אריין אַ פלאן פון א לאנדקאנצעסיע אויף דעם האלבאינזעל סיני. דער געדאנק געפעלט, און די בריטישע רעגיערונג זאגט איהר פערטרעטער אין מצרים, דעם לארד קראמער, אז זי האפט, אז דער פלאן וועט פון איהם און פון דעם קהעדיווס יועצים גוט דורכגעקלערט ווערען לטובה פון דער זאך. זי בעט מ׳זאל שיקען אַ קאמיסיע פון פאכלייט, וואס זאלען דאס לאנד בודק זיין, צו ס׳פאסט זיך פאר א גרויסע קאלאניזאציע. גרינבערג פאהרט סוף אקטאבער קיין מצרים, מיט זיך האט ער רע־קאמאנדאציעס פונ׳ם מיניסטער לארד לענדסדאון. די רעגירונג פון מצרים איז מסכים און שיקט מיט אַ פערטרעטער אין דער קאמיסיע.

אנהויב פעבער געהט ארויס די עקספעדיציע קיין אל עריש.*) הערצל אליין איז געפאהרען אים 6. יענער קיין לאנדאן, האט דארט איבערגעשמועסט מיט דער רעגיערונג און מיט לארד ראטשילד און האט די גאנצע זאך צוגעגרייט מיט דעם רייזעביורא קוק. אין דער צייט ווערט געגרינדעט די אנגלא־פאלעסטינא קאמפאני וואס איז אַ טאכטער־אינסטיטוציע פון דער יודישער קאלאניאל באנק.

דערווייל איז גרינבערג עוסק וועגען דעם טשארטערפלאן אין קאירא און ער בעקומט די הסכמה פון דער רעגיערונג און די עיקרים פונ׳ם טשארטער: אנ׳אייגענע פערוואלטונג פונ׳ם לאַנד, בעזונדערע רעכטע אין די שטעדט וכדומה — באם די ידיעות פון דער קאמיסיע וועלען גוט זיין. גאר א גרויסע יודישער פינאנצמאן פון ענגלאנד זאגט צו אז ער וועט אריינשטעקען גאנץ גרויסע סומעס באם מ׳וועט שוין האבען בעקומען דעם טשארטער.

אנהויב מערץ קומט די עקספעדיציע קיין קאירא צוריק מיט גו־טע ידיעות, און הערצל פאהרט פול האפענונגען קיין מצרים, כדי אליין צו פיהרען דעם משא ומתן מיט׳ן לארד קראמער. „מיר נעהמען זיך דערצו ארויסצוקומען פון חלומות און מיר שטעלען אצינד דעם פוס אויף דער פעסטער ערד״, אזוי שרייבט ער צו ווארבורג.**) אין דער ערשטער

---

*) מיטגליעדער זענען געווען: גאלדסמיטה, קעסלער, אסקאר מארמארעק, סאסקין, יפה, פראפ. לוירענט, אינדש. סטעפאן און מר. העמפרעיס דער רעגיערונגס קאמיסאר.
**) בריעף פונ׳ם 25. 12. 1902.

צייט איז די רעגיערונג פון מצרים נוטה צו געבען דעם טשארטער*)

דערנאך טוט אבער די רעגיערונג פון מצרים צו וויסען, אז זי קען נישט געבען קיין קאנצעסיעס, ווייל זי קען נישט ארויס־געבען געגוג וואסער פונ׳ם ניל כדי צו בעוואסערען דאס פלאכע שטיק לאנד פון פעלוזיום, וואס איז דער בעסטער און פרוכט־בארסטער חלק פונ׳ם גאנצען לאנד. אהן דעם פלאכען לאנד פון פעלוזיום איז אבער דער גאנצער פלאן, כאטש ער איז פאר זיך גוט, נישט מעגליך אויסצופיהרען. ווי די ענגלישע רעגיערונג איז געוואהר געווארען אז דער משא ומתן האט זיך צושלאגען, האט זי הערצל׳ן מודיע געווען אז זי וויל געבען אנ׳אנדער לאנד פאר דער יודישער קאלאניזאציע.

הערצל לאזט גרינבערג׳ן פיהרען דעם משא ומתן, ווייל ער האט געזעהן אז דאס התנהגות פון רוסלאנד איז אַ הויפט עכוב אין זיין פא־לעסטינא פאליטיק, און צודעם זענען נאך געקומען די שרעקליכע טעג פון קישניעוו וואס דורך זיי האט ער דערפיהלט דעם הייסען צורך, זיך צו בעקענען מיט׳ן לעבען פון די ברייטע מאסען, און א חוץ דעם האט ער נאך מורא אז מ׳וועט ארויסגעבען גזרות קעגען דער ציוניסטישער ארגאניזאציע — דורך דעם אלעמען האט ער זיך דורכויס אבגעפאסט צו פאהרען קיין רוסלאנד. ער האט זיך נאך פריהער ארומגעטראגען מיט דעם געדאנק, ער האט איהם אבער כסדר נאכגעלאזט ווייל ער האט געמיינט אז ס׳איז נאר בכבוד צו קומען קיין פעטערבורג ווי אַ ציוניסט און נישט אונטער אַנ׳אנדערען דעקמאנטעל. „זאל איך אפשר קומען ווי אַ רייזענדער פון ווייך, אדער אפשר גאר — ווי אַ רעדאק־טאר פון דער „נייער פרייער פרעסע״, אזוי פרעגט ער קאצנעלזאנען נאכדעם ווי ר׳האט בעקומען זיינע עצות.

צום סוף איז עס יאשינאווסקין געלונגען צו פועל׳ן ביי פלעווען, אז ער זאל הערצל׳ן פערבעטען; אזוי זענען בטל געווארען די עכובים פון פאַספארט. אים 5. אויגוסט פאהרט ער מיט קאצנעלענזאהנען דורך ווארשא קיין פעטערבורג, ער טוט „אפשר דעם וויכטיגסטען שריט אין זיין לעבען״.

*) הערצל האט זיך שטארק בעמיהט פאר דעם טשארטער פון אל־עריש [אייגענטליך: פאר אַ גרויסען חלק פון דעם האלבאינזעל סיני אהן די לענדער אויפן ברעג פונ׳ם רויטען ים ים סוף]. ער האט דעם מחבר אין קאירא דערצעהלט אויספיהרליכע פלענער בנוגע צו די ערשטע יאהרען פונם ישוב, מכח ארגאניזאציע, הכנות, ארבייטער־פראגע און אויפבויען פון אַ שטאדט אויפ׳ן ברעג פונ׳ם ים. די וואס האבען דערנאך טענות געהאט, אז ער האט זיך נישט גענוג געזארגט פאר דער קאנצעסיע, זיי האבען גארנישט תופס געווען דעם מצב פון דער זאך.

ווי ער בעגעגענט זיך נור אויף די וואקזאלען מיט די גערודפטע, בעדריקטע, פול־פחד׳יגע יודען מאכט דאס אויף איהם אַ פארכטערלי־כען רושם. ער ווערט בלייך, און זיינע בעגלייטערס פּרובען איהם אראבצוברענגען אויף אנדערע זאכען. מ׳ווייס דאך ווי נויטיג ער וועט בעדארפען זיינע כחות און ווי שטארק מ׳דארף שוינען זיין הארץ וואס ווערט אלץ שוואכער דורך די בעמיהונגען פאר זיין פאלק.

אין פעטערבורג ווערט ער פיער מאל פון פלעווען אויפגענומען, וואס איז טאקי נור מיניסטער פאר אינערליכע ענינים אבער אין אמת׳ן איז ער אַ כל יכול און פיהרט אויך די אויסערליכע פאליטיק. ער ווערט אויך אויפגענומען פונ׳ם פינאנצמיניסטער וויטע, פונ׳ם מיני־סטער פאָן טאמבבסדארף און פונ׳ם דעפארטעמענטשעף הארטוויג. *) דער רושם וואס הערצל מאכט איז אַ געוואלדיגער. ס׳ווערען קלאר דורכ־געשמועסט די אלע פערוויקעלטע פאליטישע ענינים און הערצל גיט פלעווען צו פערשטעהן און ווייזט איהם טאקי איבער, אז אנ׳אונטער־שטיצונג פון דער ציוניסטישער בעוועגונג וועט אויך נוצען פאר דער רוסישער רעגיערונג. דער סך־הכל פון די שמועסען ווערט פארגע־לייגט פאר׳ן קייזער. פלעווע זאגט צו, אז די רוסישע רעגיערונג וועט דעם ציוניזם מאראליש און מאטעריעל אונטערשטיצען, בתנאי אז ער וועט פאליטיש און נישט אין רוסלאנד דערפאר ארבייטען, צו שאפען אַ נייע געזעלשאפט אין ארץ ישראל און אז ער וועט צוזאגען ארגא־ניזירען אנ׳עמיגראציע פון אַ געוויסע צאהל יודישע אונטערטענער אויס רוסלאנד. וועט אבער די בעוועגונג פארלאזען די ציעלען און וועט אויפן ארט פון איהר פריהערען פּראגראם אנהייבען צו פיהרען אנ׳אגיטאציע פאר יודיש־נאציאנאלע פערבינדונגען, אזוי וועט, דאס די רעגיערונג נישט צולאזען; ווייל פון דעם וועלען ארויסקומען חברות וואס וועלען זיין פרעמד אדער גאר פיינדליך צו די פּאטריאטישע געפיהלען און דאס איז דאך דער עיקר כח פון א מלוכה.

באם מ׳וועט אבער אנהייבען עפיס ממשות׳דיגס צו טון, וועט די רוסישע רעגיערונג אונטערשטיצען די ציוניסטישע פערטרעטערס ביי דער טערקישער רעגיערונג, וועט דערלייכטערען די ארבייט פון די אויסוואנדערונג - געזעלשאפטען און וועט די געזעלשאפטען אפילו

*) דער לעצטער איז אויך געוועז דער פּרעזידענט פון דער קייזערל. רוסישער פּאלע־סטינא געזעלשאפט, וואס האט געהאט וויסענשאפטליכע און פּאליטישע ציעלען און דערפאר אויך אַ גרויסע השפעה.

אונטערשטיצען מיט די געלדער פון די יודישע בעזונדערע שטייערן·

פלעווע· שרייבט אים 12· אויגוסט אַ בריעף צו הערצל׳ן אין וועלכען ס׳ווערען איבערגעחזר׳ט די אבגעמאכטע בעשלוסען און פון וועלכען מיר האבען אויך׳ כמעט ווארט ביי ווארט׳ ארויסגענומען דאס אויבענדערמאנטע· *)

אין אמת׳ן איז די הבטחה געווען ערנסט און מ׳האט אין קאנ־סטאנטינאפעל שריט געמאכט וואס זייער פראקטישע פעולה איז נור דורך הערצל׳ס פריהען טויט נישט ארויסגעקומען·

די זאכען זענען אלע מעהר אדער ווייניגער בעקענט· אבער הערצל האט זיך געהיט צו דערצעהלען פון זיינע שמועסען מיט פלעווען וועגען דעם מצב פון די יודען אין רוסלאנד גופא און פון זיינע פראַ־יעקטען וואס ער האט פארגעלייגט פלעווען אין די ענינים· ס׳איז היינט נאך נישט די צייט געקומען ארויסצוגעבען דעם גאנצען מאטעריאל פון דעם משא־ומתן· אבער מ׳קען איינס זאגען׳ אז הערצל האט זיך געסטאַ־רעט צו בעקומען דערלייכטערונגען פאר׳ן וואוינרעכט פון די רוסישע יודען און ר׳האט אויך בעקומען די הבטחה פונ׳ם מיניסטער׳ אז ער וועט דערפאר עפיס טון· **)

וויטע זאגט צו אז ער וועט דערלויבען אויפצומאכען פיליאלעס פון דער יודישער באנק אין רוסלאנד ***) און לאמבסדארף און הארטוויג זאגען אויך צו אונטערצושטיצען· הערצל ווערט דערנאך אויפגענומען פון א מענש מיט גאר א גרויסער השפעה· דא שטעלט זיך שוין ארויס די פעולה פון דער שנאה און די מלחמות פון דער אפאזיציע אקעגען הערצל׳ן ; דורך זיי בעווייזט מען איהם· אז די יודען פעהלט דאס פאליטישע רייפקייט און אז ס׳פעהלט דער בעוועגונג דער אמת׳ר כח וואס קומט נור פון אחדות· אויפ׳ן ארט ענפערט אב הערצל אויף די טענות : קעגען קאלאמבוס׳ן האט אויך די מאנשאפט פון זיין שיף טענות ומענות געהאט· אבער ווי מ׳האט דערזעהן פון דער ווייטען אמעריקא׳ האט מען פערגעסען די גאנצע מחלוקת· „איך זאג אייך צו׳ אז אין דער רגע וואס מיר

---

*) אין דער „וועלט" פונ׳ם 1903 ·8 ·25 איז אבגעדרוקט דער בריעף אין פראנצויזיש און אין דייטש· ס׳ווייזט אויס׳ אז אין דער זאך האבען די רעגיערונגס קרייזען אין רוסלאנד נור זעהר ווייניג זייער דעה געאַנדערשט·

**) נאך מינדליכע ידיעות פון ד״ר קאצנעלענזאהן·

***) דאס האט זיך צושלאגען דורך דעם וואס וויטע איז געפאלען·

וועלען דרזעהן „דאס לאנד" וועלען מיר אלע זיין אחדות".*) דער אנדערער איז שטארק געריהרט און זאגט איהם צו, מיט'ן גאנצען כח מיטצוארבייטען.

די טענות זענען אבער ליידער אמת געווען. ס'האבען זיך אין אמת'ן אנגעהויבען וואס אמאל שטארקערע — און צומאל אויך גאנץ פריוואטע — קריטיקען קעגען הערצל'ס ארבייט אין די לעצטע פאר חדשים, און ער האט ארויסגעזעהן — לויט זיינע בריעף — אז דאס וועט נאך אלץ מעהר און גרעסער ווערען. נאך אחד העם'ס קריטיק אויף „אלטניילאנד" האט איהם זעהר מצער געווען, ווייל ער האט גע־זעהן אז דער קריטיקער האט זיין כונה נישט תופס געווען. ער האט געוואלט בעווייזען אז 20 יאהר נאכ'ן אנהויב קען מען דערגרייכען אט אזא מצב, וואס איז דא בעשריעבען געווארען. דערמיט האט ער גע־וואלט צוציהען אלע בעלי־ספק און דערפאר האבען נישט בעדארפט אריינקומען קיין נייע עלעמענטען אין דעם בוי פון דער דאזיגער קולטור. דער אנדערער האט איהם אבער נישט פערשטאנען, האט קרי־טיקירט, אז דאס בוך איז נישט יודיש און הערצל האט געמיינט אז דורכדעם איז זיין פיהרער־כבוד, וואס איז נויטיג פאר דער בעוועגונג, קלענער געווארען אין א טייל קרייזען.**)

ס'האבען איהם שטארק געארט די פאליטישע מלחמות אקעגען איהם וואס זענען אלץ מעהר געווארען וועגען דער נסיעה צו פלעווען. נאך פריהער האט מען חוזק געמאכט פון זיינע ארבייטען און געזאגט, אז זיי האבען נישט קיין רעזולטאטען, אבער דאס זענען נאך אלץ גע־ווען דרויסענדיגע, טאקי די דאזיגע יודען וואס האבען איהם צונערשט נישט געוואלט געבען דאס געלד כדי אויסצופיהרען זיינע פלענער. און דער בעסטער רייטער קען דאך נישט זיעגען אין א וועט אז מ'גיט איהם א געלעהמט פערדי.

אצינד אבער האט אויך אין דער אייגענער מחנה דאס התנגדות אנגעהויבען וואס אמאל שטארקער צו ווערען. די נסיעה צו דעם פלעווען, וועלכער האט געמאכט דעם קישינעווער פאגראם, איז געווען א שטארקע בעשולדיגונג פאר דעם מאן וואס האט זיך בעמיהט מיט'ן גאנצען כח צו פערבעסערען דעם מצב פון זיינע ברידער. די טענה,

*) „די וועלט" פונ'ם 1910 .5 .20 פונ'ם ארטיקעל „מיינע דערלעבנישען מיט הערצל" פון דר. קאצנעלענזאהן.

**) הערצל זאגט דאס ארויס אין זיינע בריעף צו דר. נארדוי.

אז מ׳דארף מיט אזא מין מענש נישט עוסק זיין, איז נישט קלוג געווען. אומגליקליכע פעלקער טארען נישט זיין אזויפיעל פיין און עמפינדליך אין זייער כבוד, ס׳זענען געווען אנדערע פעלקער, וועניגער אומגליקליכע, וואס האבען זיך געמוזט נאך טיעפער בוקען. חוץ דעם האט מען פערגעסען, אז הערצל איז נישט געפאהרען קיין רוסלאנד כדי עוסק צו זיין מיט דעם מענש פלעווע נור מיט דעם מיניסטער פלעווע. מיט דעם מיניסטער, וואס אין זיין האנד ליעגט דער גורל פון מיליאנען גערודפ׳טע יודען און וואס פיהרט די פאליטיק פון אַ שטארקער מלוכה, וועלכע האט ביז אצינד מיט איהר השפעה די הילף פארן פאלק אין ארץ־ישראל אדער בכלל נישט צוגעלאזט אדער לפחות שווער געמאכט. דוקא נאך קישינעוו איז אַזא בעזוך טאפעל נויטיג געווען.

די נסיעה צו פלעווען, וואס הערצל האט אין איהר געזעהן איינע פון זיינע גרעסטע הצלחות, האט קלאר אויסגעוויזען הערצלס פאליטישע הויך און דעם חלוק צווישען איהם און צווישען די אנדערע דעות אין דער בעוועגונג. פאר איהם איז דער עיקר נישט דאס שאפען פון אַ גייסטיגען צענטער, אַ מרכז רוחני, וואס דערהאלט דאס יודענטום און מאכט פרוכטבאר דאס גלות, אויך נישט די פראקטישע קליינע ארבייט כדי צו העלפען דעם אדער יענעם פרט; נור ער זוכט די גיכע און גאנצע גאולה פונ׳ם כלל ישראל אדער לפחות פון דעם רוב וואס לייד, און דאס דורך פאליטישע משא־ומתנ׳ס. אמת ער פערשטעהט גאנץ גוט די נויטיגקייט פון פראקטישע מעשים,*) ער וויל איינקויפען גרעסערע פערבונדענע שטיקער לאנד און פרייט זיך איבער דעם פארטשריט פון לשון קודש. ער טראכט צו אונטערשטיצען די נאציאנאל ביבליאטעק און די שולע אין יפו. אבער דאס זענען אלץ קליינע, אבגעזונדערטע מעשים וואס טארען קיינמאל נישט זיין דער עיקר פאר דער בעוועגונג, באם זי וויל נישט אראב פון איהר רעכטען וועג. די קולטורבעוועגונג דוכט זיך איהם צו פריה און צו איילענדיג. נישט ווייל ער האט זי נישט פערשטאנען, נור ווייל ער האט מורא געהאט, אז זי וועט ברענגען מלחמות אינווייניג, פאליטישע שוועריגקייטען אין די איצטיגע וואוילענדער, און ווייל ער גלויבט אין אַ נאטירליכער

*) ער אונטערשטיצט למשל די „גאולה״, ווי אוסישקין האט איהם געבעטען. [ז׳ „וועלט״ פונ׳ם 1903 ·10 ·30 און דעם סטענאגראַם פון דער זיצונג פונ׳ם 1904 ·4 ·15־·10] ער גיט זיך נאך אינ׳ם יאהר 1902 אב מיט דער פראגע פון בוימוואל פלאנצונגען. [די קארעספאנדענץ מיט סעיד־רוט].

קולטורענטוויקלונג נור אויף דער אייגענער יודישער ערד אין ארץ ישראל, אבער אין גלות האלט ער דאס פאר אוממעגליך און אומנא־טירליך און די הילף וואס די קליינקאלאניזאציע ברענגט דעם פרט דאס איז נאך זיין דעה די ארבייט פון קאלאניזאציע־חברות. ער קען נישט און וויל נישט אינגאנצען זיך דערמיט אבגעבען, ווייל זי איז דאך נור א ענין פון טובות, פון נדבות, אפילו ווען מ׳טוט דאס מיט אסך געלד, און דאס וועט קיינמאל נישט פערענפערן די יודען פראגע „ארגעטיניען איז אַ מין „קבר מלכים״ פאר׳ן באראן הירש״, *) ער האט טובות נישט געהאלטען פאר שלעכט אבער ער האט שארף פערמשפט דאס טובות־טון פאַר פרטים: „טובות־טון פאר אַ גאנץ פאלק הייסט פאליטיק, און די טובות וואס אַ פאלק וויל טון פאר זיין אייגענער ענט־וויקלונג דאס איז די פאליטיק פונ׳ם פאלק, ס׳איז נישט פארהאן קיין פאליטיק וואס זאל נישט האבען די כונה גוטס צו טון. **)״ ער וויל העלפען דעם פאלק און נישט דעם לאנד, אמת טאקי דעם פאלק אין זיין לאנד, און א פיהרער פון אזא פאליטיק פון גרויסער פאלקסהילף און דער־לייזונג דורכ׳ן צוריקבעקומען פון דער אלטער היים, אזא פיהרער, ווען ער זאל ניט מוזען זיין האנד געבען, וועמען ער זאל ניט מוזען אנטרעפען אויף זיינע וועגען פון ליעבע צו די ברידער — דאס אלדינג טאר איהם נישט הארען, ער שטרעבט צו הייליגע ציעלען און ער טאר זיך נישט לאזען פיהרען פון קליינע בעלי־בתישע פחדים, דערפאר האלט ער אויך בסוד זיינע ערפאלגען בנוגע צום אינערליכען מצב פון די רוסישע יודען און ס׳איז איהם ליעבער אז די חכמים און קריטיקערס, וואס הא־בען נור דורך זיין ארבייט בעקומען חשיבות אין די אוירען פון דער עפענטליכקייט, זאלען איהם איבערפאלען, איידער ער זאל ארויסגעהן מיט פערענפערען און דערצעהלען פון זיינע מעשים, וואס דאס וואלט איהם אליין גענוצט אבער פאר דער זאך געשאדט.

מ׳האט געטעהנעט קעגען הערצל׳ן אז ער זוכט בעריהמטקייט און לויפט נאך גיכע ערפאלגען, אוודאי האט ער געוואלט כבוד אבער אינ׳ם העכסטען זין פונ׳ם ווארט, Optimus ipse gloria ducitur זאגט דער רעמער (אפילו דער בעסטער ווערט געפיהרט פונ׳ם כבוד), ער וויל געלויבט ווערען, אבער נישט פונ׳ם איצטיגען דור, „רוהם איז נישט

*) רעדע אין בערלין 1898

**) דארט.

די הסכמה פונ׳ם המון״ פלעגט ער זאגען, „נור דער משפט פון דער היסטאריע. וואס גרעסער א מענש איז, אלץ לענגער קען ער ווארטען ביז מ׳וועט איהם פערשטעהן, און אפילו אין גאר שפעטע צייטען״. זיין כבוד־ווילען איז געלעגען אין דעם, וואס ר׳האט געוואלט בעשטעהן פאר דעם ריכטער שטוהל פון די קומענדיגע דורות, אבער קיינמאל האט ער איהם נישט געטריעבען צו איילענדיגע מעשים צוליב דער אייגענער טובה. פאר זיך אליין האט ער נישט בעדארפט קיין גיכע ערפאלגען. אבער פאר׳ן פאלק האט ער זיי בעדארפט. ער האט בעדארפט ווייל ר׳האט נישט מעהר געקענט דערטראגען דעם אופן לעבען פון זיינע ברידער, און נאך פאר איין טעם: ווייל ער האט געפיהלט, אז ער מוז רעכנען מיט זיינע יאהרען און אז ער וועט נישט מעהר לאנג קענען העלפען.*) „סקארעי״, גיכער, דאס איז געווען דאס ערשטעווארט וואס ער האט זיך געוואלט אויסלערענען אויף רו־סיש. ער איז ביי זיך תמיד קלאר געווען, אז ער מוז זיך איילען. און ער האט זיך נישט געשוינט. אז ער איז געפאהרען 28 שעה אין פוס־טערטאל כדי מיט וואמבערי דריי שעה צו רעדען, אז ער איז גע־לאפען אהן רוה פון קאנסטאנטינאפעל קיין לאנדאן, דורכגעפאהרען

---

*) נאך אים יאהר 1902 זענען איהם אנגעפאלען שטארקע הארצקרעמפפען און בשעת דעם פופטען קאנגרעס האט ער געהאט אנפאלען פון אַ הויכגראדיגען הערץ חלשות.

**) הערצל האט תמיד געגלויבט אז נישט נור די אידעע נור אויך די בעוועגונג וועט בלייבען נאך זיין טויט. ער האט דעם מחבר געזאגט אים 15. 3. 1903 אין וויען: באם כ׳האב עפיס גוטס געטון איז עס אין דעם, וואס כ׳האב אלדינג אזוי איינגעפיהרט אז ס׳איז נישט אבהענגיג פון דעם אדער יענעם מענשען. אז איך שטארב היינט וועט די מאשין גלאטיג ווייטער געהן. מוועט מיר האלטען אַ שעהנעם הספד און אסך פעראיינען וועלען מיך איינ־שרייבען אינ׳ם גאלדענעם בוך. אבער חוץ דעם וועט גאר־ישט אנדערש ווערען. אלע הערען פונ׳ם קליינעם א. ק. פערשטעהן זיך אין די ענינים און באם מיין ממלא מקום וועט נישט האבען דעם אייגענעם אויטאריטעט איז עס גאַנץ גוט. לאז ער זיך אליין צוטרויען דערוורבען. אבער פון דער אנדערער זייט האט ער געוואוסט, אז מיט זיין פטירה איז פארבונדען אַ סכנה פאר דער פאליטישער ארבייט, ווייל דאס איז שוין מעהר אנ׳ענין פונ׳ם מענש: „דא וועט איהר גאר נישט קענען טון. ווען איהר זאלט געווען זיין אנ׳ארגאניזאציע מיט גרויסע געלדער, ווי למשל די יק״א, און ווען איהר זאלט געווען האבען מיליאנען פון חסידים און אַ פיהרונג, וואס וואלט נישט יעדע מינוט זיך ארייגעטון אין דער אלגעמיינער לאגע, היינט אין פראַקרייך, מארגען אין איטאליען, איבערמארגען אין ענגלאנד — אזוי וואלט די ציוניסטישע בעוועגונג נור געווען אַ שפיעל פון פראזען... די ארגאניזאציע קען דאס נישט טון, נישט דערפאר ווייל זי איז גארישער אדער אטייל פון די יחידים טויגען וועניגער ווי איך, נור דערפאר ווייל זי איז א רבים, א מענגע. דאס קענען נור יחידים טון. איך וואלט מיר נאר געוואונשען אז איך זאל האבען אסך צוהעלפערס. כ׳האב א פאר, אבער ס׳איז אַ טעות צו מיינען, אז מ׳קען פון דער ארגאניזאציע ארויס דעם ציעל דערגרייכען. זי קען נאר איין זאך און דאס איז, זיך פארבינדען מיט׳ן פאלק און זיך צוקוקען וואס ס׳פעהלט איהם.״ (סטענאגראם פון דער זיצונג פונ׳ם א. ק. אים 1904 .4 .12 זייט 432).

כסדר אייראפא אין דער לענג און אין דער ברייט, דעמאלט האט ער נור געפאלגט אנ׳אינערען אבסאלוטען געבאט וואס האט איהם מחיב געוועז דאס לעבען אין סכנה צו זעצען כדי אויסצופיהרען זיין שליחות.—

ווי ר׳איז צוריקגעפאהרען פון פעטערבורג טרעט ער אב אין ווילנא, ווייל ער וויל זעהן דאס פאלק און זיך בעקענען מיט איהם. נור אנקומענדיג האט מען איהם תיכף אויפגענומען מיט גרויס התלהבות. מ׳האט איהם מקבל פנים געוועז ווי אַ מלך. אַ שווארצע מאסע פון מענשען אהן צאהל ווארט איהם אב און שטופט זיך צונ׳איהם מיט סכנת נפשות דורך די ענגע געסלעך. די פאליציי בעט איהם ער זאל זיך איינקווארטירען אין אַ האטעל ביי אַ ברייטער גאס, כדי ס׳זאל נישט פארקומען קיין אומגליק. ווען מ׳האט איהם אויפגענומען אינ׳ם הויז פון דער קהלה האט מען איהם אנגעטון דעם גרויסען כבוד און איהם איבערגעגעבען „דאס הייליגסטע און דאס טייערסטע וואס די קהלה פערמאגט״, א ספר תורה. און בשעת דער אלטער רב בענטשט איהם מיט ציטערדיגע הענד אינ׳ם נאמען פון גאט וואס קעניגט אין ציון, הייבט די גאנצע אסיפה אהן צו וויינען. די צרות און די קלאג פון אַ גאנץ פאלק ציטערט דורך די הערצער פון אלע ארומשטעהענ־דיגע און ס׳מישט זיך אויס מיט׳ן געפיהל פון דאנק און ליעבע צו דעם מאן וואס אויף איהם ליעגט זייער גאנצע האפנונג.

ער איז געקומען, כדי צו זעהן דאס פאלק אין זיין טאגטעגליכען לעבען, אבער דאס התפעלות פון די מענשען מאכט דאס אוממעגליך, דערפאר קען ער זיך אויך נישט בעקוקען די שוהל און אנדערע אינ־סטיטוציעס. הערצל מוז זיך בעגניגען געבען דערמיט וואס ר׳איז גע־גאנגען אין איינצעלנע הייזער לעבען דעם דאָרף ווערקי וואו מ׳האט איהם אַ באנקעט געמאכט. די נויט וואס ער זעהט ביי די ארבייטער אין דער היים מאַכט אויף איהם אַ פארכטערליכען רושם אבער נאך מעהר קרענקט איהם דאס שטומפיגע גלייכגילטיגקייט מיט וועלכער די ארימע דערטראגען זייער גורל, אזוי ווי ס׳וואלט גאר נישט געקענט אנ־דערש זיין. „ווי אזוי קענט איהר אזוי לעבען״ זאגט ער כסדר צו זיי־נע בעגלייטערס. בשעת׳ן אוועקפאהרען האבען זיך אבגעטון ווילדע סצענעס. כאטש ס׳איז באלד צוויי ביינאכט שטעהן טויזענדער מענשען אויפ׳ן גאס און ארום פונ׳ם באהנהויף, כדי נור צו ווארפען איין קוק אויף דעם פערמאכטען וואגען. די פאליציי ווייסט זיך נישט קיין עצה צו

געבען מיט דעם שטראם התפעלות, זי בעקומט מורא און ברענגט קא־
זאקען, וואס צוטרייבען די מאסע מיט דער נאגייקע און ס׳פערמישען
זיך די הידד־רופען מיט די געשרייען פון די געשלאגענע און די אומ־
געווארפענע. אזוי האט הערצל געזעהן נישט נור דאס ארימקייט נור
אויך די שרעקליכע טיראנעריי פון דער פאליציי. בלייך און שרעק־
ליך אויפגערעגט געהט ער אריין אין דעם שנעלצוג וואס ארום איהם
שטעהן, כאטש אלע אזהרות, פיל מענשען; און דוקא הײנט פיהלען
זיי דריימאל אזויפיעל ווי װעניג זיי קענען זיך העלפען, פון זיי פאהרט
אוועק זייער העלפער, דער מענש וואס וועט זיי ארויסראטעװען פון
צרות און עלענד אין דעם געלויבטען לאנד אריין.

בשעת דער צוג פאהרט דורך דער ליטע, פליהען די נויט
און דער עלענד ארום זיינע חלומות. זיי ווילען זיינע געפיהלען
נישט אויף אַ מינוט פערלאזען און ער מוז אמאל און נאכאמאל
לייענען דעם בריעף וואס ער האט בעקומען בשעת ר׳האט געוואוינט
אינ׳ם האטעל סט. געארג אין ווילנא. ער איז געשריבען געווארען
אים 14. אויגוסט פון סיר קלעמענט הילל, דעם ראש פון אַ אבטיילונג
פאר די אויסלענדער אינ׳ם Foreign Office (מיניסטעריום פון אויסערן),
צו מר. גרינבערג, און דער בריעף האט געהאט אַ גרויסע השפעה אויפ׳ן
קורצען רעשט פון הערצלס לעבען.

דער משא־ומתן פון גרינבערג מיט׳ן הייסען אונטערשטיצער פון
דער בעוועגונג, מיט׳ן קאלאניאלמיניסטער טשעמבערליין, האבען גע־
בראכט דעם רעזולטאט אז מר. גרינבערג האט געקענט איבערגעבען דעם
מיניסטער לענדסדאָן דורך טשעמבערליין אַ פלאן פאר אַ טשארטער אין
אַ לאנד אין מזרח־אפריקא. דאס לאנד וואס מ׳האט דערפון געשמועסט
איז געלעגען צווישען נאַיראָבי און צווישען דעם נוי־עסקערפמענט ביי
דער באהן וואס געהט פון מאָמבאַסא צום וויקטאָריאַ־ים, דאס זענען
געווען הויכליעגענדיגע שטיקער לאנד וואס אייראפעער האבען אויף
זיי געקענט וואוינען. טשעמבערליין האט דאס שטיק לאנד נאררייעט
און די רעגיערונג האט צוגעזאגט איהר הסכמה, באם אַ קאמיסיע וואס
וועט ארויסגעשיקט ווערען וועט געפינען אַז דאס לאנד איז פּאַסענדיג.
זי האט געוואלט געבען דעם נייעם ישוב „גענצליכע פרייהייט צו טון
וואס מ׳וויל און אַ האפנונג פאר דער אייגענער געזעצגעבונג אין די
שטעט און פאר דער ארדנונג אין רעליגיעזע און בעיקר אין פער־

וואלטונגס־ענינים״. אַ יוד זאל שטעהן בראש פון דעם ארדענטליכען פערוואלטונגס־אמט. אט דעם פראיעקט פון ענגלאנד, וואס א־ז ארויס פון אַ שעהנעם לייטזעליגען רצון, האט טהעאדאר הערצל פארגעלעגט פאר׳ן זעקסטען קאנגרעס, וואס איז זיך צונויפגעקומען אים 23. אויגוסט 1903 אין באזעל. ער האט אבער זיין דעה, וואס האט אַ שטארקע השפּעה אויף דעם בעשלוס, תיכף אין דער פּתיחה ארויסגעזאגט, אז ס׳האנדעלט זיך דא נור אין א „אויסהילף פון קאלאניזאציע״, אז דאס יודישע פאלק קען נישט האבען קיין אנדער ציעל חוץ ארץ־ישראל און אז זיין דעה איבער דעם לאנד פון די אבות איז נישט אנדערש געוואָרען; אז דער קאנגרעס קען אבער געפינען דרכים, ווי אזוי ארויסצוציהען אַ נוצען פון דער געלעגענהייט. ווייל ס׳האנדעלט זיך נור דארין אז מ׳זאל פערבעסערן און דערלייכטערן דעם מצב פונ׳ם יודישען פאלק, מ׳דארף אבער דערבּיי גאר נישט פערלאזען די גרויסע עיקרים וואס אויף זיי שטיצט זיך די בעוועגונג. „ציון איז עס טאקי נישט און ס׳קען קיינמאל נישט ציון ווערען. און אויף דעם ארויף קענען מיר נישט און ווילען נישט געבען אונזערע מאסען אַ צייכען אז זיי זאלען אהין ארויסציהען״.

הערצל האט נישט אליין אויסגקעליבען די פאָרם פון דער ערקלערונג אין דער פּתיחה, וואס די אזויגערופענע „ניינזאגערס״ האבען זי איהם שטארק פאראיבעל גענומען. אַ פערזאמלונג פון די פיהרערס פון דער בעוועגונג, וואס איז געווען פאר׳ן קאנגרעס האט די פארם אויסגעקליבען. *)

אבער תיכף האט זיך דערהויבען צווישען די דעלעגירטע אַ שטארקע אפאזיציע קעגען דעם אנטראג. דער קאנגרעס האט זיך צושפּאלטען אין צוויי פארטייען און ס׳איז געקומען צו דראמאטישע סצענעס. מ׳האט שטארק געפאדערט, אז הערצל זאל נעהמען אל־עריש וואס ס׳פּאסט זיך פאר אַ קאלאניזאציע, און זאל זיך אבזאגען פון מזרח־אפריקא ווייל ס׳קעהר כלל נישט אריין אינ׳ם באזעלער פּראגראם. מ׳איז איהם חושד, אז ער וויל נאכלאזען ארץ־ישראל, כאטש ער זאגט

*) זי איז געווען ביי מר. קאוון אין באזעל. דערבּיי זענען געווען, וויפּעל כ׳האב געקענט ארויסבעקומען, מאנדעלשטאם, וואלפזאהן, יעלסקי, מארמארעק, קאָוון, כהן־בערנשטיין, זאנגוויל, טשלענאוו, קאצנעלזאהן. הערצל איז נישט געווען דערבּיי בשעת מ׳האט זיך בעראטען. ווי מ׳האט בעשלאסען, האט ער פארגעלייגט זיין קאנגרעס רעדע. ס׳איז דערנאך געווען א וכּוח איבער דעם זאך, וואס האט עפּיס געהאט אין זיך דעם כאראקטער, אז מ׳וויל קלענער מאכען די זאך: „ציון איז עס טאקי נישט און ס׳קען קיינמאל נישט ציון ווערען״.

כּסדר צו, אז ער האלט נאך תּמיד אזוי פעסט אן ארץ ישראל ווי פריהער, און כאטש גרינבערג גיט קלאר צו פערשטעהן די כּוונות וואס די ציוניסטען האבען ביי דעם משא־ומתּן און ער זאגט: „דער וועג קיין ארץ־ישראל איז נישט נור אַ געאגראפישער וועג, ווי ס'מוז זיין, נור מ'טאר אויך נישט פערגעסען דעם פּאליטישען וועג", אַ טייל פונ'ם קאנגרעס קומט אריין אין אזא אויפרעגונג אז ער קען גאר נישט קלאר איבערלייגען אַ זאך, אמבעסטען האט דאס נארדוי געטראפען מיט די ווערטער: „מיר זאגען: דאס ציעל בלייבט און ריהרט זיך נישט פונ'ם ארט, דאס ציעל הייסט ציון, מיר שטעהן אויפ'ן באזעלער פּראגראם, מ'מעג אונז די פּיס אבהאקען; מ'מעג דורך אנ'אויסערלי־כען כּח דאס באזעלער פּראגראם" צושטערען, אבער מיר ווילען זיך קיינמאל נישט מיט געזונדע פיס, לעבעדיג, אוועקרוקען פונ'ם באזעלער פּראגראם, און איהר ענפערט אויף דעם: מיר האבען צו אייך גאר אַ גרויס צוטרויען; דערפאר מיינען מיר, אז איהר ווילט זיכער דאס באזעלער פּראגראם פערלאזען.

נאך אַ שטארקען רעשדיגען וכּוח ווערט בעשלאסען, אז מ'זאל איינזעצען אַ קאמיסיע פון ניין מיטגליעדער, וואס זאל העלפען דעם א"ק, מיט עצות ביים אוועקשיקען פון אַ עקספּעדיציע אין די לענדער וואס מ'דארף אויספּארשען, דעם בעשלוס מכּח דעם ישוב פון מזרח־אפריקא לאזט מען איבער פאר אַ בעזונדערען קאנגרעס, דורך דעם רעזולטאט פון דער אבשטימונג געהן די „ניינזאגערס" אדער „ציוני ציון", ווי זיי האבען זיך גערופען, ארויס פונ'ם זאל, זיי מיינען אז מ'האט זיך שוין פון ארץ־ישראל אבגעזאגט און אַ טייל פון זיי הייבען אן צו וויינען און צו קלאגען, צום־סוף געהט הערצל, וואס דער אומ־בעגרינדעטער יאוש האט אויף איהם אַ גרויסען רושם געמאכט, אין זייער אסיפה, וועלכע האט געדויערט ביז אין דער פריה, ער האט פערשטאנען ווי אזוי זיי צו בערוהיגען אויף זיין גוטען אופן און ער האט ביי זיי געפועלט, אז זיי זאלען צוריקקומען צום קאנגרעס.

אחוץ די פארקומענישען האט מען פאר אלע אנדערע ענינים נור אַ שוואכען אינטערעס.

אין דער סוף־רעדע — דאס זענען די לעצטע עפענטליכע ווער־טער וואס ער האט גערעד — זאגט הערצל: „אין קיין איינציגער שעה און אין קיין איינציגען געדאנק איז דאס באזעלער פּראגראם נישט

פערלאזט געווארען... בעדארף איך דען האפטערס? ס'איז אפשר דאס ערשטע ווארט אהן עניוות, וואס מ'וועט מיר קענען איבערחזר'ן אז כהאב אויף דעם ארט געזאגט: דער האפטער בין איך אליין, אז אין דעם דאזיגען באזעלער פראגראם, וואס איך האב דערביי מיטגע־ארבייט, וועט גאר נישט געאנדערשט ווערען... אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני!"

תיכף נאכ'ן קאנגרעס ווערט ער פערבעטען קיין מיינאוי צום גרויסהערצאג פון באדען, און דער פרעגט זיך נאך אלעמען נאך אין און בעווייזט נאכאמאל זיין שטארק פעראינטערעסירטקייט.

אים 28. אויגוסט דרוקט זיך אב אין „טיימס" א טעלעגראם פונ'ם לארד דעלמער אינ'ם נאמען פון די ענגלענדער, וואס שטעהן אונטער דעם אוגאנדא־שוץ; אין דעם טעלעגראם זענען פארהאן שטארקע פראטעסטען קעגען דעם אריינוואנדערן פון „נישט געבעטענע פרעמדע" און די ענגלישע עפענטליכע מיינונג ווערט אויפגעפאדערט, דאס נישט צוצולאזען.

די ענגלישע רעגיערונג הייבט אן מסופק צו ווערען און ווייזט איהם אן, אז ער זאל פיהרען זיין ווייטערדיגען משא־ומתן אין מאָמ־באַסא. הערצל בעט דערנאך גרינבערג'ן אז ער זאל זיך נאכאמאל משתדל זיין, אז אויפ'ן ארט פון מזרח־אפריקא זאל מען דערלויבען דאס צופיהרען פונ'ם נילוואסער קיין פעלוזיום. גרינבערג ענפערט איהם, אז ער איז זיך טועה, באם ער מיינט אז די ענגלישע רעגיערונג וויל נישט מעהר צוהאלטען וואס זי האט געזאגט. דערווייל קומט צו־ריק אוסישקין פון ארץ־ישראל אין לאזט ארויס אנ'אפענעם בריעף צו די דעלעגירטע פונ'ם זעקסטען קאנגרעס אין וועלכען ער זאגט, אז דער קאנגרעס האט זיך אבגעזאגט פון ארץ־ישראל דערמיט וואס ר'האט בעשלאסען ארויסצושיקען א אונגאנדא־עקספעדיציע. דאס האבען נור די נישט געזעהן וועלכע זענען „פערבלענדעט פון דיפלאמאטיע און צופיעל פאליטיק מאכעריי". ער וועט זיך משתדל זיין מיט אלע כחות נישט צוצולאזען אז דער בעשלוס זאל אויסגעפיהרט ווערען.

דורך דעם בריף ווערט דאס התנגדות קעגען דעם פלאן פון מזרח־אפריקא און קעגען הערצל'ן און נארדוי'ן געוואלטיג גרויס, און ס'הייבט זיך אן א מלחמה אין די צייטונגען אהן שוינונג. אין רוסלאנד מאכט זיך א היסטערישע אויפגערעגטקייט, און דערפון

קומט ארויס, אז אים 18. דעצעמבער, אויף א חנוכה־אבענד אינ׳ם „זאל שאַררא״ אין פאריז, שיסט א האלב משוגענער פאנאטיקער, לובאן, צוויי מאל אויף נארדוי, ער רופט דערביי: „א טויט פאר דעם אפריקא־חסיד נארדוי״. נארדוי׳ן האט דאס גאר נישט געשאדט. תיכף נאך דעם איז פּלוצלינג ארויס די ידיעה, אז א גרויסע צאהל פון רוסישע פערטרויענס־לייט האבען זיך אין כארקאוו צונויפגעקליבען, כּדי הערצל׳ן צו שטעלען אנ׳אולטימאטום.*) אין דעם זענען געווען פארהאן א סך פאדערונגען בנוגע צו ענינים פון דער אינערליכער און אויסערליכער פּאליטיק. אזוי למשל האבען זיי פערלאנגט: בנוגע צו מזרח־אפריקא זאל הערצל צוזאגען, אז ער וועט נישט אויפגעבען קיין פּלענער פון אנדערע לענדער חוץ ארץ־ישראל און סיריען, אז ער וועט דאס פּראיעקט נישט ארייננעהמען אינ׳ם סדר היום פונ׳ם קאנגרעס, אז ער וועט צונויפרופען דעם גרויסען א. ק. איידער מ׳וועט אוועקשיקען די עקספּעדיציע און אז מ׳וועט נאך פאר׳ן אוועקשיקען אנדערש מאכען דעם שטאטוט פון דער באנק, אז ער וועט ארייננעהמען די ארבייט פון ארץ־ישראל — אויף וויפיעל זי איז באַשלאסען געווארען פונ׳ם צווייטען קאנגרעס — צווישען די ערשטע פּראקטישע ארבייטען. הערצל מוז זיין הסכמה צו דעם אלעמען אבגעבען בּכּתב אין דער פארם פון א בריעף אדער פון א פּראטאקאל, באם הערצל זאל נישט אננעמען דאס אולטימאטום האלט מען אין כארקאוו אנ׳עצה ווי אזוי מלחמה צו פיהרען: נישט שיקען קיין שקלים קיין וויען, פּראטעסטען אין די צייטונגען, אגיטאציע־נסיעות קיין איירא פּא און אמעריקא, צונויפרופען א קאנגרעס פון דער אפּאזיציע נאך פאר׳ן זיבעטען קאנגרעס. א דעפּוטאציע, וואס צונ׳איהר האבען געקעהרט ראזענבוים, טעמקין און בעלקאווסקי, האבען בעדארפט די פאדערונגען איבערגעבען הערצל׳ן און נאך זייער צוריקקומען האט מען ווייטער געזאלט אנ׳עצה האלטען.

ווי ס׳איז בעקאנט געווארען דאס אטענטאט און די בעשלוסען פון כארקאוו, האט זיך דערהויבען א גרויסע פּראטעסטבעוועגונג אינ׳ם ציוניזם. מ׳האט גוט געוואוסט, אז דאס ארויסטרעטען און די מלחמות, וואס מ׳האט מיט זיי געסטראשעט, קענען חרוב מאכען די

*) טעמקין, בערנשטיין־פּהן, ג. י. ברוק, ג. א. בעלקאווסקי, י. א. גאלדבערג, ש. י ראזענבוים, מ. מ. אוסישקין, מ. שיינקין, י. וו. יאקובזאהן, סאפּיר, טשלענאוו, זלאטאפּאלסקי.

גאנצע בעוועגונג. ס'קומען אן צו הערצל'ן הסכמות און פערטרויענ־ערקלערונגען אהן צאהל, הן פון יא־זאגערס הן פון ניין־זאגערס. אין רוסלאנד ווערט געגרינדעט א קאמיטעט צו שיצען די ארגאניזאציע קעגען די כארקאווער. אויף דער אנדערער זייט געהט גאסטער אין לאנדאן שארף ארויס קעגען איהם.

בשעת זיינע מתנגדים פון אינווייניג גיבען איהם נישט קיין רוה, טראכט ער אלץ, אז ס'זאל געגרינדעט ווערען אנ'אייגענע יודישע באנק אין ניו־יארק*), הייבט אן אויפס'ניי אנ'ערנסטען משא־ומתן אין קאנסטאנטינאפעל, ווערט אויפגענומען פונ'ם איטאליענישען קעניג**) און פונ'ם פויפסט***) און ארבייט אהן א סוף. „איך בין תמיד אין דער ארבייט. אז איך כאפ מיך אויף, פיער אדער פינף א זייגער, קלער איך תיכף ווי אזוי כ'וואלט געקענט דאס אדער יענץ טון, בערעכענט אייך, דאס שרעקליכע אחריות. ס'מוטשעט מיך אין גאנצען אב. אבער א גוט פערד שטארבט אין די לייצען."****) נאכ'ן קאנגרעס הייבט ער אן שטארק צו ליידען.*****)

*) מיט'ן נאמען: .Jewish Colonial Bank Limited
בריעף צו יארק שטיינער פונ'ם 12. 10. 1903.

**) דער הויפט שמועס פון הערצל'ן מיט'ן קעניג איז געווען איבער ארץ־ישראל. דער מלך האט בפירוש געזאגט, אז ער האט נישט ליעב אט די אלע יודען, וואס שעמען זיך מיט זייער שטאם. אין זיין לאנד האט יעדער גלייכע רעכטען און ער פאראינטערעסירט זיך זעהר מיט דעם אלטען שטאם וואס האלט זיך מיט אנ'עקשנותדיגער איבערגעגעבענקייט אן זיין לאנד. דער רושם, וואס ס'האבען אויף איהם געמאכט די וויינענדיגע יודען ביי דעם כותל מערבי, וועט ביי איהם קיינמאל נישט פערגעסען ווערען. ער סימפאטיזירט זעהר מיט'ן ציו־יזם. דאס לאנד איז שוין גאנץ יודיש געווארען און ס'איז שוין פארהאן א פעסטער יסוד. ער וויל אליין צוגרייטען דעם מיניסטער פון אויסער'ן, טיטאָני, פאר הערצל'ס בעזוך. דער שמועס האט געדויערט כמעט אָ שעה און איז געווען גארווארם; דער קעניג האט דערנאך גערעד מיט גרויס באוואונדערונג פון הערצל'ן.

***) דערנאך ווי הערצל האט מצליח געווען ביי די פראטעסטאנטישע מושלים און האט זייער סימפאטיע בעקומען, האט ער זיך געסטארעט אז דער ראש פון די קאטהאליקען זאל זיך אויך פריינדליך פערהאלטען. אים 20 יאנואר 1904 איז ער אויפגענומען געווארען פונ'ם שטאאטססעקרעטער מערי דעל וואל. אקעגען די חשש'ן פון דער קירכע האט הערצל איבער־געוויזען אז די בעוועגונג האט נור אַ ריינעם פאליטישען צוועק און האט צוגעזאגט אז מ'וועט די קריסטליכע הייליגע מקומות לאזען פאר זיך און זיי נישט איבערנעהמען. „מיר ווילען נור די וואכע־דיגע ערד פאר אונזער בעדריקט פאלק". מערי דעל וואל האט איהם געגעבען די הבטחה, אז דאס קארדינאלקאלעגיום וועט אין דער זאך חוקר ודורש זיין און האט איהם צוגע־זאגט פועל'ן אנ'אודיענץ ביים פויפס. דער אודיענץ איז געווען אים 20 יאנואר און הערצל האט געפרובט אויף דעם אייגענעם אופן, ווי ביי מערי דעל וואלי צושטערען די חשש'ן פון דער קירכע. דאס האט וואלפזאהן דערצעהלט.

****) שמועס מיט'ן מחבר אין וויען.

*****) „איך פיהל מוך אצינד אזוי שלעכט אז איך קען מיך נישט אבגעבען מיט קיין געשעפטליכע ענינים. איך בין צוריקגעקומען פון באזעל מיט א זעהר נישט אנגענעהמען מצב פונ'ם הארץ". בריעף צו יארק שטיינער פונ'ם 8. 9. 1903.

ביסלעכווייז הייבט אן דאס הארץ, וואס איז פון אייביג אן קראנק געוועז, אבצושטארבען אונטער דער לאסט פון מיה, נסיעות, אויפרעגונגען און שנאות. ס'ווערען וואס אמאל מעהר די אנפאלען און די פריינד קוקען צו מיט צער ווי די קראנקהייט ווערט שלעכטער אין די לעצטע פאר חדשים. אבער אלע בקשות ער זאל זיך שוינען, זענען אומזיסט.

זענען די טענות קעגען הערצל'ן געווען מיט רעכט? האט ער דען אין אמת'ן געוואלט ארץ־ישראל אבלאזען און אין אוגאנדא אויפבויען די יודישע מלוכה?

מ'קען זיינע כוונות מיט דער קלארסטער זיכערקייט ארויסזעהן פון זיין קארעספאנדענץ, אויך פון די בריעף וואס ר'האט געשריבען נאך פאר'ן זעקסטען קאנגרעס.

ווען טשעמבערליין האט צונ'ערשט הערצל'ן געוואלט געבען אוגאנדאַ, דאס לאנד, „וואו ס'וואקסט צוקער און בוימוואל און וואו דער ווייסער מענש קען וואוינען, א לאנד, וואס איז בעסער ווי אואיילס" דעמאלט האט ער זיך ארויסגעוויזען ווי אנ'אמת'ער און געטרייער פריינד פונ'ם יודישען פאלק. ווען מ'זאל געווען אזא פראיעקט מיר נישט דיר נישט אבווייזען, וואלט מען געווען פערגאַלטען פאר גוטסקייט קרענקונג און דערווייל האט דאך דאס לאנד פון נאיראָבו געקענט זיין א הילף אויף א רגע פאר א פאר צעהנער טויזענדער.*) לפחות פאר א טייל פון אט דער פערהונגערטער צוטרעטענער מאסע, וואס ר'האט געזעהן אין רוסלאנד.**) און זיי —

---

*) בריעף צו נארדוי פונ'ם 1903 .7 .19

**) אין דער פתיחה פון דער זיצונג פונ'ם א. ק., וואס איז געווען 15-11 אפריל 1904 אין וויען און אין וועלכער מ'האט זיך געזאלט איבערבעטען, האט הערצל געזאגט לויט דעם סטענאגראפישען פראטאקאל:

„מיין דעה אין דעם ענין איז פריהער און אצינד די אייגענע, אז מיר האבען נישט קיין רעכט אזא פראיעקט פשוט אבצוזאגען, אוועקצוווארפען איידער מיר האבען נאך געפרעגט דאס פאלק צי ס'וויל צו נישט. דעם אנטראג וויל איך נישט רופען מיט דעם נאמען „נאכטסטאנציע", וואס מ'האט שוין אקעגען דעם אזויפיעל גערעדט, נור איך זאג: „דאס איז אַ שטיק ברויט".

איך האב אפשר אַ שטיק קוכען צו עסען, אבער איך האב נישט קיין רעכט אבצווויזען דאס שטיק ברויט וואס מ'וויל געבען די ארימע לייט, דערפאר ווייל איך ווייל עס נישט אדער בעדארף עס נישט. איך וועל אפשר נתפעל און בעגייסטערט ווערען, אז מ'וועט אין עלענד און הונגערנויט פאר־וועגען אידעאלע שטרעבונגען ענפערן: ניין, מיר ווילען דאס ברויט נישט. אדער איך בין מחויב צו פרעגען. דאס איז מיין דעה, אז דאס איז געווען און איז אונזער חוב, און דערביי בלייב איך. און אויף דעם דרך, וואס איך האלט איהם פאר שטרענג געזעצליך און וואס איז נישט קיין אויטאקראטיע אדער טון מיט אייגענעם כח, נור אדרבא אין גאנצען פאר'ן יושר פונ'ם פאלק און פון דער גערעכטיגקייט — אויף דעם דרך בין איך געבליעבען און אלע מיינע מעשים וועלען דאס בעווייזען".

מיינט הערצל — וועלען ווערען אויסגעאיבטע פלאנצערס מיט דיסציפלין פאר דער רגע, ווען ס'וועט קומען דער טשארטער אויף ארץ־ישראל. און נאך איין טעם האט איהם צוגעצויגען: דאס איז געווען די ערשטע פעלקעררעכטליכע הסכמה פאר'ן רעיון פונ'ם יודען־שטאאט, און דער ציוניזם האט בעקומען אנ'ערנסטע צושטימונג פון א גרויסער מלוכה, אז ער איז א „כוח, כדי א מדינה צו שאפען".*) ווען ענגלאנד זאל געווען געבען דעם טשארטער אויף דעם לאנד נאירָאבי, וואלטען דאך געקענט אויפקומען טשארטער־חברות אין ארגענטיניען, אמעריקא, און אפשר אויך אין טריפאליס.**) א גרויסע צאהל פון אזעלכע חברות וואלט געקענט לייכטער מאכען די צוקונפט***) דערמיט וואלט מען געשאפען א שורה פון „נעסטען און כח־סטאנציעס" וואו מ'וואלט צוגעגרייט די עמי־גראציע קיין ארץ־ישראל. מ'וואלט נישט מעהר בעדארפט מורא צו האבען טאמער וועט מען נישט מצליח זיין מיט דער גרויסער קאלא־ניזאציע, וויל מ'וואלט געקענט בעזעצען אין ארץ־ישראל די אויס־געאיבטע קאלאניסטען, וואס האבען זיך אויך עפיס א פערמעגען דערצאיבעט. א פערקעהרט ענגלאנד אין א קליינעם פארמאט. „אט דער היסטארישער אנהויב מיט מזרח־אפריקא איז פאליטיש א ראשון־לציון"****) אבער דאס ציעל פון אלע מעשים איז געבליעבען ארץ־ישראל. קיין איינציג מאל האט עס הערצל נישט געוואלט פער־לאזען אפילו מיט איין מחשבה, און ס'איז אויך נישט פארהאן געווען קיין סבה ער זאל טון די עולה. ווי מ'האט דערוויטערט רוסלאנדס התנגדות אין קאנסטאנטינאפעל האט מען אוועקגענומען א גרויסען עכוב. אויפ'ן ארט פון התנגדות איז געקומען אונטערשטיצונג און דאס איז געווען א גרויסער שריט ווייטער. און דעם סולטאן האט מען געקענט ווארפען דעם ענגלישען פראיעקט אין דער אנדערער וואג־שאל פונ'ם משא ומתן. מ'האט געקענט זאגען אבדול חמיד'ן, אז

---

*) בריעף צו נארדוי פונ'ם 1903 .7 .19

**) הערצל האט טאקי געשמועסט מיט'ן קעניג פון איטאליען מכח א יודישען ישוב אין טריפאליס, אזוי אויך מיט'ן מיניסטער פון אויסערן, טיטאָני. דאס האט דערצעהלט דער רב ראש, פון פלארענץ דר. מררגאָליעס.

***) „אונזער וועג קיין ציון וועט מוזען זיין געפלאסטערט מיט טשארטערס". בריעף צו נארדוי פונ'ם 1903. .7 .19

****) בריעף צו נארדוי פונ'ם 1903 .7 .13

מ׳קוקט נישט מעהר ארויס אויף איהם *) און אז פאר דער פינאנציעלער הילף פערלאנגט מען א גרעסערען שכר, ווי א פער־שפרייטע קאלאניזאציע: מ׳פערלאנגט דעם טשארטער פאר ארץ־ישראל.

אבער חאטש אוגאנדא האט מען נישט געקענט בענוצען, ווייל די קאמיסיע האט נישט געבראכט קיין גוטע ידיעות, האט מען פונ־דעסטוועגען אבגעגעבען א דאנק דער ענגלישער רעגיערונג און מ׳האט געקענט פּהובען, דערמיט וואס מ׳האט געוויזען וויפיעל די עקספעדיציע האט געקאסט, אפשר וועט מען קענען אצינד פועל׳ן דאס נילוואסער פאר פעלוזיום.

דאס איז געוועזען הערצל׳ס פּלאן פון אנהויב ביז׳ן סוף. רמזים פון זיינע געדאנקען האט ער גענוג געגעבען אין זיינע רעדעס אויפ׳ן קאנגרעס, אין בריעף, אין די רעדעס פאר די לאנדסמאנשאפטען און פאר אזויגערופענע „ניין־זאגערס״. אבער זיינע בריעף, — דער־הויפט די צו נארדוי׳ן נאך פאר׳ן קאנגרעס — און זיינע פריוואטע ווערטער צו די פריינד, פאר׳ן קאנגרעס, בשעת איהם און נאך איהם, זיי לאזען אוודאי שוין נישט צו קיין איינציגען ספק.

די אפאזיציע האט נישט צוגעלאזט, אז ס׳זאלען אויסגעפיהרט ווערען די אלע מחשבות. נאך אין מיטען נאוועמבער טוט די ענגלישע רעגיערונג גרינבערג׳ן צו וויסען, אז זי קען נישט ווייטער בלייבען ביי איהר פראיעקט, דערפאר, ווייל מ׳איז אין ציוניסטישע קרייזען קעגען דעם. אויפ׳ן ארט פון דעם וויל זי געבען דאס טאנאלאנד און מ׳וויל עס נישט אננעהמען. הערצ׳ל האט בדיעה, אין דער פארם פון א בריעף צו סיר פראנסיס מאנטעפיארע, דעם פּובליקום צו וויסען צו געבען, אז דער משא ומתן האט זיך צושלאגען; מ׳האלט אנ׳עצה איבער דעם אינהאלט פון דעם בריעף אהין און אהער. דערווייל זאגט גרינבערג אים 16. דעצעמבער צום מיניסטעריום פון אויסערן, אז מ׳האפט אז זיי וועלען צוהאלטען זייער הבטחה. דערפאר קען הערצל נישט ארויסגעבען דעם פריהער דערמאנטען בריעף אין גאנצען, ווייל מ׳מוז זיך היטען, ס׳זאל נישט אויסזעהן צוויי־פנימ׳דיג. און אויך די שאס אינ׳ם זאל שאררא לאזען נישט צו, אבצוגעבען אנ׳עפענטליכע ערקלערונג, ווייל הערצל האט מורא, די לייט וועלען זאגען, אז ער האט דעם פראיעקט נאכגעלאזט פאר שוואכקייט, דורך

*) אין אמת׳ן האט מען נאך אין דער ערשטער העלפט ווינטער 1903 פעסט געארבייט אין קאנסטאנטינאפאל.

דעם אטענטאט.*) פאר די אלע טעמים קען מען נישט עפענטליך ארויסזאגען, אז מ׳לאזט אב דעם אוגאנדא־ענין, און אלע השתדלות׳ן פון הערצלען זענען נור דרויף, אז מ׳זאל מאכען א בייט אויף דעם נילוואסער.

און אזוי ציהט זיך די אומגליקליכע מלחמה מיט די ניינזאגערס אלע ווייטער, און די מענשען ווערען וואס אמאל היציגער. קודם־כל לייד הערצל אליין שרעקליך פון דעם אלעמען.

ווי די כארקאווער דעפוטאציע איז געקומען קיין וויען, וויל ער קורץ און שארף בכלל נישט ענפערן אויף די פראגען פונ׳ם אולטימאטום און „מיט כח זעצט ער טאקי זיי אליין אויף דער באנק פון די בעשולדיגטע.״ ער בעווייזט זיי, אז ר׳האט נאך נאוועמבער אין עדלאך געוויזען איינעם פון די כארקאווער א בריעף צו פלעווען, וואס איז געשריבען געווארען נאכ׳ן קאנגרעס, און אין דעם בריעף רעדט ער פון א פאליטיק „פאר ארץ־ישראל און טאקי נור פאר ארץ־ישראל״, און ער האלט עס פאר א גרויסען טעות צו מיינען, אז מזרח־אפריקא — וואס מ׳האט עס גאר דערוייל נאכגעלאזט — מאכט די בעוועגונג שוואכער. אדרבא, ס׳מאכט זי נאך שטארקער, ווייל עס דערציעהט קאלאניסטען און ס׳מאכט בעסער דעם אויסערליכען מצב. קיין שום זאך האט איהם נישט געקענט אזוי דעם מוט אוועק־נעהמען און אזוי קרענקען, ווי אז מ׳האט געמיינט, מ׳מוז איהם ערשט ווארענען צו האלטען דאס באזעלער פראגראם. „איהר זענט די גראקכען, וואס בעקלאגען זיך איבער דער רעוואלוציע.״**)

אזוי האט געמוזט די דעפוטאציע ווידער אוועקפאהרען פון וויען. צום סוף האט מען ערשט שלום געמאכט אין די טרויריגע אינערליכע מחלוקת ביי דער זיצונג פונ׳ם גרויסען א. ק. אים 11—15 אפריל 1904. פינף טעג דויערן די הייסע וכוחים. זיי לאזען זיך אויס מיט א שלום. און אלע נאכאמאל און נאכאמאל פערלאנגט מען הבטחות פון הערצל׳ן, אז ער וועט ארץ־ישראל נישט נאכלאזען און ראיות, אז ער ארבייט דערפאר. ער ענפערט מיט געדולד, כאטש ער ווייסט אז ער האט אונטער זיך א גרויסען רוב, און ער רעדט אויף אזא גוטען אופן, ווי ס׳קען נור רעדען דער דאזיגער וואס איז פון

*) בריעף צו נארדוי, פונ׳ם 30. 1. 1903
**) סטענאגראפיש פראטאקאל פונ׳ם 6. 1. 1904

אויבען: „איך בין שטארקער ווי איהר", זאגט ער, „דערפאר וויל איך מיך איבערבעטען, ווייל איך ווייס: אויב מיר וועלען מחלוקת פיהרען, וועל איך האבען דעם נצחון". *) דערנאך גיט ער נאך אב א ודוי — וואס איז טאפעל חשוב, ווייל ס'איז געווען זיין לעצטע: „קיינער וואלט מיר נישט געקענט פארהאלטען, אז איך האב אויפ־געהערט צו זיין געטריי דעם ציוניזם, ווען איך זאל געווען זאגען: איך געה קיין אוגאנדא. איך האב מיך מיט אייך בעקענט ווי א יודענשטאאט־מענש, איך האב אייך איבערגעגעבען מיין וויזיטקארטע: „הערצל, יודענשטאאט־מענש". אין דער גאנצער צייט האב איך אבער א סך צוגעלערנט, כ'האב מיך בעקענט מיט די יודען. צומאל איז עס געווען א תענוג. איך האב אבער אויך צוגעלערנט, מיינע הערען, דער־קענען אז דער ענפער אויף אונזער פראגע ליעגט נור אין ארץ־ישראל. אין מיין ביכעל „דער יודענשטאאט" האב איך געוואלט האבען א שטיק לאנד. כ'האב געזאגט: „ארץ־ישראל אדער ארגענטיניען". איהר זאלט נישט מיינען, אז דאס איז עפיס א מהיכי־תיתי זאך, ווען איך פיהר פאליטיק אדער דיפלאמאטיע: איך בין נישט קיין מהיכי־תיתי מענש! ביי א טייל וואלט איך געקענט א סך בעליעבטער ווערען, ווען איך וואלט געזאגט: „נישט ארץ־ישראל נור אנ'אנדער לאנד". א רייכער יוד האט מיר אמאל געזאגט: „א מדינה וואלט מיר געפעלען, אבער פארוואס זאגט איהר דוקא ארץ־ישראל? דאס הערט זיך אזוי יודיש". איהר וואלט מיר נישט געווען געקענט געבען אזא אונטערשטיצונג, ווי כ'וואלט געווען א סך מאל בעקומען, ווען איך זאל געווען זיין א מהיכי־תיתי מענש אין די אידעעס. ווען איך זאג אייך, אז איך בין א ציוניסט געווארען און א ציוניסט גע־בליבען און אז אלע מיינע השתדלות'ן זענען נור פאר ארץ־ישראל — אזוי מעגט איהר זיכער זיין און עס מיר גלייבען." **) ער וויל שלום, ס'מעג קאסטען וואס ס'וויל — און ער בעקומט איהם. מ'פעראייניגט זיך אין א רעזאלוציע פון שלום און נאך מעהר: טשלענאוו אליין זאגט ארויס „אז ר'איז גליקליך וואס ר'האט זיך איבערגעצייגט אז דאס א. ק. און זיין פרעזידענט בעמיהען זיך אין ארץ־ישראל צו ארבייטען מיט א פלאן, מיט ענערגיע און חכמה." מיט ווארימע

*) סטענאגראפיש פראטאקאל ז. 477.

**) סטענאגראפיש פראטאקאל ז. 472/73.

ווערטער רעדט ער פאר דעם אנטראג, אז מ׳זאל ארויסזאגען דעם א. ק. דאס גרעסטע צוטרויען.

סוף פון דער מלחמה, די ארגאניזאציע איז אויפס׳ניי פער־אייניגט. מיט א רוהיג געוויסען פאהרען אהיים די טיילנעמערס פון דער קאנפערענץ, כדי פון נייעם צו ארבייטען. אבער פאר דעם מאן, וואס האט די בעוועגונג געגרינדעט און פעראייניגט, הייבט זיך אן דער לעצטער שווערער קאמף, א מלחמה וואס צום ערשטען מאל איז ער בעזיעגט געווארען פון א שטארקערען פון זיך.

א פאר טעג פאר דער קאנפערענץ האט נאך הערצל געקענט אויפשטייגען אנדערטהאלב שעה פון עדלאך צו דער ראַקס. אויפ׳ן מארגען נאך דער אסיפה דערשרעקען זיך די פריינד ווי זיי זעהען זיין פנים.*) תיכף נאכ׳ן סוף זעהען די דאקטוירים, אז אין זיין הארצמוסקעל איז פארגעקומען א שווערער שנוי צו שלעכטען. פונ־דעסטוועגען קלערט ער נאך צו פאהרען אים 27. אפריל קיין לאנדאן, אבער ער קען שוין נישט. אים 3. מאי פאהרט ער קיין פראנצענס־באד, כדי דאס הארץ צו קוריערען. דאס הארץ, וואס איז יאהרענ־לאנג געמאטערט געווארען פון אנשטרענגונגען און אויפרעגונגען, הערט אלץ מעהר אויף זיין דיענסט צו טון. וואס אמאל קומען מעהר פאר די אנפאלען פון אטעם־שטאקונג און שוואכקייט. און פונדעסטוועגען שוינט ער זיך אפילו אצינד נישט, באם ס׳איז נור פארהאן א שטיקעל האפנונג עפיס אויפצוטון פאר׳ן ציוניזם.

אים 9. מאי קומט צונ׳איהם קאצנעלזאהן, וואס ר׳האט איהם געשיקט קיין לאנדאן, כדי צוצוציעהען א בעקאנטען מענש, און וואס וויל פון דארט פאהרען קיין פעטערבורג. „צו וואס זאלען מיר זיך אבנארען", זאגט ער צונ׳איהם, ס׳האלט שוין ביי מיר נאכ׳ן דריטען מאהל קלינגען, איך בין נישט קיין בעל־פחד און ווארט רוהיג אויפ׳ן טויט, מכל־שכן נאך דערפאר... וואס כ׳האב די לעצטע יאהרען פון מיין לעבען נישט פוסט אבגעפיהרט. איך בין דאך נישט געוועזן קיין גאר שלעכטער דיענער פון דער בעוועגונג, מיינט איהר נישט אזוי?...

ס׳איז שוין נישטא קיין צייט אויף הלצות. ס׳איז זייער ערנסט.**)

*) „איך בין אין די פאר חדשים געווארען א מיעדער מענש." אזוי באקלאגט ער זיך פאר׳ן מחבר אים 11 אפריל אונטער פיער אויגען; ביי דער זיצונג אבער האט זיך געדוכט אז ער איז גאר נישט אנדערש.

**) כפי קאצנעלזאן דערצעהלט, האט הערצל אין דעם שמועס געזאגט, אז נארדוי בעדארף צו זיין דער ממלא־מקום פון איהם.

אויפ׳ן אנדערען פריהמארגען׳ ארום האלב 7 א זייגער׳ איז ער געקומען אינ׳ם צימער פונ׳ם פריינד און האט געהאלטען א גרויס מאנוסקריפט אין דער האנד׳ דאס איז געווען א מעמאראנדום פאר פעטערבורג׳ דער טויטקראנקער הערצל האט דערביי די גאנצע נאכט געארבייט און פאריכט און האט אין גאנצען פערגעסען אן דעם שלאף. „אזוי ווילט איהר געזונד ווערען? דאס איז אייער קור?" זאגט צונ׳איהם קאצנעלזאהן בייז. „יא׳ מיין פריינד׳ איהר האט דאך נעכטען געזעהן׳ מיר האבען שוין נישט קיין סך צייט צו פערליערען׳ די לעצטע וואכען אדער טעג — מיר מוזען זיך איילען!"

אין זיינע בריעף צום ווייב און די קינדער ווערען נאך פערטאפעלט די דאגות פאר זיי און דאס צערטליכקייט צו זיי׳ אבער אלץ לוסטיג און פרעהליך׳ זיי זאלען נישט זיין צו שטארק פערזארגט וועגען איהם׳ נאך דער לאנגער מלחמה זאל מען זיך אצינד צוגעהן אין שלום׳

אהן א בעסערונג קומט ער צוריק קיין וויען׳ די וועהטאגען ווערען שטארקער און די כחות לאזען זיך אויס׳ א קור פון ליעגען העלפט אויך ווענינ׳ אים 3׳ יוני פאהרט ער מיט זיין פרוי און מיט קרעמענעצקין קיין עדלאך׳ וואס ר׳האט שטארק ליעב געהאט. איידער ער פאהרט אוועק פון דער היים׳ שפרייט ער אויף זיינע בריעף אינ׳ם שרייבטיש א בויגען פאפיער׳ וואס אויף איהם שטעהן די ווערטער: In mide of live come the death. (אין מיטן לעבען קומט דער טויט). די דאקטוירים אינ׳ם עדלאכער הויף דערזעהן׳ אז מ׳ברענגט זיי א שטארבענדיגען מענשען אין דער פרישער לופט פון די בערג און אדאנק דער גוטער השגחה פון זיין פרוי׳ וואס איז מיט מסירות נפש ארום איהם געגאנגען׳ איז איהם אומגערעכט א ביסעל בעסער געווארען׳ אויף א קורצער צייט׳ ער הייבט אן אויפס׳ניי צו ארבייטען שרייבט בריעף און בעקומט נייעם מוט צום לעבען׳ מ׳קלערט אפילו׳ אז ער זאל פאהרען קיין האמבורג׳ כדי צו פרובען א נייע קור׳ אבער מיט דער בעסערונג האט מען זיך אפגענארט׳ דורך די הכנות צו דער נייער בעהאנדלונג אדער דורך א פערקיהלונג׳ בעווייזט זיך אים 1׳ יולי א בראנכיטיס־קאטאר׳ וואס פון איהם מאכט זיך דערנאך א לונגען־ענצינדונג׳ הערצל זעהט קלאר זיין מצב׳ ווי ס׳איז צונ׳איהם געקומען איינער א קריסטליקער פריינד פון ציון׳ זאגט ער צונ׳איהם: „גריסט מיר ארץ־ישראל׳ איך האב מיין בלוט אוועקגעגעבען פאר

מיין פאלק." מיט אומגעדולד בעט ער, מ'זאל איהם ברענגען זיינע יונגערע קינדער און זיין מוטער, וואס ביז אצינד האט ער נישט געוואלט, אז זיי זאלען געוואהר ווערען זיין אמת'ן מצב. אים 3. יולי אין דער פריה הייבען אן די לעצטע כחות אויסצוגעהן. ער נעמט ביים דאקטער דאס עהרענווארט, אז ר'וועט איהם נישט לאזען שטארבען, איידער זיינע קינדער און מוטער וועלען אנקומען. און אצינד הייבט זיך אן א פערצווייפעלטע מלחמה צווישען איהם און דעם בעזיגער פון אלע מענשען. אין דער יולי־היץ, איינגעפאקט אין טיכער און אין קאלדרעס, בעקומט ער כסדר מיטלען צום שטארקען און איינשפריצונגען פון קאַנפער. דערביי הערט מען נישט פון איהם אפילו א קול פון בעקלאגען זיך: אין די צרות, אין דעם פער־שטאקטען אטעם איז ער פרעהליך; זיין אייזערנער רצון לאזט אפילו דעם טויט נישט צו. ווי די מוטער איז סוף־כל־סוף געקומען דערהויבט ער זיך מיט א איבערמענשליכען כח, שטעלט זיך גלייך אויף און זאגט צו נ'איהר: „דאס איז שעהן, ליעבע מוטער, וואס דו ביזט שוין דא. דו זעהסט גוט אויס; איך זעה נישט אזוי גוט אויס אבער ס'וועט שוין בעסער ווערען." ווי ר'האט געקושט זיין מוטער און זיינע קינדער, שיקט ער זיי ארויס — און ער פאלט אנידער אהן כחות. אפילו אין אזא רגע איז ער געווען פול אכטונג אויפ'ן אנדערען, פול צארטען געפיהל, בעהערשונג פון זיך. נאך איין מאל זעהט ער זיין חבר'טע פונ'ם לעבען און א פאר פריינד. ארום פינף א זייגער נאכמיטאג דערהערט דער דר. ווערנער, וואס האט זיך מיט איהם אבגעגעבען, פלוצלונג א טיעפען קרעכץ. טהעאדאר הערצל'ס קאפ פאַלט אראב אויף דער ברוסט — דער גרעסטער און טייערסטער זוהן פון אונזער פאלק איז אריבער אהן דעה אויף יענעם עולם פון שלום, וואו ס'איז נישטא מעהר קיין מלחמות און קיין נויט, נישטא קיין רודפים און קיין גערודפ'טע. „גאט צובריכט אליין די כלים, וואס ר'האט זיך מיט זיי בענוצט", אזוי האט ער אמאל געשריבען, און ס'איז דערפילט געווארען.

* * *

אים 7. יולי איז טהעאדאר הערצל געבראכט געווארען אין וויען צו קבר ישראל, ביי דער לויה זענען נאכגעגאנגען א סך טויזענדער

ווײנענדיגע מענשען׳ אין א ארימען ארון׳ נישט פערפוצט׳ ווי ער האט געוואלט׳ איבער זײן גוף האט מען נור פערשפרײט די שווארצ־בעדעקטע בלױ־װײסע פאהן׳ וואס פאר איהר האבען זיך אמאל געבוקט די פאהנען פונ׳ם שװײצער צוג׳ די פאהן׳ וואס ער האט זי געהאלטען מיט אנ׳אײביגער געטרײשאפט און וואס פאר. איהר כבוד און רײנקײט האט ער זיך אלײן מקריב געװען׳

ער רוהט אויפ׳ן שטילען בית־עלמין אין דעבלינג לעבען זײן פאטער יעקב׳ ווי ס׳איז געווען זײן לעצטער רצון; ביז מ׳וועט איהם אריבערפיהרען אין דעם לאנד פון דער האפנונג און פון פרײהײט׳ וואס ר׳האט דערפאר געקעמפט אין דער היים פון די אבות׳

* * *

מיר האבען אינ׳ם אנהײב פון דעם ביכעל געוויזען׳ אז אונזער פאלק האט געפונען אין הערצל׳ן א אידעאלע צורה׳ וואס ווערט דורך איהר בעגײסטערט און דערצױגען: און אז די יוגענד וויל זיך מיט התלהבות קונה זײן זײנע אײגענשאפטען׳ און אצינד׳ צום סוף פון אונזער וועג׳ פרעגען מיר: פארוואס האט זײן פאר־שוינליכקײט געהאט דעם כח צונ׳אזא געוואלטיגער פעולה? הערצל׳ כפי ער לעבט אין דער היסטאריע׳ איז א מענש מיט וואונדערליכע גוטע אײגענשאפטען׳ אבער דאס אלײן איז נאך נישט גענוג׳ כדי מיר זאלען פערשטעהן פון וואנען ס׳נעמט זיך׳ אז ער לעבט טאקי אמת׳דיג אין א יעדען פון אונז׳ אז ער האט געפונען אין יעדענס געדאנקען און געפיהלען א קלײן שטיל ווינקעלע׳ וואו ער ארבײט און שאפט׳

די אידעאליסטען זאגען׳ אז דער העלד האט אין זײן האנט דעם גורל פון די פעלקער׳ די מאטעריאליסטען קלערען׳ אז די עקאנאמישע סבות פיהרען די וועלט־געשיכטע׳ אין אמת׳ן זענען בײדע נישט גערעכט׳ אהן סאציאלע סבות איז טאקי נישט פארהאן קײן בעדערפעניש עפיס אויפצוטון׳ און ס׳פעהלט אויך נישט אב דער מענש וואס זאל אויפטון׳ דאס הײסט: ס׳פעהלען דעם „העלד״ די מיטלען׳ ווי ארום ער זאל קענען ארויף אויף דער ביהנע פון דער וועלטגעשיכטע׳ אבער אהן דעם מענש׳ וואס איז בכח עפיס אויפ־צוטון׳ טרעפט זיך א סך מאל׳ אז דער שטראם פון די געשעהנישען

ווערט פערשיט און אויפ׳ן ארט פונ׳ם קאכענדיגען צוגעגרייטקייט פון דער צייט קומט ווידער א פוסט פעהלען פון א רצון און א אונטערגעבן זיך.

דערפאר טאר מען נישט מיינען, אז די גרויסע מענער שאפען נור עפיס אזוי ווי שלוחים פון די מאסען. אדרבא, זייער אייגענע צורה גיט אויך דעם נישטקלארען בענקעניש פון די מאסען דייטליכע פארמען. אבער די מאסען זענען דאס נויטיגע מאטעריאל, אט דאס אינאיינעם־ארבייטען, דאס איז דער היסטארישער פראצעס פון דער געזעלשאפט.

ווי הערצל איז ארויסגעקומען איז זיין צייט געווען פארטיג פאר איהם, און ער האט זי אנגעפולט מיט זיין געוואלטיגען רצון. ער האט נישט געהאט אונטער זיך קיין הארמאטען און קיין שטארקע חילות, נישט קיין געלערנטע דיפלאמאטען. איהם האט נישט קיין קלינגענדיגער נאמען געעפענט די טירען פון די מושלים, און די פעסטונגען פון די געלד־מושלים זענען פאר איהם געבליבען פער־שלאסען. גאנץ אליין האט ער געמוזט וואנדערן אויף זיין שווערען וועג, אינערליך אליין, אזוי ווי יעדער אמת׳דיגער גדול פון דער פאלקסנשמה מיט איהרע שטארקע און גוטע אייגענשאפטען, זיין כשר׳ע מסירות־נפש, זיין אייביגער אפטימיזם, זיין געוואלטיגער כח צו ארבייטען און זיין עקשנות, זיין שטארקע אמונה אין דער צוקונפט פונ׳ם פאלק און בעיקר דאס אינערליכע געפיהל אז ר׳איז דערצו אראבגעשיקט געווארען — אט דער סך הכל פון די אלע זייטען אין זיין נשמה איז נור א פערקערפערונג פונ׳ם גוטען תוך פונ׳ם גאנצען פאלק. ער איז גרויס געווען ווי געטהע האט אמאל געזאגט, „נישט בירושה, נישט דורך מזל, נישט דורך כח נור דורך דעם וואס איז אין איהם געלעגען און וואס ליעגט אויך אין אלץ.״ מיר האבען דאס געפיהלט און דערפאר האט ער מיט אזא גרויסען נאטור־כח צוגעצויגען אונזערע הערצער.

טהעאדאר הערצל איז נפטר געווארען, געשטארבען אין דער ליעבע צו זיין פאלק, געפאלען אין דער מלחמה, ווייל פאר זיינע גרויסע מחשבות זענען נישט פארהאן געווען קיין מיטלען אויס־געפיהרט צו ווערען. אבער דער הערצל, אין וועלכען מיר האבען זיך אליין געזעהן הויך דערהויבען און וואס אין איהם האט זיך

געשפּיגעלט דער סימבאָל פונ׳ם יודענטום אין שפּעטערע צייטען — דער הערצל לעבט און האָפט דערפאַר, אַז מ׳וועט אויספיהרען מיט א נצחון. ער לעבט ווי אַנ׳אויסדרוק פון זיין רצון, וואָס איז אויך אונזער, ווי אַ אמת׳ער געטרייער עדות, אַז דאָס יודענטום וויל לעבען און בלייבען געטריי צו זיך אליין. ער איז געוואָרען די פאַהן, פון וועלכער ער האָט געזאָגט צום באַראָן הירש: „מיט איהר פיהרט מען די מענשען, אַפילו אין געלויבטען לאַנד אריין.״

אנהאנג

מיר ווילען דא געבען א פאר כתבים בנוגע צו הערצל'ן און צוועלף פון זיינע בריעף. ס'רוב פון די כתבים בעדארפען נישט קיין פירוש. נור וועגען דעם פעריין „מיר" איז כדאי צו בעמערקען, אז זיי זענען כאראקטעריסטיש, ווייל פון די תקנות און דעם הויז־שטאטוט ווייזט זיך שוין ארויס דער שפעטערדיגער פרעזידענט פון די קאנגרעסען. כאטש זיי זענען קינדיש, איז שוין אין זיי פארהאן סימנים פאר זיין שפעטערדיגען כאראקטער און זיינע מעשים.

פון די בריעף זאל מען ארויסזעהן, ווי הערצל האט זיך מתנהג געווען אקעגען די פערשיעדענסטע מענשען און קרייזען. א בעזונ־דערע זאמלונג פון די בריעף וועט נאך ארויסקומען.

בריעף

צו גוסטאוו ג׳ כהן האמבורג׳ *)

1׳ סעפט׳ 96׳

זעהר געעהרטער הער׳

א שעהנעם דאנק פאר אייער ביכעל׳ ס׳וועט מיר הנאה טון׳ אייערע געדאנקען׳ וואס האבען מיך נאך דערפרייט אינ׳ם מאנוס־קריפט׳ אבגעדרוקט צו ליינען׳

כ׳האב איבערגעגעבען מיין פריינד זאנגוויל אייער גרוס׳ בשעת ער איז אין לאנדאן געזעסען נעבען מיר אויפ׳ן באנקעט׳ וואס דער מכבים־קלוב האט געמאכט מיר לכבוד׳

לאזט אייך נישט אבנארען דורכ׳ן שוויגען אדער קליינער־מאכען פון די צייטונגען׳ דער רעיון געהט ווייטער זיין וועג! וואו ער פאלט נאר אריין אין די מאסען׳ צינד ער אן׳ דערווייל ארבייט איך „אויבען״׳ ד׳ ה׳ אין די רעגירונגס־קרייזען׳

פון קאנסטאנטינאפעל׳ וואו מ׳האלט פון מיר׳ האב איך בע־קומען פאר א פאר טעג גוטע ידיעות׳ די זאך וועט זיך אוודאי אזוי מאכען׳ אז איך וועל פלוצלינג קומען צו דער וועלט מיט א פארטיגען ענין און דערנאך פרעגען: ווער געהט מיט?

ס׳איז א געוואלדיג ווערק׳ וואס דערפאר האב איך צונ׳ערשט געהאט שפאט׳ אצינד האב איך שנאות און שפעטער וועל איך נאך האבען אומדאנק׳ אבער איך בין שטארק ביי מיר און איך טו עס אין אמת׳ן נור דערפאר׳ ווייל כ׳מוז עס טון פון מיין אינערליכען צורך׳

כאטש כ׳ענפער נישט אויף אלע אייערע פריינדליכע בריעף׳ טון זיי מיר דאך אלע אן גרויס הנאה׳

מיט ציונסגרוס

אייער איבערגעגעבענער

טה׳ הערצל׳

---

*) דער בריעף געפינט זיך ביי פרוי חנה כהן אין האמבורג

צו שמואל פינעלעס אין גאלאץ.*)

וויען 9, בערגגאס 6.

18. 1. 97.

הויכגעעהרטער הער!

אייער בריעף האב איך געלייענט א פאר מאל מיט גרויס אינטערעס. ס'פערשטעהט זיך, אז איך קוק מיך צו מיט'ן גרעסטען אויפמערקזאמקייט צו די ענינים אין רומעניען און איך דאנק אייך פאר די ידיעות וואס כ'האב ביז אצינד נאך נישט געהאט. ס'ווייזט מיר אויס, אז איהר האט מיינע פערעפענטליכונגען (רעדעס אין לאנדאן, און אין אנדערע ערטער) נישט געלייענט. איך לייג אייך דא צו די לעצטע, אין אמת'ן איז דאס שוין נישט די לעצטע, וויל אין „דזואיש ווערקענגמען קלוב" אין לאנדאן איז אייערנעכטען אבגעהאלטען געווארען א גרויסער מיטינג און כ'האב דארט געלאזט אבגעבען ערקלערונגען, אמבעסטען וואלט געווען איהר זאלט כסדר ליינען די „דזואיש ווארלד" (8 South Street, Finsbury), וואס אהין שיק איך אריין אלע ידיעות.

אין אייער בריעף געפין איך גרויסע טעות'ן ווען איהר שמועסט פון נישט־רומענישע ענינים, און דוקא א מאן, וואס איהר רעד פון איהם מיט גרויס דאנק און פערעהרונג, ער טוט וואס ס'לאזט זיך כדי צו שאדען דעם יודיש־נאציאנאלען פלאן. ס'איז טרויריג. אין מעהר פרטים קען איך מיך אצינד נישט ארייגלאזען.

אייערע אידעען פון א לאטעריע און אנדערע אופנים פון געלדזאמלען קען איך נישט אננעהמען, איך לפחות קען נישט און וועל מיך נישט אבגעבען מיט אזעלכע זאכען, אונזערע געגנערס טראכטען שוין אהן דעם גענוג בלבולים אויס אויף אונזער בעוועגונג.

אמת, ס'איז שווער צו פיהרען א גרויסע אגיטאציע אהן געלד, אבער ס'מוז אזוי געשעהן און ס'געשעהט. איך קען אייך צו וויסען טון די גוטע בשורה אז אונזער בעוועגונג פערשפרייט זיך אויף דער גאנצער וועלט און איהר כח וואקסט.

איהר ווייסט דאך מסתמא, אז איך בין קעגען דער אינפיל־טראציע אין ארץ־ישראל — מיר וואלטען דארט נור נייע ארמעניער בעזעצט, וואס מ'קען זיי שלאגען יעדן טאג.

*) געפינט זיך ביי איהם.

ניין, מיין פלאן איז פשוט: קודם־כל פערזאמלען דאס יודישע פאלק אין זייערע איצטיגע וואוינערטער אונטער דער נאציאנאלער פאהן און מיט די גרויסטערקען אבשליעסען א פערטראג מכח אנ׳אויטאנאמיע נאך א י י ד ע ר די יודען וואנדערן אריין — און דערביי וועלען מיר אוודאי נור חשובע האפטונגען אנגעהמען.

דערצו האב איך געמאכט די הקדמה אין יוני, בשעת כ׳בין געוועזן אין קאנסטאנטינאפעל.

אז איהר ווילט פון מיר האבען א פאראָל פאר די „חובבי ציון״ אין רומעניען, איז ער דער:

ארגאניזירט אייך, זאמעלט כחות און זייט צוגעגרייט. פערשפרייט איבער רומעניען א נעץ פון איינצעלנע פעריינען, וואס זאלען זיין צענטראליזירט ביי אייך אין דער האנד. פיהרט איין די וואנדער־אגיטאציע אויף פערשיעדענע מקומות, פערשרייבט די נעמען פון אלע אונזערע גענאסען און גיט מיר ידיעות פון צייט צו צייט.

באם איהר ווילט אייך שטעלען אונטער מיין פיהרונג אזוי ווי די ציוניסטען פון אנדערע לענדער — אזוי וועל איך אייך, ווי ס׳פערשטעהט זיך, פון אלע וויכטיגע זאכען צו וויסען טון.

מיט ציונסגרוס, אייער

טה. הערצל.

צו ווילי באמבוס אין בערלין *)

24 · 4 · 97·

זעהר געעהרטער הער!

איך האב געלייענט אייער ריכטיגשטעלונג, וואס איהר ווילט שיקען אין די יודישע צייטונגען, און איך קען זי גארנישט פערשטעהן. דאס וועט דאך זיין פשוט א אבלייקנונג אויף די ידיעות וואס איך האב פאנאנדערגעשיקט מיט אייער וויסען. דערפאר מוז איך אייך זעהר בעטען אייערע בעמערקונגען צוריקצורופען, אדער איהר זאלט שרייבען — און אז ס׳איז נישטא קיין צייט — טעלעגרא־פירען צו די אלע צייטונגען, וואו אייער בריעף איז נאך נישט אבגעדרוקט געווארען — אז מ׳זאל איהם נישט דרוקען; אדער איהר זאלט (באם אייערע „בעמערקונגען" האבען זיך שוין אבגע־דרוקט) ארויסגעבען נאך א בעמערקונג, אין וועלכער איהר זאלט בפירוש ארויסזאגען, אז איהר האט נישט געוואלט מיינע ידיעות מכחיש זיין.

באם איהר וועט עס נישט טון וועל איך עס מוזען טון, און איהר מעגט מיר גלייבען, אז איך וועל עס טון מיט גרויס צער, ווייל דאס וואלט געווען דער סוף פון אונזער בשותפות׳דיגער ארבייט. איך האב פון דער הילף, וואס אייער אינטעליגענץ קען אונז ברענגען, אזוי פיעל געהאלטען, אז ס׳וועט מיר באמת זעהר שווער זיין, מיך פון אייך צו צושיידען.

דורך אייער ערקלערונג וועלען די שלעכטע מענשען בשום אופן נישט פערשטומט ווערען, פערקעהרט, דאס וועט נור מאכען א שלעכטען שם פאר׳ן קאנגרעס.

וואס ס׳וועט נישט זיין, דער קאנגרעס וועט אבגעהאלטען ווערען, אלע מסירות און סטוטשקעס, וואס מ׳האט געפרובט טון קעגען קאנגרעס פון א געוויסער, גוט בעוואוסטער זייט, אלדינג וועט גאר נישט העלפען.

בנוגע צו אייך, קען איך גענוג אייער שטארקע געזינונג און געטרייקייט צום רעיון, און דערפאר מעג איך האפען, אז איהר

*) געפינט זיך ביים הערן ראובן כהן אין אנטווערפען.

וועט אייך נישט לאזען אבשרעקען פון א פאר מלחמות קעגען אונז.

אז איך וועל פון אייך בעקומען די געבעטענע צוריקרופונג פון אייער פאנאנדערגעשיקטע בעמערקונגען – וואס איהר האט זיי אוודאי געשריעבן מיט דער בעסטער כונה, דעם קאנגרעס א טובה צו טון – דעמאלט וועל איך גאר גערן קומען קיין פראג, כדי מיך דורכצושמועסען מיט אייך און מיט דר. הילדעסהיימער.

פאר מיר וואלט גוט געווען דאנערשטאג דער 29. אפריל. אנ׳אנדערען טאג וועט עס מיר כמעט נישט מעגליך זיין. אים 29. אפריל נאכמיטאג קען איך זיין אין פראג.

מיט הערצליכען ציונסגרוס

אייער איבערגעגעבענער

טה. הערצל.

צו דר׳ ה׳ הילדעסהיימער אין בערלין. *)

ווין, 9. מאי 1897.

זעהר געעהרטער הערר!

איך פערלאז מיך אויף אייער בעוואוסטען יושר און האף, אז איהר וועט דעם בריעף אבדרוקען אין דעם קומענדיגען נומער פון דער „יודישער פרעססע“. קודם־כל בעשטעטיג איך אייך אצינד, אז איהר האט אייך אבגעזאגט פונ׳ם מינכענער ציוניסטען־קאנגרעס. איך בעדויער שטארק אייער פלוצימדיגען בעשלוס, ווייל ס׳וועט שווער זיין צו בעקומען א ממלא מקום פאר אייער רעפעראט — „דער חוב פון די יודישע צדקה־אינסטיטוציעס אין ארץ־ישראל“ — וואס זאל אזוי קלאר זיין אין דער פראגע ווי איהר. ס׳פערשטעהט זיך אז דער קאנגרעס וועט אבגעהאלטען ווערען, אפילו אז מיר וועלען נישט געפינען קיין רעפערענט פאר דעם טהעמא: „דער חוב פון די יודישע צדקה אינסטיטוציעס אין ארץ־ישראל.“ אט דער קאנגרעס קען שוין בכלל נישט מעהר צוריקגערופען ווערען; דער געדאנק פון אזא אסיפה קען שוין נישט מעהר צו דעם מענשען וואס האט איהם צונ׳ערשט ארויסגעזאגט, אזוי ווי אלע געדאנקען וואס ווערען איבערגעגעבען צום צבור. א סך יודען האבען דעם קאנגרעס אנגענומען, און דערמיט איז די זאך פארטיג. די צוגרייטונגס־קאמיסיע, וואס איז נאך פארהאן, כאטש איהר האט אייך אבגעזאגט פונ׳ם רעפעראט איבער „דעם חוב פון א. א. וו.“, וואס צונ׳איהר קעהרען פון די וויענער חברים דער פרעזידענט פונ׳ם עסטרייכישען ציוניסטען פעריין דר׳ מ. ט. שנירער, פראפעסאר דר׳ קעלנער, דער הויף און געריכטסאדוואקאט דר׳ ע׳ קאקעש, און וואס ארבייט מיט די עצות פון אונזערע פריינד אין קעלן, פאריז, לאנדאן און בהסכם מיט די לאנדעסקאמיטעטען פון גאליציען, רומעניען און בולגאריען — די צוגרייטונגס־קאמיסיע האט אצינד נאך צו טראכטען פאר דער ארדנונג אין די קאנגרעס ענינים. מיר האבען די זיכערע האפנונג, אז דער קאנגרעס וועט זיך שעהן בכבוד אבפיהרען, אז מיר וועלען ברענגען אונזער זאך, וואס איז דאך אויך אייך טייער, אויף א שטיק־

---

*) געפינט זיך ביי הערן דר׳ ש׳ הילדעסהיימער אין בערלין.

וועגס ווייטער, און די הויפטזאך, אז מיר וועלען דעם קלארען אמת בעווייזען קעגען א סך פערנעבעלטע און נארישע דעות איבער כּוונות פון די ציוניסטען. מ׳וועט אויך אין ווייטערע קרייזען ארויס זעהן, אז מ׳פערזינדיגט זיך קעגען אונזער בעוועגונג ווען מ׳זאגט אויף איהר, אז זי איז נישט מעהר ווי א נצחון־זאך פון בעלי־דמיון (איהר וועט מיר מוחל זיין, וואס איך דערמאן נישט די שטארקערע ווערטער פון אונזערע מתנגדים). איך מיין אז איהר אליין וועט אייך אמת׳דיג פרייען ווען דער קאנגרעס וועט ברענגען אזעלכע רעזולטאטען. אזוי, לפּחות, פערשטעה איך די לעצטע ווערטער אין אייער ערקלערונג פונ׳ם אבזאגען־זיך, וואס איהר זענט פריינדליך מודה, אז ס׳איז „אהן א שום ספק א פעראנשטאלטונג מיט די בעסטע כּוונות”, און וואו איהר האפט פון דער פעראנשטאלטונג — אז מ׳זאל איהר נור געבען אנ׳אנדערע פארם — אז „זי קען ברענגען א אמתדיגע ברכה”. אין דערין האבען מיר, ווי ס׳דוכט מיר, פער־שיעדענע דעות.

אחוץ דעם וואס איך בעדויער אייער אבזאגען זיך, ווייל ס׳וועט דורכדעם פעהלען דעם קאנגרעס א חשוב׳ער כּח, בעדויער איך נאך איין זאך, פון די ווערטער פון אייער ערקלערונג פיהל איך ארויס א שטארקע בעשולדיגונג: „ווייל דער הער דר׳ הערצל צושיקט אלץ, כאטש אלעמען, זיינע ידיעות וועגען דעם קאנגרעס, דערפאר איז דער ארויסגעבער פון דעם בלאט גענויטיגט בפּירוש צו ערקלערען, אז ער האט, ווי ס׳פערשטעהט זיך אליין, קיינמאל נישט אין זין געהאט א חלק צו נעהמען אין א „ציוניסטען”־קאנגרעס, נור ער האט צוגעזאגט צו קומען אין מיטצוארבייטען אין דעם פאל, באם די אסיפה וועט זיך דערמיט אבגעבען אומצורעדען די פערשיעדענע ארבייטען פון די צדקה אינסטיטוציעס אין ארץ־ישראל און בענק פון דער קאלאניזאציע”.

וואס הייסט „כאטש אלעמען”? דער הער באמבוס, וואס איז ביז אצינד געווען א מיטגליעד פון דער צוגרייטונגס־קאמיסיע האט אהן מיין וויסען ארויסגעגעבען אנ׳ערקלערונג וואס שוואכט אב אונזער גאנצע ארבייט, און פון וועלכער ס׳קען זיך דוכטען אזוי ווי „די גאנצע זאך וואלט נאך געווען אויף דער מדרגה פון הכּנות”. איך בין דערפון גאר דערשראקען געווארען און האב געבעטען

דעם הער באמבוס ער זאל נאכאמאל אברופען זיינע ווערטער; איך אליין האב עס נישט געוואלט טון, ווייל איך האב געמיינט, אז ס׳געהט דא נור אין קליינע, איבערפלעכליכע חלוקים. איך האב מיך דאך מיט איהם געזאלט צונויפקומען קיין פראג אים 29. אפריל, כדי זיך צו בעראטען איבער א פאר קאנגרעס ענינים. אבער אים לעצטען טאג האט ער אבגערופען די צונויפקונפט ווייל ס׳איז „נאך צו פריה״. בכל אופן איז מיר נישט איינגעפאלען, אז איהר ווילט אייך אבזאגען, ווייל אייערע טענות האבען זיך מיר נישט אויסגעוויזען קיין פרינציפיעלע. איהר האט געוואלט, אז ס׳זאל הייסען „קאנגרעס פון די חובבי־ציון״ און נישט „ציוניסטען־קאנגרעס״, אין דעם האב איך נישט געקענט געפינען קיין גרעסערען חלוק ווי צווישען blanc bonnet (א הויב וואס איז ווייס) און blanc bonnet (א ווייסע הויב), חוץ דעם איז אייך נישט רעכט געווען אט דאס שטיקעל פון מיינע „דערוויילגיע ידיעות״: „אזוי וועלען די בשותפות׳דיגע בעדערפנישען בעקומען א ארגאן (די ה׳ דורכ׳ן קאנגרעס), ס׳ווערט געשאפען א עיר־מקלט פאר די בקשות און די קלאגען פון אונזערע ברידער. די יודישע ענינים מוזען דערווייטערט ווערען פונ׳ם רצון פון יחידים, זיי מעגען טאקי האבען די בעסטע כונות. ס׳מוז ארויסקומען אנ׳עפענטליך בית דין, וואס פאר איהם זאל א יעדער אבגעבען דין־וחשבון איבער דעם וואס ר׳האט געטון אין דער יודענפראגע. קיין איינציגער מענש מיט יושר וועט נישט זיין קעגען דעם.״

איך בעט אייך, פערשטעהט מיך גוט. איך ברענג נישט די ווערטער מיט אנ׳ערמה, ווייל זיי טויגען מיר צו דער איצטיגער פאלעמיק, נור איך וויל דערמיט בעווייזען, ווי קליין ס׳זענען געווען די חלוקים צווישען אונז, און פארוואס איך האב געקענט האפען, אז איהר וועט אוודאי מסכים זיין צו א זעלכע זאכען וואס פערשטעהען זיך אליין און וואס זענען נור אין אמת׳ן אויסגעקלערט און געשריעבען געווארען פאר דעם פערשטאנד פון פראסטע מענשען. דערצו האב איך געמיינט, אז לפחות ביז צונ׳אונזער צונויפקומען קיין פראג, וואס איהר אליין האט אנגעשלאגען, זענען מיר נאך דעה אחת. און ווען איך האב פון דעמאלט ביז צונ׳אייער ערקלערונג, אז איהר זאגט אייך אב, אז איך האב אין דער צייט די געדרוקטע

„דערוויילינע ידיעות" פאנאנדערגעשיקט אפשר צונ׳א האלב טוץ מענשען, וואס כ׳האב זיי גראד געשריעבען, אזוי דוכט זיך מיר, אז מ׳קען נאך דערפאר נישט שמועסען פון א פאנאנדערשיקען „כאטש אלעמען", ד׳ ה׳ מיט שלעכטע געדאנקען, וואס מ׳קען דערביי מיינען א צושיקען פון א מאסע עקזעמפלארען. אין א פאר פון די בריעף האב איך דוקא דערמאנט די קליינע חלוקים וואס האבען זיך ארויסגעשטעלט. איך פערשטעה די גאנצע זאך אזוי, אז איהר מוזט אייך מיט עפיס רעכנען, מיט וואס איך וועל מיך נישט רעכנען. איך בין דער ערשטער וואס האט דרך־ארץ פאר אייערע בעשלוסען, ווייל איהר זענט א מאן וואס איז בעקענט, אז ער זוכט נישט זיין טובה און ארבייט מיט התלהבות אין יודישע ענינים. מיר ווילען זיך נישט קליינער מאכען איינער דעם אנדערען, כאטש מיר האבען אנדערע דעות אין א פאר ענינים.

(ביז אצינד דיקטירט. פון אצינד אייגענער כתב). דער קאנגרעס ווערט אבגעהאלטען. דאס איז דער עיקר און דערביי וועט עס בלייבען.

מיט גרויס הויכאכטונג אייער גאר איבערגעגעבענער

דר. טהעאדאר הערצל.

צו ד״ר מאנדעלשטאם אין קיעוו.*)

אלט־אויסזעע, שטייערמארק.

18. 8. 1901.

מיין טייערער, גוטער פריינד,

כ׳בין מיך מיעד אנגעלאפען, און די חברה, וואס האט דאס געלד, האט מיך נישט געוואלט אפילו אויסהערען. ס׳וועט מוזען רעגענען מיט שוועבעל און פעך, כדי די שטיינער זאלען ווייך ווערען.

ס׳איז אזוינס נישט געהערט געווארען און אין פופציג יאהר ארום וועט מען די לייט אנשפייען אויף די קברים, ווען מ׳וועט געוואהר ווערען, אז איך בין מיט...**) שוין כמעט פארטיג געוועזן, נור די שמוציגע געלדער זענען נישט געוועזן צו בעקומען. ס׳פערשטעהט זיך אז מיר טארען נאך היינט נישט ארויסזאגען אונזער צער און צארן, ווייל ס׳וואלט אויך... געוואהר געווארען פון אונזער שוואכקייט, און איך מוז מיך בעמיהען איהם אויפצוהאלטען, צו געוואונען צייט, צו צאפּען וואסער פונ׳ם שטיין און ארויסציהען געלד פון דער בלאטע.

ס׳וואלט דאך פאר מיר לייכטער געוועזן היינטיגען טאג אַ סוף צו מאכען און ארויסצוגעבען אַ פראקלאמאציע: אזוי, יודען, איך דער שוואכער זשורנאליסט אהן מיטלען האב די זאך אין פינף יאהר אזוי וויט ארויסגעבראכט, אז מ׳קען שוין מיט... אליין דעם משא־ומתן פיהרען. וואס ס׳האט זיך געווענד אן מיר, האב איך געטון און נאך מעהר. איהר האט מיך אבער איבערגעלאזט אין דער מיט, איהר זענט אַ שעהנע חברה — זאל אייך דער רוח נעהמען! ס׳געהט מיך גארנישט מעהר אן".

אט דער שעהנער שטעל איז טאקי וואויל און לייכט — אבער איך טאר איהם נישט טון. איך מוז ווייטער שלעפען. דאס שלעכטסטע איז אבער, וואס נישט נור די מתנגדים און די גלייכגילטיגע מאכען מיר צרות, נור אפילו אונזערע אייגענע לייט. אין דער באנק קען מען נישט צונויפברענגען צונ׳א הסכם. ס׳איז פארהאן מחלוקת׳ן און פריוואטע חלוקים צווישען די דירעקטארס. וואס איינער וויל, זאגט דער אנדערער ניין א. א. וו. איך וועל ווידער מוזען ארויס מיט געוואלד אבי ס׳זאל עפּיס געטון ווערען.

*) געפינט זיך ביי דער פרוי ד״ר ראזענפעלד אין אדעס.

**) אויפ׳ן ארט פון די פינטעלעך שטעהט אינ׳ם גוף בריעף אַ סימן וואס בעצייכענט דעם סולטאן עבדול חמיד.

אויך אינ׳ם א׳ ק׳ דוכט זיך עפּיס צו קאכען········ מ׳רעד פון „יונגציוניזם” וכדומה ס׳איז אבער אין אמת׳ן צו פריה, אַז מיר זאלען שוין האבען אונזערע יונגטערקען: אט דאס איז עס, מיר זענען טאקי אַ קלוגע אומה.

אבער דעריבער לאך איך סוף־כל־סוף. לאזען זיי מיך אמאל ארויסוואַרפען פון דער בעוועגונג!

דערווייל האב איך נור איין איינציגע דאגה: געלד. גרויסער גאט, פון וואנען זאל איך עס נעהמען. איך צוברעך מיר דעם קאפּ, וואו מ׳קען עפּיס געפונען.

דער קאנגרעס וועט זיין ארום דעצעמבער אין באזעל. די ארגסטע צייט. אבער מיין פּראיעקט: יולי אין לאנדאן, איז אבגעווי־זען געוואָרען פון די פּראקציעס, נור דערפאר ווייל ס׳איז מיין פּראַ־יעקט. ס׳איז גאר נויטיג געווען צו געהן כאפּען דעם שמיץ פון דער יק״א. דערפאר האט מען קיין צייט נישט פאר׳ן קאנגרעס.

דאס אלדינג זאל בלייבען צווישען אונז. איהר זענט דערצו זוכה, אז איך ווין מיך פאר אייך אויס, דערפאר ווייל כ׳האב אייך ליעב פונ׳ם הארצען.

אייער געטרייער איבערגעגעבענער.

בנימין*)

*) דאס איז הערצל׳ס אידישער נאמען און ער האט זיך מיט איהם בענוצט נור אין אינטימע בריעף.

צו מארטין בובער אין וויען.*) **)

אלט־אויסזעע אים 8. סעפט. 1901.

הויכגעעהרטער פריינד!

די ידיעה וועגען דער באנק איז אמת. אבער ביי דער ידיעה, אזוי ווי ביי אסך אנדערע, איז עס גלייכער, אז מיר געבען זי צום ער־שטען מאל ארויס נישט דורך אונזער אפיציעלען ארגאן. אזוי, לפחות, מיינען די אנדערע חברים פונ׳ם וויענער א. ק. איך האב נאך כמעט פאר אכט טעג געוואלט פאנאנדערשיקען א צירקולאר צו די חברים פונ׳ם א. ק. און זיי דערמיט צו וויסען געבען, אז אינ׳ם חודש סעפטעמבער וועט מסתמא די באנק קענען אנהייבען צו ארבייטען; איך האב דעם צירקולאר שוין פארטיג געמאכט, אבער מיינע וויענער חברים האבען איהם אויפגעהאלטען, ווייל נאך זייער דעה טאר מען נישט צושיקען אזא ידיעה אפילו צו די חברים פונ׳ם א. ק. איידער די זאך איז שוין אינגאנצען גאר פארטיג. אצינד איז כמעט זיכער צו האפען, אז די אמטליכע זיצונג וואס וועט זיין אים 8. אקטאבער, וועט בעשליסען אז מ׳קען שוין אנהייבען צו ארבייטען.

איך האב אבער דא צו קעמפען מיט דעם מאדנעם עיכוב, וואס די פיהרערס און די בעאמטע, וועלכע מוזען אייגענטליך ארויסגעבען דעם לעצטען בעשלוס, זענען תמיד בייז, ווען אזא זאך שטעהט פריהער אין דער „וועלט״. איך דערצעהל אייך דאס גאנץ אפען, כדי איהר זאלט נישט מיינען, אז כ׳האב וועניג צוטרויען צו אייך און אז כ׳וויס נישט, וואס פאר ידיעות ס׳בעדארף צו האבען דער רעדאקטאר פונ׳ם פארטייבלאט. אצינד אבער, אז די ידיעה האט זיך שוין אבגעדרוקט אין „הצפירה״, מיין איך, אז קיינער וועט נישט קענען האבען קיין טענה, באם מיר וועלען אין דעם קומענדיגען נומער אבדרוקען אט די ידיעה: „ווי מיר זענען געוואהר געווארען, וועט די אמטליכע זיצונג, וואס וועט זיין אים 8. אקטאבער, בעשליסען אז די באנק קען אנהייבען צו ארבייטען״.

ס׳וואלט גלייך געווען איהר זאלט דאס נאך טעלעגראפיש אי־בערשמועסען מיט׳ן דר. קאקעש און דר. כהן.

---

*) בובער איז דעמאלט געווען רעדאקטאר פון דער „וועלט״.

**) געפינט זיך ביי איהם.

אז איהר וועט שוין זיין דערביי, וואלט איך אייך געבעטען, איהר זאלט זיי אנפרעגען וויפיעל זיי האבען בדעה ליליען צו בעצאהלען פאר זיין קאנגרעסקארטע. איך בין שוין אצינד מסכים צו דעם האנא־ ראר וואס זיי וועלען אבמעסטען און איך בעט אייך, צו דיקטיערען דעם איינלאדונגסבריעף איינעם פון אונזערע הערען סעקרעטערע, און איך וועל איהם דערנאך דאָ אונטערשרייבען.

מיט הערצליכע גרוסען

אייער גאר איבערגעגעבענער

הערצל.

צו האנס הערצל.

13. יולי 1902.

מיין טייערער זוהן האנס,

היינט ביסטו דער שליח, כדי איבערצוגעבען מיינע ידיעות דער ליעבער מוטער, ווייל איך האב געהאט זעהר אסך בריעף צו שרייבען. אז ס'וועט נישט אריינקומען אין דער מיט קיין גרויסער עיכּוב, האף איך דאנערשטאג אבענד צו זיין ביי אייך.

מיין פריפונג פאר דער קעניגליכער קאמיסיע *) האב איך גאנץ גוט איבערגעשטאנען, נור אין ענגליש בין איך דורכגעפאלען. דו פערשטעהסט דעם טעם אויך פונ'ם לאטיינישען. דאס דערמאנט דעם מענשען, ער זאל צולערנען וואס ער קען נישט. ווייל דו און איך,ביידע מוזען מיר אלדינג טון מיט אנ'אויסצייכנונג. איך האב הנאה וואס דו לערנסט פלייסיג טערקיש.

קוש די גוטע מוטער און ס'האלזט דיך גאר ליעב

דיין טרייער

פאטער.

*) ער האט דערמיט געמיינט זיין פארקומען פאר דער Alien Commission (קאמיסיע וועגען אריינוואנדערן פון פרעמדע) אין לאנדאן.

צו פרוי יוליע הערצל*)

3· מאַי 1904·

פראנצענסבאד· ווילא אימפעריאל·

אט אצינד בין איך אהער געזונד אין שטארק אנגעקומען· ס׳פער־שטעהט זיך דער איינציגער פאסאזשיער· אויף דער סטאנציע האט מען זיך אזוי וועניג געריכט אויף אזא שטארקען פערקעהר פון פרעמדע· אז מ׳האט מיר אזש נישט אבגענומען מיינע זאכען און זיי זענען ווײ־טער פארפאהרען קיין עלסטער· איך האף· אז כ׳וועל זיי אוודאי בע־קומען צוריק·

אינ׳ם הויז וואו איך וואוין בין איך דער איינציגער גאסט און אין מיין צימער שטעהט נאך נישט קיין בעט· די בעל־הבית׳טע איז געוועזן נבהל ונשתומם ווי כ׳בין געקומען· איך בין בכלל נישט נור דער איינציגער מאן נור אפילו די איינציגע פרוי· די קורמוזיק שפיעלט שוין טאקי· אבער ווייל זיי האבען נישט אויף זיכער געוואוסט· צי איך וועל קומען· האבען זיי שוין ארום האלב פינף אַ זייגער אויפגעהערט·

איך האלז דיך און די ליעבע שעהנע קינדער·

אייער געטרייער פאטער

טהעאדאר·

*) פון די פאמיליע־בריעף זענען אויסגעשטריכען אַפאר אינטימע ווערטער·

צו דר׳ א׳ פרידעמאן בערלין*)

ווין, 1902. 10. 8.

זעהר געעהרטער פריינד,

אונזער שויער האט מיר נאכאמאל געשריעבען, אז איהר בע־דארפט אַ פערצייכניש פון מיינע ליטעראַרישע ווערק. (די ציוניסטישע וועט איהר בעקומען אין קאנגרעס־ביורא).

איך האב געשריעבען אסך טעאטערשטיק. דאס ערשטע, וואס איז אויפגעפיהרט געוואָרען אין בערלין, איז געוועזן „זיינע האהייט" (דאס געלד), אַ טעאטערשטיק פאר אַ גאנצען אבענד. חוץ דעם אסך קאמעדיעס (אינ׳ם בורגטעאטער און אויף אסך אנדערע בינעס).

„דער פליכטלינג" (דער ענטלאפענער), קאמעדיע.

„פרינצען פון געניע לאנד" קאמעדיע.

„ווילדדיעבע" (אינאיינעם מיט׳ן ה׳ וויטמאַן) קאמעדיע.

„אונזער קעטכען" (קאמעדיע).

„גרעטעל" (דראמא)

„דאס נייע געהעטא" (דראמא)

„סאלאן און לידיען" (מיין נייעסטע דראמא).

פון מיינע ביכער, וואו איך האב געזאמעלט ערצעהלונגען און עסאַיס, דערמאן איך נור „פאליי בורבאן", וואס איך האלט פאר מיין בעסטען זאמעלבוך, און די „פילאזאפישע ערצעהלונגען" (ביי פעטעל, בערלין 1902). אין אנדערע פריהערדיגע געזאמעלטע שריפטען זענען פארהאן אסך נישט־חשובע זאכען.

פאר מיין הויפטווערק ביז אצינד האלט איך דעם ראמאן „אלט־ניילאנד" וואס איז אצינד ארויס פון דרוק.

איך בין געוועזן פון 1891 ביז 95 פאריזער קארעספאנדענט פון דער „נ׳ פר׳ פרעסע" און בין פון 1895 אן דער רעדאקטאר פונ׳ם פע־

---

*) דעם בריעף האט הערצל געשריעבען צום מחבר, וואס האט בעדארפט צו געבען מאטעריאל פאר׳ן ווארט „הערצל" אין אַ קאנווערזאציאנס לעקסיקאן. דער בריעף געפינט זיך ביים מחבר.

ליטאן און פונ׳ם ליטעראַרישען טייל אין דער דאזיגער צייטונג· פון 1895 אן וואוין איך תמיד אין וויען, ווי ס׳איז אייך אבער בעקענט האב איך געמאכט נסיעות·

ס׳טוט מיר הנאה אייך אריינצושיקען מיין „פאליי בורבאן״·

מיט הערצליכע גרוסען

אייער איבערגעגעבענער

הערצל·

צו פרוי יוליע הערצל אין וויען.

פראנצענסבאד, 10. מאי 1904.

היינט האב איך בעקומען דיין בריעף פון זונטאג, אבער פון נעכטען האב איך גאר נישט בעקומען. קאצנעלזאהן פאהרט היינט ווי־דער אוועק. ער איז געקומען גלייך פון בערלין אהער און ער מוז גיך אהיימפאהרען. היינט האב איך גענומען מיין 6. באד. די באד איז נישט אין דער היים, אבער ס׳איז נישט ווייט. פאר די זיעבען קורגעסט איז דא היינט געווען א אוציעכע: דער קורזאל איז אבגע־ברענט געווארען. דאס וועטער איז שלעכט, איך לייען אסך.

דיין געטרייער טהעאדאר.

צו האנס הערצל

עדלארערהויף, 9. יוני 1904.

מיין געליעבטער זוהן האנס.

צו דיין טייערען געבורטסטאג ווינש איך דיר געזונד, מזל און הצלחה אויף אלע דיינע וועגען, אצינד און אויף אייביג. ס׳וועט דיר איה״ש דיין געבורטסטאג, וואס איז היי יאהר עפיס אבגעלאזט, דער־זעצט ווערען, ווען איך וועל ווידער זיין אינאיינעם מיט אייך, מיינע טייערע. נאך דיין פריפונג אין אויסזעע וועלען מיר זיך מיט גאט׳ס הילף לוסטיג און פרעהליך צולעבען.

ס׳האלזט דיך מיט גאר טיעפער ליעבע

קוש מיר די גאלדענע טרודעל. דיין פאטער.

דאקומענטען

כתבים פונ׳ם שילער פעריין „מיר״ וואס הערצל האט געגרינדעט זייענדיג א יונגעל פון פערצעהן יאהר׳

א) הויפט-תקנות

פונ׳ם בעלעטריסטישען פעריין „מיר״ פערפאסט פון טהעאדאר הערצל׳ אנגענומען געווארען אין דער ערשטער זיצונג פונ׳ם 22׳ פעברואר 1874׳

1) דער צוועק׳ מיר גרינדען א חברה כדי רייכער צו מאכען אונזערע ידיעות און צו פערשענערן אונזער שפראך דורכדעם וואס מיר וועלען אנשרייבען קליינע מעשהליך און מערכען׳ ווערק׳ וואס האבען נישט קיין גרויסען ווערט פאר די קענטעניש׳ וועלען מיר נישט אננעהמען׳

2) די ווערק׳ די ווערק קענען ארויסגענומען ווערען פון דער היסטאריע׳ פון דער אגדה אדער פון אליין דערלעבטע זאכען׳ זיי מוזען אבער תמיד האבען א שעהנע צורה׳

3) זייער רעצענזיע׳ די ווערק ווערען תמיד איבערגעגעבען צו צוויי קריטיקערס וואס געבען ארויס די רעצענזיע; באם זיי נעהמען דאסביידע אן׳ אזוי רייסט מען אויף דעם קאָווערט און דער מחבר לייגט פאר זיין ווערק׳ באם נישט׳ אזוי פערברענט מען דאס ווערק מיט דעם נישט אויפגעריסענעם קאָווערט פאר די אויגען פון די חברים׳ כדי דער מחבר זאל זיך נישט אבשרעקען און מאכען נייע נסיונות׳

4) דאס איבערגעבען׳ די ווערק זאלען איבערגעגעבען ווערען אהן א אונטערשריפט פונ׳ם מחבר׳ נור ס׳מוז זיין דרויף אנגעשריבען א מאטא וואס שטעהט אויך אויפ׳ן קאָווערט אין וועלכען ס׳איז פארהאן דער נאמען פונ׳ם מחבר׳ די ווערק מוזען זיין ריין אנגעשריבען מיט טינט און מ׳מוז זיי איבערגעבען דעם סעקרעטאר אויף אזא אופן׳ אז מ׳זאל נישט דערקענען ווער ס׳איז דער מחבר; די חברים ווערען אויך געבעטען גאר נישט געבען

אנצוהערען, כדי די קריטיקערס זאלען נישט אויפהערען אומפאר־טייאיש צו זיין.

5) דעקלאמאציע. די חברים ווערען געבעטען, אז זיי ווילען עפיס דעקלאמירען, זאלען זיי דאס א פאר טעג פאר דער זיצונג צו וויסען טון דעם פרעזידענט כדי ער זאל צוגרייטען דאס פראגראם. מ׳בעט אויך די חברים, אז זיי זאלען נור אזעלכע געדיכטע דעקלא־מירען וואס זיי האבען זיי גוט דורכגעפיהלט און קענען זיי אין גאנצען אויסענווייניג.

6) חברים. א חבר קען נור ווערען דער, וואס צוויי חברים ברענגען אריין אנ׳אנטראג אז מ׳זאל איהם אויפנעהמען.

7) בעדינגונגען. ס׳ווערט גאר נישט געצאהלט, מ׳בעט אבער די חברים, אז זיי זאלען זיך משתדל זיין שענקען פאר דער ביב־ליאטעק כדי זי זאל רייך ארויסקומען.

8) ביבליאטעק. די ביכער בעקומען נומערן און די חברים קענען זיי אויסלייהען פון איין זיצונג צו דער אנדערער. דער פרעזידענט פיהרט אויך די ביבליאטעק.

9) וואהל. ביי דער ערשטער זיצונג ווערט געוועלט אין א שטילער וואהל דער פרעזידענט און דער סעקרעטער; די ווערק פאר דער רעצענזיע קען דער פרעזידענט איבערגעבען וועמען ער וויל.

10) זיצונג. אין יעדער זיצונג ווערט בעשלאסען דאס ארט און די צייט פון דער קומענדיגער זיצונג. באם ס׳איז פארהאן א גלייכע צאהל פון שטימען פאר און קעגען, איז דער פרעזידענט מכריע.

ב) הויז־תקנות פון „מיר״

I. בנוגע צום פרעזידענט.

1) דער פרעזידענט מוז רעדען צו די חברים בשעת א זיצונג בלשון „איהר״.

2) דער פרעזידענט טאר צו די חברים גאר נישט זאגען, וואס ריהרט אן זייער כבוד.

3) דער פרעזידענט מוז לאזען א יעדען אויסרעדען און מוז יעדען חבר געבען רשות צו רעדען, טוט ער נישט אזוי, מעג זיך דער חבר אליין דאס רשות נעהמען.

4) דער פרעזידענט האט נור ארויסצוגעבען בעפעהלען, מעהר קעהר נישט צו זיין אמט.

5) דער פּרעזידענט טאָר נישט איבערהאַקען די פאַרלעזונגען.
6) פאַר קליינע פּעהלערס טאָר דער פּרעזידענט נישט אַבווייזען קיין ווערק.
7) אַ נייעם פּרעזידענט מעג מען נור וועהלען נאָך 10 זיצונגען.

II. בנוגע צום סעקרעטער.

1) דער סעקרעטער דאַרף קאָנטראָליערען אַלע אַרבּייטען און דערצו פיהרט ער אַ פּראָטאָקאָל.
2) אַלדינג וואָס טרעפט זיך מוז דער סעקרעטאַר אַריינשרייבען אין׳ם פּראָטאָקאָל.
3) דער סעקרעטער דאַרף אַלעס שרייבען ווי למשל איינלאַדונגען, אַרטיקלען וכדומה.
4) אַ נייעם סעקרעטאַר מעג מען נור וועהלען נאָך 10 זיצונגען.

III. בנוגע צום אַרכיוו־פיהרער.

1) דער אַרכיוו־פיהרער איז מחויב אָבצוהיטען אַלע אָנגענומענע ווערק.
2) דער אַרכיוו־פיהרער מוז האַלטען אַ רשימה אין וועלכער ס׳זאָל שטעהן פערשריעבען דער נאָמען פונ׳ם ווערק, פונ׳ם מחבר, אין דער וויעפיעלטער זיצונג מ׳האָט דאָס פאַרגעליינט און וועלכער פּונקט אויפ׳ן פּראָגראַם ס׳איז געווען.
3) דער אַרכיוו־פיהרער דאַרף דאָס אַריינשרייבען תיכף ומיד נאָכ׳ן סוף פון דער זיצונג.

IV. בנוגע צו די קריטיקערס.

1) רעצענזיעס זאָלען נור זיין איבער געדיכטע און ערנסטע ערצעהלונגען.
2) די קריטיקערס מוזען קומען איינער נאָכ׳ן אַנדערען נישט תמיד אין דער אייגענער שורה, אָבער יעדער חבר מוז לפחות איינמאָל אונטער 6 זיצונגען אַ רעצענזיע מאַכען.
3) קיינער טאָר נישט מאַכען קיין רעצענזיע וואָס איז נישט גערעכט׳ דערפאַר זאָל איבער יעדען ווערק צוויי רעצענזיעס געמאַכט ווערען. באַם די רעצענזאָרען האָבען פערשיעדענע דעות, זאָלען די אַנדערע חברים מכריע זיין.
4) די שורה פון די קריטיקערס מאַכט דער פּרעזידענט.

V. בנוגע צו די חברים.

1) בשעת דער זיצונג מוזען די חברים צו זיך רעדען בלשון "איהר".
2) די חברים מוזען פאר יעדער זיצונג לפחות איין ווערק געבען.
3) די חברים דארפען זיך גוט איבערלעגען, איידער זיי פסקנען אב א ווערק.
4) בשעת די פארלעזונגען טארען די מיטגליעדער נישט ארומגעהען אהין און אהער, און גאר נישט אויסרופען, בעיקר טאר קיינער נישט מאכען קיין ווינקען, אז די זאך געפעלט נישט.
5) א חבר וואס פעהלט, מוז זיך פערענפערן פאר'ן פרעזידענט.
6) די חברים טארען זיך צו קיינעם נישט טשעפען מיט שנאה, מ'טאר אויך קיינעם נישט חושד זיין, באם מ'האט נישט קיין ראיה פאר דעם חשד.
7) א נייער חבר קען נור אויפגענומען ווערען, ווען לפחות 2 חברים געבען אב זייער שטים דערפאר, באם נישט קען ער נישט אנגענומען ווערען.
8) פרייע פארטרעגע מוז מען צונ'ערשט גוט איבערקלערען, איידער מ'האלט זיי.
9) נור אז אלע חברים פאדערן, קען מען פארטרעגע אדער דעק־לאמאציעס איבערהאקען אין דער מיט.
10) די חברים זענען מחויב אויף אלדינג אכטונג צו געבען, כדי ס'זאלען נישט ארויסקומען קיין בעליידיגונגען.

הוספה.

באם דער פרעזידענט קען נישט קומען צו קיין זיצונג, אזוי זוכט ער זיך ארויס א ממלא מקום וואס פיהרט די זיצונג.

ווי דיאמאנט	אנגענומען פון
סעקרעטער פון "מיר".	טהעאדאר הערצל, פרעזידענט
	יוליוס רייך, ארכיוו־פיהרער
	יצחק ערנסט
	קאלאמאן ווייסבערגער
	דייטש סאן
	ג. שווארץ

ג) פון דער רשימה פון "מיר"

אחוץ אנדערע זאכען האט מען פארגעלייענט:

אמאזים און דער געניוס, מערכען פון טהעאדאר הערצל, נר. 12.

די פריינד, הומארעסקע פון טהעאדאר הערצל, נר. 4.

דאס פערכשופטע הארץ, מערכען פון טהעאדאר הערצל, נר. 8.

דער קאמף פאר׳ן רעכט פון נקמה׳ נאוועלע פון טהעאדאר הערצל׳ נר׳ 32,

די נעמעזיס׳ הומארעסקע פון טהעאדאר הערצל׳ נר׳ 5.

דער געלערנטער פראפעסאר אין דער קלעם׳ הומארעסקע פון טהעאדאר הערצל׳ נר׳ 17.

די וואנסע׳ הומארעסקע פון טהעאדאר הערצל׳ נר׳ 1.

פון פאריז קיין לאמבעסא׳ ערצעהלונג פון טהעאדאר הערצל נר׳ 27.

אדרעס פון די עסטרייכישע אקאדעמיקער אים מאי 1896. *)

לכבוד דעם

הער דר׳ טהעאדאר הערצל

אין וויען.

הויכגעעהרטער הער דאקטאר!

דער רוף׳ וואס איהר האט געלאזט הערען אין אייער „יודענ־שטאאט״ צום יודישען פאלק׳ געפינט א שטארק בת־קול אין די הערצער פון טויזענדער פון אייערע שטאם־ברידער. אזוי אלט ווי אונזער גלות אזוי אלט איז אויך דאס בענקעניש פון אונזער פאלק נאך פרייהייט; אבער נאר איינצעלנע אבגעזונדערטע קהלות האבען הויך ארויסגעזאגט די אינערליכע בקשה. איהר׳ הויכפערעהטער הער דאקטאר׳ האט געהאט דעם מוט אט די געפיהלען קלאר און דייטליך ארויסצוזאגען און צו ווייזען פאר די נאציאנאלע בע־שטרעבונגען פון אונזער פאלק נייע וועגען פון האפנונג אויף דער צוקונפט. דערפאר קומט אייך דער דאנק פונ׳ם פאלק׳ און די אונטערגעחתמ׳טע — גייסטיגע ארבייטער אינ׳ם יודענטום — מיינען׳ אז זיי קענען אייך דעם דאנק נור דערמיט בעווייזען׳ וואס זיי בעגריסען מיט שמחה די ניי־אויפגעוויקעלטע נאציאנאלע פאהן און געבען זיך איבער צו ארבייטען פאר דעם הייליגען רעיון פונ׳ם יודישען פאלק.

*) דער קול־קורא אז מ׳זאל זיך אונטערשרייבען אויף דער אדרעס איז ארויס פונ׳ם „פערבאנד פון די עסטר׳ פעריינע פאר ישוב ארץ־ישראל און סיריען״ וואס צונ׳איהם האבען געקעהרט די פעריינען: אקאד׳ פערבינדונג „קדימה״ אין וויען; פערבינדונג פון די עסטר׳־שלעזישע אקאדעמיקער „עבריה״ אין וויען; פעריין פון די יודישע וועטער. מעדי „לבנוניה״ אין וויען; אקאד׳ פערבינדונג „חשמוניה״ אין טשערנאוויץ; יודי אקאד׳ פערבינדונג „אוניטאס״ אין וויען; אקאד׳ פעריין „גמלא״ אין וויען; פעריין פון די תלמידים פון דער איזר׳ טהעאלא־גישער שולע אין וויען; אקאד׳ פעריין „הומאניטאס״ אין גראץ.

אדרעס פון די יודען אין ארץ־ישראל
צום דרי׳ הערצל 1896

אין דער היסטאריע פונ׳ם יודישען פאלק פאר׳ן יאהר תרנ״ו, וואס מיר שטעהן אצינד אויף זיין גרעניץ, וועט זיין אייביג א נאמען איינגעשריעבען מיט גאלדענע אותיות, דער נאמען פון דעם מאן, וואס איז דורך זיין הערליכען ספר וועגען דער מדינה געווארען א שליח פון שלום פאר אלע פעלקער און א ליכטיגער שטערן פאר זיין אייגען פאלק.

דאס יאהר, וואס מיר האלטען שוין ביי זיין סוף, וועט בלייבען אינ׳ם אייביגען זכרון, ווייל אין איהם איז די יודישע מדינה נאכאמאל גייסטיג געבוירען געווארען. און אויב אפילו ס׳וועלען נאך אוועק א סך יאהרען ביז דער גרויסער רעיון וועט אויסגעפיהרט ווערען — די געטרייע זוהן פונ׳ם יודישען שטאם וועלען זיך פול האפנונג און אמונה האלטען אן דעם רעיון פונ׳ם יודענשטאאט, און וועלען זיין צוגעבונדען מיט טיעפע דאנק־ און כבודגעפיהלען צו דעם מאן, וואס האט גע־בראכט דער אלטער האפנונג א נייעם כח, וואס האט זיך איבערגעגעבען צו זיין פאלק מיט׳ן התלהבות פון א געטרייעם זוהן, און איז געווארען פאר׳ן פאלק א קלוגער מורה דרך. אחוץ דער גרויסער צאהל פון די פערשטענדיגע און ווארימע ברידער אין די גלות־לענדער, זענען אויך די הערצער פון טויזענדער, וואס לעבען אין דער אלטער היים, אנגעפולט מיט ליעבע און דאנקגעפיהלען צונ׳אייך, הויכפערעהרטער הער דאקטאר. די הערצער פון טויזענדער, וואס די אמונה און האפנונג, די ליעבע און געטרייקייט האבען זיי איינגעפלאנצט אינ׳ם לאנד פון זייערע אבות, און אצינד קוקען זיי צונ׳אייך ארויף מיט מסירת נפש און כבוד, ווייל איהר האט געפונען די שפראך פאר זייערע טיעפסטע געפיהלען און הייס׳טע בקשות.

ערלויבט אונז אינ׳ם נאמען פון די געטרייע, אייך, אונזער געטרייען פריינד און חשוב׳ען זוהן פון ציון איבערצוגעבען א גרוס פון ציון און ברכות פונ׳ם טיעפסטען הארץ צום נייעם יאהר. מיר רופען אייך צו פונ׳ם אלטען, טייערען ירושלים: חזק ואמץ!

זײ שטאַרק און פֿעסט אין דײַן קאַמף פֿאַר׳ן רעכט און כּבוד און פֿרײַהײט און גליק פֿון אונזער פֿאָלק.

ווילהעלם גראָס, יפֿו
אפֿרים כּהן
ד. יעלין
דר. יוסף דזערמאַנס
מיכאל פּינעס
זאב יעבץ
א. מני
בן יהודה
דר. גרינהוט

די ידיעה וועגען ערשטען ציוניסטען־קאנגרעס.

ציוניסטען־קאנגרעס.

דערוויילינגע ידיעות.

אים 25. 26. און 27. אויגוסט וועט אבגעהאלטען ווערען אין מינכען א וועלטקאנגרעס פון די ציוניססען.

דער צוועק פון דעם קאנגרעס איז צו דערנעהנטערן די ציוניסטען, כדי זיך קלאר צו מאכען די פערשידענע ענינים און כדי די בשותפותדיגע בעשטרעבונגען זאלען בעקומען איין פנים.

דער קאנגרעס וועט אויסהערען די בקשות פון אונזערע ברידער וואס ווערען גערודפ׳ט אין פערשידענע ערטער און וועט אנ׳עצה האלטען ווי אזוי מ׳קען זיי העלפען.

ווער ס׳וויל א חלק נעהמען אינ׳ם קאנגרעס מוז דאס צו וויסען טון אמשפעטעסטען ביז צום 15. אויגוסט. מיר וועלען אין קורצען אנווייזען די ערטער אין די איינצעלנע לענדער (די לאנדעסקאמיטעטען) וואו מ׳קען זיך פערשרייבען צום קאנגרעס: דערווייל קען מען זיך פערשרייבען אינ׳ם צענטראלבירא פונ׳ם קאנגרעס (פעריין „ציון", וויען II רעמבראנד־שטראסע 11). די פערשריבענע וועלען בעקומען זייערע איינטריטסקארטען צו דער רעכטער צייט. אז די טיילנעהמערס פונ׳ם קאנגרעס וועלען פערלאנגען, קען מען זיי פערזארגען סטאנציעס אין מינכען.

אז דער סדר־היום וועט זיין גאנץ פארטיג וועלען צושיקט ווערען אפיציעלע איינלאדונגען, מיט די חתימות פון אלע איינלאדערס, צו פעריינען און אינסטיטוציעס.

דעם קאנגרעס וועט אנהייבען דער עלטסטער פון די פערזאמעלטע, דער אלטער־פרעזידענט. דערנאך וועט מען אויסוועהלען די פיהרערס פונ׳ם קאנגרעס. די וכוחים וועלען געפיהרט ווערען לויט די פרינציפען פון א פערשטענדיגער און א בכבוד׳ער רעדעפרייהייט.

פאר יעדען פונקט פונ׳ם סדר־היום וועט זיין א בעזונדערער רעפערענט; מ׳קען איהם שוין אצינד ידיעות צושיקען, אדער גלייך צונ׳איהם אדער דורך דעם פעריין „ציון" אין וויען.

ביז אצינד זענען בעשטימט די רעפעראטען:

א) דער מצב פון די יודען אין די איינצעלנע לענדער (א בעזונדער

רעפעראט פאר יעדען לאנד)· דאס עקאנאמישע· געזעלשאפטליכע און פאליטישע לעבען· רעפערענט איז הער דר· מאקס נארדוי אין פאריז (אוועני דע ווילִיער נר· 34)·

ב) די קאלאניזאציע· איהרע רעזולטאטען ביז אצינד און האפ־נונגען אויף שפעטער· מכּח דעם מצב פון ערד־ענינים· אינדוסטריע· האנדעל און טעכניק· רעפערענט איז הער ווילי באמבוס אין בערלין (ווּ· בילאוושטר· 89)·

ג) דער חוב פון די יודישע צדקה אינסטיטוציעס אין ארץ ישראל· רעפערענט הער דר· הירש הילדעסהיימער אין בערלין·

ד) געלד־ענינים· רעפערענט הער דר· מאקס באדענהיימער קעלן א· רה· (האהענצאלערנרינג 18)·

ה) די יודענפראגע און דער קומענדיגער דיפלאמאטישער קאנגרעס פון די גרויסמעכטע· רעפערענט דר· טהעאדאר הערצל אין וויען (בערגגאס נר· 6)·

ו) שיקען פראדוקטען פון די יודישע קאלאניעס אויף דער פאריזער וועלט־אויסשטעלונג אינ׳ם יאהר 1900·

די אנדערע פונקטען פונ׳ם סדר־היום וועט מען שפעטער צו וויסען געבען·

די אפיציעלע שליחים פון די געלאדענע פעריינען און אינסטי־טוציעס וועלען אין דער צייט פונ׳ם קאנגרעס אבהאלטען א בעזונדערע אסיפה אין מינכען און וועלען איבערגעבען דעם קאנגרעס די רעזול־טאטען פון דער אסיפה·

א סך פראקטישע ענינים· וואס מיט זיי וועט זיך דער קאנגרעס אבגעבען· האבען אין זיך א׳ חשיבות פאר דעם הייַנטיגען טאג· דערפאר קען מען זיי נישט חדשים פריהער קלאר בעשטימען·

באם דער קאנגרעס וועט עס געפונען פאר נויטיג· אזוי וועט מען אויסוועהלען א ארבייטסקאמיטעט· וואס זאל פיהרען די יודישע ענינים ביז צום אנדערען קאנגרעס·

אזוי וועלען די בשותפות׳דיגע בעדערפענישען בעקומען אנ׳ארגאן· ס׳ווערט געשאפען א עיר מקלט פאר די בקשות און די קלאגען פון אונזערע ברידער· דו יודישע ענינים מוזען דערוויַיטערט ווערען פונ׳ם רצון פון יחידים· זיי מעגען טאקי האבען די בעסטע כּוונות· ס׳מוז ארויסקומען אנ׳עפענטליך בית־דין· וואס פאר איהם זאל א יעדער

אפגעבען דין־וחשבון איבער דעם וואס ר׳האט געטון אדער נישט געטון אין דער יודענפראגע. קיין איינציגער מענש מיט יושר וועט נישט זיין קעגען דעם.

מיר זענען זיכער, אז אלע מענשען וואס האבען אונזער געדאנק גוט פערשטאנען, וועלען אודאי א חלק נעהמען. ס׳געהט אונז אין דעם צו שאפען א שטענדיגע זיכערע היים פאר די דאזיגע יודען וואס ווילען נישט אדער קענען זיך נישט אסימילירען אין זייערע איצטיגע וואוינערטער.

דער קאנגרעס אין מינכען וועט בעווייזען וואס דער ציוניזם איז און וואס ער וויל, אז ר׳איז עפּים און אז ער וויל עפּיס.

דר. טהעאדאר הערצל.
וויען, בערגגאס 6.
אינ׳ם נאמען פון דער צוגרייטונגס־קאמיסיע.

דאס פּראגראם פון דער „וועלט" פערפאסט פון הערצל׳ן

ס׳האט זיך איבערגעדרוקט אינ׳ם ערשטען נומער פונ׳ם ערשטען יאהרגאנג (1896).

אונזער וואכענשריפט איז א „יודענבלאט".

מיר נעהמען דאס ווארט, וואס בעדארף צו זיין א שאנד, און ווילען דערפון מאכען א נאמען פון כבוד.

„די וועלט" איז א בלאט פון די יודען. פון וועלכע יודען? טאמיר פון די שטארקע יודען, וואס מ׳העלפט זיי אויך אהן אלעמען? ניין, זיי בעדארפען נישט, מ׳זאל זיי אונטערשטיצען.

„די וועלט" איז דאס בלאט פון די ארימע, די שוואכע, די יונגע, אבער טאקי אויך פון די דאזיגע, וואס האבען צוריקגעפונען דעם וועג אהיים צו זייער שטאם, כאטש זיי זענען אליין נישט אין קיין בעדריקטען מצב. ס׳זאל זיך קיינער נישט דערוועגען צו זאגען, אז מיר האבען אריינגעבראכט אינ׳ם יודענטום די קלאסען־שנאה, דערמיט וואס מיר נעהמען זיך אן פאר די שוואכע צווישען

אונזערע ברידער. אין אונזערע שורות שטײען געגוג מענער, וואָס זענען נישט קײן „פּראָלעטאַריער", נישט קײן רעוואָליוציאָנערען און נישט קײן משוגעים. דער רעיון, צו וועלכען מיר דינען איז גרויס און שײן, א בנין פון שלום, א פרידליכער ענפער אויף דער יודען־פראַגע. א רעיון, וואָס איז אוודאי בכח אנצופילען מיט התלהבות אלע איידלערע מענשען, זײ מעגען זײן קריסטען, מחמדאַנער אדער יודען.

מיר חזר'ן נאָכאַמאָל איבער די ווערטער, וואָס זענען אונזערע פריינד שוין בעקאַנט, אז מיר ווילען:

שאַפען א הײם, געזיכערט דורכ'ן פעלקעררעכט, פאַר די דאָזיגע יודען, וואָס ווילען נישט אדער קענען נישט זיך אַסימילירען אין זײערע איצטיגע וואוינערטער.

מיר פערזאַמלען זיך אונטער דער פאָהן פון ציון, אבער כאָטש מיר קוקען אַרום אויף א ווייטען צירקעל, פונדעסטוועגען טאָרען מיר נישט און וועלען מיר אויך נישט אַבווענדען אונזער קוק פון דעם הײנטיגען מצב פון די יודען. „די וועלט" וועט זײן פאַר'ן יודישען פאָלק אַ אבהיטער און א כלי זין, א רײן כלי־זין, אקעגען ווע־מען? אקעגען זײנע שונאים — סײ ווי פון וועלכער רעליגיע זײ זענען.

מ'זאָל אבער נישט מײנען, אז מיר וועלען זיך אַראָבלאָזען צו דער שפּראַך פונ'ם המון, אדער אז מיר וועלען גרויס און שײן מאַכען אַלדינג וואָס יודען טוען אדער טוען נישט. אנ'אמתדיגע, עהרליכע קריטיק פאַר זיך אַלײן וועט דעם יודענטום אוודאי נוצליך זײן, און אזא קריטיק וועלען מיר אויך אַרויסגעבען, כאָטש ס'וועלען זיך אוודאי א סך דעריבער בעקלאָגען, פאַרוואָס מ'טוט אזוינס „אין דער צייט."

אײנע פון די אַרגסטע פירות פונ'ם אַנטיסעמיטיזם איז עס געווען, וואָס „אין דער צייט" זענען געווען א סאָרט לייט, וואָס מ'האָט זײ קײנמאָל נישט געשטראָפט. וואָס די יודענפרעסער האָבען איבער זײ געזאָגט, האָט מען פערשטעהט זיך, אויפגענומען ווי אנ'אומגעלומפּערטע גוזמא, און די אַנשטענדיגע יודען האָבען געמײנט, אז זײ מוזען פון אַלעמען שווייגען. דערפאַר האָבען אונזערע שונאים געקענט אויפשטעלען דעם כלל, אז אלע יודען האָפטען פאַר די געמײנע מעשים פון יחידים. און דוקא אָט די ניעדריגע פאַרשווינען האָבען בעקומען א שיף דורך אונזערע שונאים, אבער אונזערע בעסערע לייט זענען טיעף געשטראָפט געוואָרען אין זײער כבוד.

די נייע יודישנאציאנאלע בעוועגונג וויל אויך אין דעם מאכען א שנוי. אט די בעוועגונג איז ארויס פון אונזערע אוניווערזיטעטען, און ס'איז נאך אויך איהר געבליעבען דער גלאנץ פונ'ם אידעאל, כאטש זי איז שוין פון א לאנגער צייט אריין אינ'ם פראקטישען לעבען און זי רעכענט זיך מיט די תנאים פון דעם לעבען. וויפיעל נארישע דעות האט מען פערשפרייט איבער אונזער נייגעבוירענעם נאציאנאליודענטום. „די וועלט" וועט זיי מבטל זיין. מ'רעד אויף אונז אן, אז זענען מיר רעוואלוציאנערען אט רעאקציאנערען, בשעת מיר וואלטען דאך נור געוואלט א געזונדען פארטשריט מיט מאס. ס'איז אמת, מיר הענגען מיט אונזער גאנצער נשמה אינ'ם אלטען, מיר האבען ליעב דעם שעהנעם עבר פון אונזער פאלק, וואס איז אנגעפולט מיט מלחמות און מיט צרות; אבער מיר ווילען דאך נישט צוריק אריין אין עפיס א ענגען גייסט. נור די דיכטונג און די היסטאריע, וואס מיר וועלען פאר זיי אבגעבען פלאץ אין אונזער צייטונג, נור זיי וועלען איהם דערצעהלען פון די אמאליגע געשעהנישען.

אזעלכע זכרונות האבען נור מיר אליין, אבער דאס שעהנקייט פון די האפנונגען האבען מיר בשותפות מיט אלע מענשען. „אין דער צייט" פון נייע יודישע צרות, קומען אויך פאר אין דער וועלט א סך שעהנע זאכען. מ'בעזיעגט די כחות פון דער נאטור, די קולטור נעמט אלץ איין וואס אמאל נייע ערטער, דורכ'ן פערקעהר צווישען די פעלקער קומען ארויס איידלערע מנהגים און א טיעף בענקעניש נאך געזעלשאפטליכע רעפארמען לעבט אי ביי די ארימע אי ביי די בעסטע לייט. דאס נאציאנאל יודענטום מיט זיין יונגען מענליכען כח נעמט א חלק אין די אלע ארבייטען און בעשטרעבונגען — נישט נור דערפאר ווייל דאס נוצט אונזער פאלק, נור אויך לטובה פון אלע אנדערע מענשען. דאס וועט זיך אויך ארויסווייזען אין אונזער צייטונג

און אין דער מיטען, צווישען זכרונות און האפנונגען, שטעהען אונזערע מעשים. אונזער ווערק שטיצט זיך אויפ'ן אויספארשען פונ'ם מצב, אויפ'ן בעקענען זיך מיט דער פאליטיק פון דער וועלט און אויפ'ן פעראייניגען פון אלע כחות.

די „וועלט" וועט זיין דאס ארגאן פון די מענער, וואס ווילען ארויס-פיהרען דאס יודענטום פון דער איצטיגער צייט ארויף אין בעסערע צייטען.

וויען, 3. יוני 1897.